STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05061

LUBLINER DERINERUNGEN

Natek Akerman

Permanent preservation of this book was made possible
by Nathan Weiner
in memory of
Fannie Weiner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נאַטעק אַקערמאַן

לובלינער דערינערונגען

נאַטעק אַקערמאַן

לובלינער דערינערונגען

איבערזעצט פון פוילישן כתב־יד:
דוד שטאָקפיש

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפספאַנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תשנ"א — 1990

נאַטעק אַקערמאַן

לובלינער דערינערונגען

נטק אקרמן

זכרונות לובלין

Natek Akerman

LUBLINER'S REMINISCES

©
כל הזכויות שמורות

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
הילפספאַנד פאַר יידיש־שאַפונג
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת. ד. 1777

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str., Tel-Aviv, P.O.B. 1777

נדפס בישראל תשנ"א
Printed in Israel 1990

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704



מיין טרייער לעבנס־באַגלייטערין,
דער געליבטער פרוי **עווּאַ** — געווידמעט

אַ האַרציקן דאַנק מיינע בני־עיר און לובלינער
אָרגאַניזאַציעס פאַר זייער הילף אַרויסצוגעבן דאָס בוך:
לובא און משה קאָרן, רבקה און דוד שטאָקפיש, טעשקע
פאַרשטעטער־קאָרמאַן, חנה און משה וואַסאַנג, מאָטל
גאַרטענקראַוט, הערי און אַנאַ פּרוכטמאַן — און די לובלינער
קאָמיטעטן אין ישראל, פראַנקרייך, ניו־יאָרק און מאָנטרעאַל,
ווי אויך דעם הילפס־פאָנד פאַר יידיש־שאַפן ביים
פאַרלאַג „ישראל־בוך".

דער מחבר

אינהאלט

קינדער־יאָרן 9
אין דער פאָלקס־שול 15
די משפחה 23
אין דער גימנאַזיע 29
די ביבליאָטעק — מיין דערציערין 35
אַ נייע תקופה אין מיין לעבן 42
אין פינפטן קלאַס 49
איבערגעלאָזט אויפן צווייטן יאָר 57
אין זעקסטן קלאַס 67
אין זיבעטן קלאַס 76
איך ווער סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיווע 85
דער בירגער־קריג אין שפּאַניע, די מאָסקווער פּראָצעסן . . . 99
עווא און איר משפחה 109
איך לערן זיך שניידעריי 113
דער אַרעסט 120
אין תפיסה אויפן „זאַמעק" 123
דער פּראָצעס 137
די אַפּעלאַציע 143
דער 9טער סעפּטעמבער 1939 150
מיר פאַרלאָזן לובלין 155
נאָכוואָרט 158

קינדער־יאָרן

מיינע זכרונות הייב איך אָן פון אַ תקופה, וועלכע איך זע זעלטן אין בולטע, אָבער גאַנץ אָפט אין שטאַרק פאַרנעפּלטע בילדער. איך וואָלט געוואָלט גרייכן אויף צוריק וואָס ווייטער און זיך דערמאָנען די משפחהדיקע היים, געזען מיט אויגן פון אַ קינד פון עטלעכע יאָר. איך זע דאָס געשטאַלט פון אַן אַלטיטשקער פרוי, די מאַמע פון דער מומע וואָלאָסטאָוויצער, וועמענס געזיכט איך געדענק נישט. איך זיץ אויף אַ קליין בענקעלע, ביי איר צופוסנס. איך געדענק זי אויך, ווען זי איז נאָכן טויט געלעגן אויף דער ערד און צוקאָפּנס האָבן געברענט ליכט. דערנאָך איז געווען די לוויה. מיט דער שוואַרצער עגלה האָט אָנגעפירט אַן עלטערער מאַן מיט אַ לאַנגער, גראָער באָרד. נישט קיין סך קאָן איך דערציילן פון דער לוויה־צערעמאָניע. איבעריקנס, די דאָזיקע עפּיזאָדן זענען נישט פאַר מיר וועזנטלעך. איך הייב פשוט אָן פון זיי, ווייל זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון אין דער פריער קינדהייט.

מיר האָבן געוווינט אויף דער שענסטער גאַס פון לובלין — קראָקעווער פאַרשטאָט 21, ווו אויפן צווייטן שטאָק האָבן מיר פאַרנומען אַ פינף־צימערדיקע וווינונג. ווי אַזוי האָט פּאַסירט, אַז איך, אַ זון פון אַן אָרעמען יתום און אַרבעטער, באַשעפטיקט אין אַ שניידער־וואַרשטאַט, בין געקומען אויף דער וועלט אין אַזאַ אַפּאַרטאַמענט, וועלכער אַנטשפּרעכט אַ פאַרמעגלעכער, בירגער־לעכער פאַמיליע. וואָס אַן אמת, האָט לובלין נישט „פּראָדוצירט" גבירים פון אָרעמעלייט און זעלטן ווען האָט ווער געהאַט דאָס מזל אַנצוהייבן פון דלות און ענדיקן מיט רייכטום. נאָר איך מוז מודה זיין, אַז מיין פאָטער האָט אָפּגעגליקט. לובלין איז געווען — און אַזעלכע געדענק איך זי שטענדיק — אַ קליינבירגערלעכע שטאָט. האַנטווערקער, קליינהענדלער, סוחרים, אייגנטימער פון הייזער, אַרבעטער באַשעפטיקטע אין קליינע וואַרשטאַטן. זיי אַלע האָבן

געהערט צו דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג. ס'איז נישט געווען קיין גרויסע אינדוסטריע, אויך נישט קיין פּראָלעטאַריאַט פון פאַבריק־אַרבעטער. די יידישע באַפעלקערונג (בערך אַ דריטל פון די 120 טויזנט איינוווינער), האָט געהאַט אַן ענלעכע, סאָציאַלע סטרוקטור. די גרעסטע טייל יידן האָט געוווינט אינעם קוואַרטאַל, וועלכער האָט אַרומגענומען די גאַסן קאָוואַלסקע, רוסקע, צירול־ניטשע, שעראָקע, נאַדסטאַווע, קראַוויעצקע, גראָדזקע, פּאָדזאַמטשע און טיילווייז אויך די לובאַרטאָווסקע און אַנדערע גאַסן, וואָס איך געדענק נישט זייערע נעמען. די פאַרמעגלעכע יידן, באַזונדערס די אינטעליגענץ, האָט זיך איינגעאָרדנט אין צענטער פון שטאָט, ווייל זיי האָבן דערצו געהאַט די מאַטעריעלע מיטלען.

בעצם, האָט מיין פאָטער באַדאַרפט זיך איינאָרדענען ערגעץ אויף דער רוסקע אָדער שעראָקע גאַס, ווו ס'האָט געוווינט מיין באָבעביילע די קעכין — און נישט אין די שיינע צימערן אויף קראַקעווער פאַרשטאָט. נאָר געשען איז אַזאַ פאַל. מיין פאָטער, בנימין אַקערמאַן, האָט געטראָפן אַהין צופעליק. דער זון פון אַ שווער פאַרהאָרעוועטן טרעגער און די מוטער אַ קעכין, וואָס האָט געקאָכט אויף חתונות, האָט מען געפירט אונטער דער חופה — נו, בין איך געקומען אויף דער וועלט. די אַלע געשעענישן זענען גראָד אויסגעפאַלן צום גוטן, ווייל די קינדהייט איז נישט געווען אַזוי טרויעריק און הונגעריק. איך מוז אָבער דערציילן, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, קוים וועט מען אָנהייבן צווייפלען, צי ס'איז אַלץ אין אָרדענונג, וואָס שייך מיין „סאָציאַלן אָפּשטאַם", ווייל אין יעדער באַשרייבונג פון מיין ביאָגראַפיע (ווי ס'איז מיר אָפט אויסגעקומען אין די שפּעטערע יאָרן), האָב איך זיך נישט אַריינגעלאָזט אין פּרטים.

מיין מאַמע, אַ יונגע און שיינע, איז געקומען קיין לובלין נאָך אַ גרויסער טראַגעדיע אין דער משפחה. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר, זענען געשטאָרבן אירע עלטערן און אייניקע ברידער און שוועסטער. און אַלע — פון טובערקולאָז, אין רעזולטאַט פון נויט און פון נישט דערעסן, אין דער שטאָט אויף דער ווייסל — פּילעוו.

די פֿאַרבליבענע קינדער האָט גענומען צו זיך די מומע וולאַסטאָ־וויצער, די אייגנטימערין פֿון דער גרויסער, שיינער וווינונג. איר מאַן נתן (איך טראָג טאָקע זיין נאָמען) איז געווען אַ באַוווסטער דאַמען־שניידער, געפֿירט אַ גרויסן וואַרשטאַט און געהאַט אַ גוטן נאָמען ביי דער פּוילישער, ווי ביי דער יידישער באַפֿעלקערונג. זיי זענען געווען גוט סיטואירט, נאָר אַ קינדערלאָז פּאָרפֿאָלק און גערן גענומען צו זיך אַ יתום. צווישן די באַשעפֿטיקטע געזעלן ביי נתן וולאַסטאָוויצער, איז געווען בנימין אַקערמאַן, מיין פֿאָטער, וואָס האָט געטראָפֿן אַהין פֿון די גאַסן פֿון דער יידישער אָרעמקייט און זיך געלערנט שניידעריי. אַ גוט פּאָר, דערצו אַ פֿעיקער בעל־מלאכה, וואָס האָט לייטיש חתונה געהאַט, גענומען אַ מיידל מיט נדן, האָט געקענט זיך שטעלן אויף די פֿיס און לעבן ניט שלעכט. זיין מאַמע ביילע איז געווען אַ געניטע קעכין און אַ סך יידישע משפּחות האָבן זי באַשעפֿטיקט, ווען מ'האָט באַדאַרפֿט פֿירן אַ קינד אונטער דער חופּה. דער פֿאָטער זכריה האָט אויף זיינע פּלייצעס געשלעפּט פּעק און זעק, כּדי צו פֿאַרדינען עטלעכע רובל און אויסהאַלטן די גרויסע משפּחה מיט פֿינף קינדער. ווי מיר האָט אָפּט דערציילט די באָבע, האָט די דאָזיקע שווערע אַרבעט, אַוודאי צוגעאיילט זיין טויט.

אינעם שניידער־וואַרשטאַט פֿון נתן וולאַסטאָוויצער, האָבן זיך באַקענט מיינע עלטערן. צי זיי האָבן חתונה געהאַט אויס ליבע — ווייס איך נישט. הייראַט אויס ליבע איז דעמאָלט געווען אַ זעלטענע דערשיינונג, ווייל פֿאַרבינדן זיך, האָט בדרך כּלל באַדאַרפֿט העלפֿן דעם מאַן זיך אַרויסצוהייבן פֿון דער נויט, אָדער מאַכן אַ בעסער געשעפֿט. אויב צו דעם צוגעבן דעם ווילן פֿון די עלטערן, זייער מאָראַל און פֿאָראורטיילן, די צוריקגעשטאַנענ־קייט און פֿינצטערניש — האָט אַלץ צוזאַמען געשאַפֿן אַזעלכע שטערונגען, וועלכע ס'איז נישט לייכט געווען גובר צו זיין. ביי דער יידישער באַפֿעלקערונג, האָט דער דאָזיקער שטייגער פֿון רעליגיעזע מנהגים, נאָך מער געשטאַרקט דאָס אַלצדינג. דער ווילן פֿון די עלטערן האָט דעצידירט וועגן דער חתונה, אַנדערש זענען

מענטשן געווען אויסגעשטעלט אויף די אייגענע כוחות און געוואָרן מאָראַליש פּאַראורטיילט פון דער אומברחמנותדיקער מיינונג פון דער סביבה. אין אַלגעמיין, האָט דער מאַן געטראַכט פאַר דער חופּה, וואָס וועט זיין צוקונפטיקע פרוי אים אַריינטראָגן אין נדן, אײדער זיינע געפילן צו איר, אָדער איר בליק אויפן לעבן, איר כאַראַקטער, שטימונג און... קעגנזייטיקע ליבע. דאָס חתונה האָבן האָט באַדאַרפט העלפן מאַטעריעל דער גאַנצער משפחה. אין ליכט פון מיינע פילאָזאָפיש־סאָציאָלאָגישע דיגרעסיעס, איז מיין מאַמע געווען דערצו אַזאַ געלעגנהייט. אין פאַל פון נתן וולאָסטאָוויצערס טויט, וואָלט דער טאַטע געירשנט די וווינונג, דעם וואַרשטאַט, די קליענטן און, אייגנטלעך, נישט באַדאַרפט אָנהייבן זיך איינצו־אָרדענען.

און אַזוי איז טאַקע געשען. זיי האָבן חתונה געהאַט. דער פאָטער האָט ווייטער געאַרבעט, ביזן טויט פון נתן וולאָסטאָוויצער, וואָס איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ יאָר פאַר מיין קומען אויף דער וועלט. ער איז נפטר געוואָרן אין אָנהייב פון יאָר 1916. אַן אײדעלער מאַן, וואָס אַלע האָבן אים ליב געהאַט, באַזונדערס די קליענטקעס, וואָס שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך גענייט ביי מיין פאָטער, האָבן זיי אָפּט דערציילט, אַז אַזאַ קולטורעלן און גוטן שניידער, האָט מען נישט געקענט געפינען אין גאַנץ לובלין.

דאָס אַלץ וואָס איך שרייב וועגן מיין משפּחה, איז מיר באַקאַנט פון דערציילונגען פון מיין מאַמען און איר מומען, די אַלמנה פון פאַרשטאָרבענעם, וואָס איז געבליבן מיט אונדז. אַזוי אַרום זענען מיינע עלטערן געוואָרן די אייגנטימערס פון אַן איינ־געאָרדנטער וווינונג, אַ פּראָספּערירנדיקן וואַרשטאַט און מעג־לעכקייטן צו אַ גוטן לעבן. איך בין געווען און געבליבן אַ בן יחיד.

ווען כ'בין אַלט געוואָרן זעקס יאָר, האָט די מאַמע אַדורכגע־מאַכט אַ שווערע, גינעקאָלאָגישע אָפּעראַציע און מערער נישט געקאָנט פאַרשוואַנגערן. זענען מיר געווען אין דער משפחה פינף נפשות: טאַטע־מאַמע, די מומע די אַלמנה, איר קוזינע די געלע מרים און איך. אין שטוב איז אָבער תמיד געווען טומלדיק און

אַ באַוועגונג. אין גרעסטן צימער האָט זיך געפינען דער וואַרשטאַט, ווו ס'האָבן געאַרבעט עטלעכע מענער און פרויען און אַ צוויי לערניינגלער. אינעם שלאָפצימער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש־קאַמאָד, אויף וועלכן דער פאָטער האָט צוגעשניטן די שטאָפן. אינעם דערבייאיקן צימער האָט מען אויפגענומען די קליענטקעס און דאָרט האָט זיך שטענדיק גערודערט. איין צימער האָט פאַר־נומען די מומע און די יתומה, די שוין דערמאָנטע מרים, אַ נידע־ריקע, מיט עבט געלע האָר, וועלכע האָט געוואַרט ביז מ'וועט זי חתונה מאַכן. זי האָט געהאָלפן אין וואַרשטאַט. איין צימער, דער קלענסטער, איז געשטאַנען ליידיק, נאָר געווען פאַרנומען, ווען מ'האָט פאַרבעטן וועמען צו שלאָפן. אָפט — גאַסטראָלירנ־דיקע אין לובלין אַרטיסטן פון ווילנער טעאַטער, צווישן זיי — איינעם מיטן נאָמען אַזשעל. דער צימער האָט אויך געדינט צו האַלטן דאָרט פאַרשידענע זאַכן.

די עלטערן האָבן מיך דערצויגן ווי אַ בן־יחיד. ס'איז שווער דאָס אָנצורופן דערציאונג. זיי האָבן אַזוי געזאָרגט פאַר מיר און געצערטלט, אַז כ'בין אָפט געווען קראַנק. זיי האָבן מיר נישט דערלויבט אַ סך זאַכן, וואָס לויט זייער מיינונג, האָבן זיי געקענט מיר שאַדענען. די מאַמע האָט איבער מיר געציטערט, און אויסער מיר — נישט געזען די וועלט. איך דערמאָן די געשעענישן, איידער איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין שול. אויסער דער היימישער סביבה און דער הויף, האָט אין יענער תקופה גאָרנישט געווירקט אויף מיר. איך בין געווען אַקטיוו, אַפילו אימפּולסיוו און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז כ'האָב גאָרנישט פון מיין מאַמעס רואיקן כאַראַקטער. זי איז געווען אַ שטילע, באַשיידענע פרוי. נישט גע־רעדט הויך, קיינמאָל זיך נישט געקריגט מיט קיינעמען. זי איז געווען די פאַרקערפּערונג פון געלאַסנקייט און כמעט שקלאַפערי־שער הכנעה, גלייך זי וואָלט געווען צוגעדריקט מיט דער לאַסט פון לעבן, הגם זי האָט נישט געלעבט אין שלעכטע באַדינגונגען. אַזאַ איז זי געווען פון די יוגנט־יאָרן. דאָס האָט די שטאָט פּילעוו, ווי איר שווער, ביטער לעבן און דער גורל פון איר משפחה, איבער־

געלאָזט זייערע סימנים. זי האָט נישט געקאָנט זיך פרייען, נאָר אָפט געוויינט. ערשט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויסער די לאַסט פון דער פאַרגאַנגענהייט, שטאַרקט זיך איר פאַרביטערונג צוליבן צוזאַמענלעבן מיטן טאַטן.

מיין פאָטער מיט זיין גוטן כאַראַקטער, האָט אָבער געהאַט אַ שוואַכן ווילן און לייכט זיך אונטערגעגעבן גלוסטונגען. אַ לייכט־זיניקער, האָט ער זיך גענייטיקט אין אַן אַנדערער פרוי, אַ שטאַרקע, קלוגע, וואָס זאָל אים האַלטן קורץ און ענערגיש. נאָר מיין מאַמע האָט נישט פאַרמאָגט קיין איינע פון די מעלות און דער טאַטע, ניט אַנשטויסנדיק זיך אויף אַ ווידערשטאַנד, האָט נאָכגעגעבן זיינע קאַפּריזן און מיט איר לגמרי זיך נישט גערעכנט. ער האָט ליב געהאַט צו זיצן אין דער קאַפע, אַ שפּיל טאָן אין קאָרטן, אָדער אין בילאַרד און געהאַט אַ שוואַכקייט צו טעאַטער. פאַרנאַכלע־סיקט דעם וואָרשטאַט. אָפט אַרויס פון שטוב און אַ לאַנגע צייט זיך נישט אומגעקערט. די קליענטקעס האָבן זיך דענערווירט און דערקלערט, אַז זייער פוס וועט מער נישט איבערטרעטן די שוועל פון אַזאַ אונטערנעמונג, ווו מע האַלט נישט קיין וואָרט.

אין מיין קינדהייט, האָב איך דאָס אַלץ נישט געפילט אַזוי שטאַרק. מיין רו איז אָפט געשטערט געוואָרן צוליב די מחלוקתן פון דער מומען מיטן טאַטן, ווייל זי האָט ענערגיש געקעמפט קעגן זיין לייכטזיניקייט און פאַרויסגעזאָגט, אַז ער וועט דערפירן די משפחה צו אַ קריזיס. און אַזוי איז טאַקע געשען שפּעטער. אָבער מיר איז געווען גוט. די עלטערן האָבן געקויפט שפּילצייג, מיך גוט אָנגעטאָן און נאָכגעגעבן אַלע פאַרלאַנגען פון דעם בן־יחיד. די מומע וולאַסטאָוויצער (אַזוי האָב איך זי גערופן) איז דאָר, אייגנטלעך, נישט געווען מיין מומע, נאָר ווי אַ פרוי אָן קינדער, האָט זי אירע איינגעדרימלטע, מוטערלעכע געפילן איבערגעפירט צו מיר און אַלץ געטאָן פאַר מיר. ביז צום זיבעטן יאָר מיינעם, האָב איך געטראָגן לאַנגע האָר ווי אַ מיידל, ווייל די עלטערן האָבן נישט געוואָלט מיך אָפּשערן מענעריש. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן געטראַכט, אַז אַזוי זע איך אויס שענער...

אין דער פאָלקס־שול

געענדיקט מיינע זיבן יאָר, האָט מען מיך געשיקט אין דער פאָלקס־שול. די זיבן־קלאַסיקע שולן האָט מען דעמאָלט גערופן „פּאָווּשעבנע״ (אַלגעמיינע), און נישט יסודותדיקע, ווי איצט. דאָרט האָבן זיך געלערנט פּוילישע און יידישע קינדער. יידישע שולן זענען נישט געווען קיין סך. איבעריקנס, זענען יידן גיכער געווען פאַר־אינטערעסירט, אַז זייערע קינדער זאָלן ענדיקן אַ פּוילישע שול, צוליב די ווייטערדיקע לימודים און שטודיעס. יענעם טאָג געדענק איך גוט. דער פאָטער האָט מיך געבראַנגט אין שול און איבער־געגעבן אין די הענט פון דער לערערין הענריקאַ הענזליק. פון ערשטן קלאַס געדענק איך גאָרנישט, נאָר דעם מאָמענט פון איבערטרעטן די שוועל פון דער שול צום ערשטן מאָל, איז טיף איינגעקריצט אין זכרון. אַ גרויסע, הויכע, ליכטיקע קלאַס, אַ דיקע לערערין, גלאַט פאַרקעמט, מיט אַ שרינט אינמיטן. זי האָט מיך אויפגענומען מיט אַ שמייכל און אָנגעוויזן דאָס אָרט ווו זיך אוועקצוזעצן.

— באַקען זיך מיט דיינע קאָלעגן, מיט וועלכע ווערסט דאַרפן זיצן און זיכער זיך באַפריינדן מיט זיי — האָט זי געזאָגט מיט אַ ליבן שמייכל. איך בין געשטאַנען אָן באַוועגונג, אַ נישט דרייסטער. אין די אויערן קלינגען מיר נאָך זייערע נעמען: זאַשטשינסקי און קאַטאַראַוויטש. דאָס זענען מיינע חברים פון דער ערשטער קלאַס.

די שול האָט זיך געפינען אויף דער אָקאָפּאָווע גאַס נומער 3, אין אַ האַלב באַוווינט הויז. געווען דאָרט אַ קליינער הויף און אַ נישט גרויסער ספּאָרט־פּלאַץ. שול־דירעקטאָר איז געווען הענריק טעסקי, אַ נידעריקער ברונעט מיט שוואַרצע אויגן, געפּלעגטע וואָנצעס, אַ לעבהאַפטער און ענערגישער. אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט, ווי פאַר פייער. די שילערס האָבן געוווּסט, אַז ער באַשטראָפט פאַר דער קלענסטער שולד — מיט דער ווירע, צי מיט

באַפעלן צו קניען און ענלעכע מיטלען, וועלכע מ׳האָט באַנוצט אין יענע צייטן. ערשט שפּעטער, ווען כ׳האָב זיך שוין געהאַט צוגע־אייגנט די עלעמענטאַרע פּאָליטישע ידיעות, האָב איך זיך אָריענ־טירט, אַז ער איז געווען אַ פאַרביסענער ענדעק, ד. ה. אַ מיטגליד פון דער פוילישער, אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי, בראש מיט ראָמאַן דמאָווסקי, וואָס אין אַלע אומגליקן פון פוילן און פון דער וועלט, האָבן זיי באַשולדיקט די יידן. נאָר אינטערעסאַנט, אַז לגבי דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט אין זיין שול, איז ער געווען זייער לאָיאַל. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פון אים אַ באַליידיקנדיק אָדער אומפּריינטלער וואָרט בנוגע מיין אָפּשטאַם.

די ערשטע יאָרן אין שול זענען אַדורך גאַנץ שנעל. לימודים, שפּילערייען אויפן שול־הויף און אין דער היים. דאָ, אויפן הויף, האָט מען זיך געחברט מיט די ברידער סלושני, מיטן סטרוזשס זון סטאַשעק, מיט די קינדער פון ווייסבערגן פון ערשטן שטאָק און מיט סטעפּטשאַ פּרוסאַק, די טאָכטער פון הויז־אייגנטימער.

די ערשטע ביכער, באַזונדערס די סענסאַציאָנעלע, האָבן אַנטוויקלט די פאַנטאַזיע. פייל־און־בויגן, שאַסן, פּיסטאָלעטן, ביק־סן, אינדיאַנער, מיליטער — אַזאַ איז געווען דער אינהאַלט פון אונדזערע שפּילערייען, אין וועלכע איך האָב זיך באַטייליקט. אָנגעהויבן האָב איך ביי קאַראָל מאַי, דורך ביליקע, סענסאַציאָ־נעלע ראָמאַנען, וואָס זענען דערשינען אין העפטלעך, ווי: טאַ־דעוש קלימשאַק, הענריק לערמאַן, דזשעק טעקסאַס, עדי פּאָלאָ און אַנדערע געשיכטעס. איך האָב געלייענט אַ סך, פון די יונגסטע יאָרן. באַזאַמען מיט די ביכלעך, האָט מען אָנגעהויבן לייענען אמתדיקע ליטעראַטור, ווי די טרילאָגיע פון הענריק שענקעוויטש, עליזאַ אָזשעשקאָוואַ, מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ. נאָר זיי אַלע — עטוואָס שפּעטער. ס׳האָט שוין געמוזט זיין אוודאי אין דער פערטער אָדער פינפטער קלאַס.

אין הויז אויף קראָקעווער פּאַרשטאָט, איז מיין סביבה געווען די קינדער פון אונדזערע שכנים. אַנדערש האָט נישט געקענט זיין. נאָר צווישן זיי, איז אַ טייל מיר געווען זייער נאָענט, אַנדערע

— ווייט. אַמיינסטן האָט מיך געצויגן צו דער משפּחה ווייסבערג, וואָס האָבן געוווינט אַ שטאָק נידעריקער. געווען דאָרט פיר מיידלעך און איין יינגל, עלטער פון מיר מיט אַ יאָר אָדער צוויי. מ׳האָט אים גערופן מאָטעק. מיט איינער פון די טעכטער, חנה, האָט מיך פאַר־בונדן אַזאַ שטאַרקע פריינטשאַפט, אַז מ׳האָט שטילערהייט, ווי אויפן הויכן קול פאָרויסגעזאָגט, צומאָל אונטערהוסטנדיק מיט לייכטער איראָניע, אַז וואַרשיינלעך וועט אין דער צוקונפט זיין פון אונדז אַ שידוך. זי איז געווען אַ געלע, ווי איר מאַמע, וואָס איז שפּעטער קראַנק געוואָרן. חנה איז געווען אין מיין עלטער, אויך געלייענט אַ סך. מיר האָבן אָפט געשמועסט וועגן ביכער און אויך זיך אויסגעטוישט מיט זיי.

נעבן אונדז, אויפן צווייטן שטאָק, איז געווען נאָך אַ משפּחה, צו וועלכער איך פלעג צוקומען דורך אַ לאַנגן באַלקאָן — די בראַמבערגס. דער פאָטער שמואל האָט אויפן פראָנט פון דער גאַס געהאַט אַ זייגערמאַכער־וואַרשטאַט. ער איז געווען אַן אַלטער בחור, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלמנה מיט צוויי קינדער. דער עלטערער, שיע, האָט לייכט געהינקט און געהאַט עפּעס אַ געשיכטע מיט דעם פוס. דער יונגערער, יוסף, וואָס האָט עטוואָס געשטאַמלט, זענען געוואָרן חברים צו מיינע שפּילערייען. באַזונ־דערס יוסף, אין מיין עלטער, אַן ערלעך, האַרציק יינגל, וואָס האָט זיך מיט מיר „פאַרהערט" אין צייכענען.

איך האָב נישט דערמאָנט מיינע פעיקייטן און ליידנשאַפטן פון די קינדער־יאָרן. איך האָב ליב געהאַט צו צייכענען. בעצם, איך האָב גוט קאָפּירט. אין עלטער פון 8 יאָר, האָב איך אַליין זיך אָנגעצייכנט, שטייענדיק פאַרן שפּיגל — און דערגרייכט ניט שלעכטע רעזולטאַטן. אויך יוסף סלושני האָט גוט געצייכנט און מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן, ווער עס וועט בעסער קאָפּירן דעם פאָרטרעט פון פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, אָדער ווער וועט בעסער אָנצייכענען דעם קראָקעווער טויער מיטן שטאָט־זייגער, דורך וועלכן מ׳איז אַריבער געגאַנגען אין דער לובלינער אַלטשטאָט.

פאַרשטייט זיך, אַז בעת די שפּילערייען אויפן הויף און אויף

דער גאַס, האָט דער קרייז זיך אויסגעברייטערט. אין זיי האָבן זיך אויך באַטייליקט: סטאַשעק, דער עלטערער זון פונעם סטרוזש אַנטאַני; סטעפטשאַ פּרוסאַק, די בת־יחידה פון ד״ר פּרוסאַק, דער אייגנטימער פון הויז. אַ שיין, גוט דערצויגן און געצערטלט קינד, וואָס צו איר צימער, האָט זעלטן ווער געהאַט אַ צוטריט. איך האָב געהערט צו די גליקלעכע, מיט וועמען זי האָט זיך געשפּילט און דערפאַר געהאַט אַ מעגלעכקייט צו קוקן אויף איר, ווי אויף די שיינע שפּילצייג אינעם הערלעכן קינדער־צימער. הגם מיר איז נישט געווען שלעכט, נאָר צו זייער רייכטום און קאָמפאָרט, איז נאָך געווען ווייט. אין איר היים, האָבן מיר אָפט זיך געשפּילט אין טאַטע־מאַמע און אונדזערע קינדער זענען געווען די שיינע לאַל־קעס. און דער שפּיל האָט, געוויינלעך, אַנטייל גענומען מיין טרייע חברטע חנה, וואָס האָט באַקומען די ראָל פון אַ שוויגער. איך וואָלט ליבערשט געוואָלט, אַז די ווייב זאָל זיין די שיינע סטעפאַ, ווייל איך האָב זי געקענט אָננעמען ביי דער האַנט, זיין צו איר נאָענט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז שוין אין יענע יאָרן, צווישן 9־10־11, באַווייזן זיך אומקלאָרע פאַרלאַנגען און בענקשאַפטן, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין דעם ווילן צו זיין נאָענט פון אַ מיידל, שאַפן פאַרפעלקער, האָבן קינדער און אַזוי ווייטער. מעגלעך, אַז דאָס קומט פון דעם ווילן נאָכצופאָלגן דערוואַקסענע.

ווי אַזוי דאָס האָט אויסגעזען, איז שווער צו באַשרייבן, אָבער דאָס איז מיר שטאַרק געפעלן, דער סאָרט שפּיל האָט מיר אַנט־שפּרעכט — און דאָס געדענק איך אויסגעצייכנט. מיר האָבן אָפט זיך געשפּילט אין באַהעלטענישן ביי חנהן אין שטוב, אויסגעלאָשן די ליכט אין ערשטן צימער. איך האָב אויסגענוצט די פינצטערניש, כדי געבן אַ קנופּ דעם מיידל. דאָס זענען געווען די ערשטע טעאָ־רעטישע לעקציעס פון מיינע חברים אויף סעקסועלע טעמעס. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז איך האָב גאָרנישט געפילט. טראָץ די פילמאַליקע פּרוון, האָט עס נישט געגעבן קיין שום באַפרידיקונג. ס׳איז נאָך געווען צו פרי. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם הייבט אָן פאַרכאַפּן אַ יינגל אין עלטער פון 11־12 יאָר. איך האָב זייער

געוואַלט זיין אַן עדות פון די ענייִנים, ווייל די בלויזע רייד האָבן מיך נישט באַפרידיקט. איך האָב אַ סך געלייענט און געהאַט צוטרוי צו דער ליטעראַטור. איך האָב ליב געהאַט היסטאָרישע ראָמאַנען און רייזע־באַשרייבונגען. געלערנט געאָגראַפיע פון די ביכער פון זשול ווערן, אומינסקי און אַנדערע. געטראַכט, ווי אַזוי צו באַקומען אַ בוך וועגן סעקסועלע פּראָבלעמען. אָבער ווי אַזוי? אַזעלכע ביכער האָט מען נישט פאַרקויפט קיין קינדער.

איך געדענק נישט ווער ס'האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז פאַראַן אַ שרייבער אויגוסט פאָרעל, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ בוך „סעקסועלע פּראָבלעמען". האָב איך אויסגעפונען אַ וווּנדערבאַר מיטל. אין אונדזער וואַרשטאַט זענען דאָך געווען באַשעפטיקט אַרבעטער, און דעם זון פון זייער פּרינציפּאַל וועט מען דאָך אַוודאי נישט אָפּזאָגן. איינער פון זיי, יאָסל מילער (אומגעקומען בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע), וועמענס משפחה איז געקומען פון אונגאַרן און זיך באַזעצט אין פּוילן, האָט מיך זייער ליב געהאַט. האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מיר קויפן דאָס בוך. ער אַליין האָט נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ ספר דאָס איז, נאָר פאַרשטאַנען, אַז עס ווערט פאַרקויפט נאָר דערוואַקסענע. נישט אַרויסרייידנדיק קיין וואָרט, איז ער אַוועק אין אַ בוכהאַנדלונג אויף דער נאַרוטאָוויטשאַ גאַס, דאָס איינציקע אָרט ווו מ'האָט געקענט קויפן אַזאַ בוך. די דאָזיקע בוכהאַנדלונג איז געווען באַקאַנט אין שטאָט. דער הער שפּרינגער, מיטן קורצן בערדל און זיין פרוי, זענען געווען די אייגנטימער און פאַרקויפער אין דעם געשעפט. דאָרט האָט מען געקענט באַקומען דאָס אַלץ, וואָס קיין שום אָנשטענדיקע און בכבודיקע בוכהאַנדלונג האָט נישט געהאַט. טאַקע ביי די שפּרינגערס האָבן איך געקויפט מיינע סענסאַציאָנעלע העפטלער וועגן דזשעק טעקסאַס און אַנדערע; ביכער וואָס האָבן באַשיידט חלומות און ביכער וועגן דער שוואַרצער מאַגיע. אין אָנהייב פון שול־יאָר, איז דאָרט אויך פאָרגעקומען דער באַזאַר פון אַלטע לערנביכער.

איך בין מיטגעגאַנגען מיט יאָסל מילער און זיך אָפּגעשטעלט

נישט ווייט פון דעם ביכער־געשעפט. מיר איז געוואָרן קאַלט און הייס, איך האָב געציטערט פון נייגיר און דורשט צו לייענען דאָס בוך, וואָס האָט באַדאַרפט פאַר מיר אַנטדעקן אַ וועלט מיט דער־שיינונגען, באַקאַנטע בלויז פון אומבאַהאָלפענע און נישט פאַרענ־דיקטע דערציילונגען פון חברים. איך האָב געוואָלט וויסן וועגן אַלעמען, אויפן סמך פון דעם אויטאָריטעטן, וויסנשאַפטלעכן בוך.

ס׳האָט נישט גענומען קיין סך צייט און דער הויכער, דאַרער מילער האָט זיך צו מיר דערנענטערט מיטן בוך אין האַנט.

— האָסט נישט געהאַט קיין שוועריקייטן? — האָב איך אים געפרעגט.

— דו קענסט קויפן וויפל דו ווילסט. ביי שפּרינגערן אין געשעפט זענען דאָ אַ סך די ביכער — האָט ער געענטפערט.

שווייגנדיק, האָבן מיר זיך אומגעקערט אַ היים. מיינע עלטערן האָבן נישט קאָנטראָלירט די ביכער, וועלכע איך האָב געלייענט. דער פאָטער האָט נאָר געקויפט די לאָקאַלע צייטונג „לובלינער טאָגבלאַט”. איך האָב אָבער נישט געקענט לייענען בפרסיה דאָס געקויפטע בוך, אויך דערפאַר, וואָס גאַנץ אָפט זענען געקומען קליענטקעס, אויסער די טעכטער פון דער מומע האַלצהעקער, די שוועסטערן פון מיין פאָטער — און זיי אַלע האָבן מיך געקענט פאַראַטן. אָבער מיר איז געלונגען, צוזאַמען מיט חנהן, אַדורכצו־לייענען דאָס בוך ביזן סוף. ביידע זענען מיר דעמאָלט אַלט געווען נישט קיין גאַנצע 12 יאָר.

איך שרייב וועגן דעם בוך, נישט נאָר דערפאַר וואָס עס האָט זייער פּאָזיטיוו געווירקט אויף מיין סעקסועלן באַוווסטזיין, נאָר אויך — אויף דער וועלט־אַנשויאונג. פּאַרעל האָט דאָרט אַרומ־גערעדט אויך צוויי סאָציאַלע פּראָבלעמען. (בעת אַ פּאָליציייאַי־שער רעוויזיע מיט 8 יאָר שפּעטער, האָט דער ספר געשפּילט אַ געוויסע ראָל אין די אויגן פון דעם הויכן פּאָליציי־באַאַמטן, פּלאָר־יאַן). פּאַרעל, אַרומריידנדיק דאָס פּראָבלעם פון פּראָסטיטוציע, האָט דורכדרינגלעך אַנטפּלעקט דעם קוואַל פון דער דאָזיקער נע־

גאַטיווער דערשײַנונג, באַשריבן די נויט און אַרבעטלאָזיקייט, דאָס לעבן פון די אַרבעטער־משפחות, וועמענס מאַטעריעלע באַדינ־גונגען האָבן געטריבן די פרויען אויף דער גאַס. דאָס בוך האָט מיר צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט זאַכן, וועלכע איך האָב ביז איצט נישט באַמערקט.

די לימודים אין שול זענען ניט געווען שווער. איך האָב ניט געהאַט קיין ספּעציעלע ליבשאַפט און פעיקייטן צו געוויסע קעגנ־שטאַנדן. איך האָב תמיד אונטערגעהינקט אין מאַטעמאַטיק און די עלטערן האָבן מיר צוגענומען אַ לערער צו הילף. מיך האָבן אינטערעסירט שפּראַכן, ליטעראַטור און באַזונדערס — געשיכטע און געאָגראַפיע. איך האָב מיט חברים גענומען אַ בלינדע מאַפּע און זיך פּאַרווײַלט מיטן אָנווײַזן אויף איר וואָס מערער בערג, טײַכן, אָזיערעס, ים־דורכגוסן, אינדזלען. אויסער די חברים בינ־דער, באַלגלעי, האָט זיך אויך באַטייליקט דער זון פון פּאַטערס נאָענטן חבר, דאַווידעק רײַכסטאַלער, אַ מענער־שניידער, וואָס האָט געוווינט אויף דער קאַללאַנטאַיאַ גאַס 5. אונדזערע עלטערן זענען געווען באַפרײַנדעט און מיר האָבן אָפט פאַרברענגט צוזאַ־מען. ער האָט געהאַט אַן עלטערע שוועסטער טאָלי און אַ יונגערן ברודער משה. איינער פון די ווינציקע חברים פון יענער תקופה, וואָס איז געבליבן לעבן נאָך דער דײַטשישער אָקופּאַציע.

אונדזערע טאַטעס האָבן ליב געהאַט צו שפּילן אין קאָרטן און אָפט זיך אײַנגעאָרדענט אַזעלכע אָוונטן, באַזונדערס מוצאי־שבת, ווען ס'זענען זיך צונויפגעקומען מערער געסט, דער עיקר — שניידערס. פון די אַנדערע משפחות, וועלכע זענען געווען אַזוי נאָענט ווי די רײַכסטאַלערס, געדענק איך די לעדערמאַנס, ראָב־מאַנס און בויגענס. ער, אַ שניידער פון דער קאַשטשושקאָ גאַס, און איך האָב זיך געחברט מיט זײַנע קינדער, רעניאַ און מאַניעק בויגען. צו די געסט האָט אויך געהערט אַהרון ראַכמאַן. די לעדער־מאַנס האָבן געוווינט אויף דער פּיאָרסקע גאַס, נאָענט פון אונדז. מ'האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גוטן מענער־שניידער. זיי האָבן געהאַט דרײַ קינדער. זײַן פרוי איז געווען באַקאַנט ווי אַן אויסער־

געוויינלעך ענערגישע און קעמפערישע — דער אַבסאָלוטער קעגנ־זאַץ פון מיין מאַמען.

מיר האָט מען דערלויבט צו זיצן נעבן די קאָרטן־שפּילערס — און איך האָב קענען געלערנט אַלע שפּילן, וואָס זענען דעמאָלט געווען אָנגענומען אין דער יידישער סביבה, ווי: אַ דערדע (501), טויזנט, זעקס־און־זעכציק און די פּאָפּולערע יידישע אָקע.

פאַר אַזעלכע אָוונטן, האָט די מאַמע צוגעגרייט אַ לייטיש עסן. בכלל, איז די געזעלשאַפט, די קאָרטן און דער מאָלצייט געווען זייער אַטראַקטיוו און מיר האָט עס שטאַרק אימפּאָנירט. די אָפטע דערמאָנונגען פון דער מאַמען נאָך 10 אַ זייגער, אַז איך דאַרף גיין שלאָפן — זענען געבליבן אָן אַ רעאַגירונג.

די משפחה

אַזוי איז אַדורך די צייט, אין דער תקופה פון מיין צענטן ביזן פערצנטן לעבנס־יאָר — ביזן ענדיקן די פּאָלקס־שול: די לימודים, קינאָ, שפּילערייען, באַזוכן מיט די עלטערן ביי קרובים און פריינט (אויך דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט פאַרשטעלן מיט זייער בן־יחיד). נאָר אַ גאַנץ באַזונדער אָרט האָבן ביי מיר פאַרנומען די ביכער. אַ סך פון זיי האָב איך געקויפט. אויסער דעם, בין איך אָפט געגאַנגען אין קינאָ, נישט נאָר אויף די נאָכמיטאָג־סעאַנסן, אויך אין די אָוונטן. איך האָב אויסגענוצט דעם אומזיסטיקן אריינגאַנג אין קינאָ „קאָרסאָ", אַ דאַנק די קליענטן פון מיין פאָטער. דער קינאָ־אייגנטימער שרייטער און דער פאַרוואַלטער מאַיסקי האָבן מיך געקענט, ווייל זייערע פרויען זענען געווען סטאַבילע קליענטינס ביים טאַטן. איך האָב געקענט אַלע פילם־אַרטיסטן און געהאַט מיינע באַליבטע העלדן פון די אַמעריקאַנער קאָוובוי־פילמען, ווי: טאָם מיקס, וויליאַם דעסמאָנד און אַנדערע. געווען צייטן, ווען כ'בין צוויי מאָל אין וואָך געגאַנגען אין קינאָ. אַפילו אויף פילמען, וואָס פאַר קינדער איז דער אַריינגאַנג געווען פאַרבאָטן, האָט מען מיך אַריינגעלאָזט. דאָס איז נאָך געווען אין יענער צייט, ווען איך האָב נישט געהאַט קיין שום אידעען, מיך האָט אין ערגעץ נישט געצויגן אָדער געווירקט, אַזוי אַז ס'האָט נישט געהאַט אויף מיר קיין נעגאַטיווע השפּעה. אוודאי וואָלט געווען ערגער, ווען די סביבה און באַדינגונגען וואָלטן זיך נישט געענדערט נאָכן 14טן לעבנס־יאָר.

איך האָב נאָך נישט דערמאָנט מיין ווייטערדיקע משפּחה, באַזונדערס וועגן דער גרויסער צאָל קרובים פון טאַטן, ווייל די מאַמע איז געווען אַ יתומה. דער פאָטער האָט געהאַט פיר ברידער און אַ שוועסטער. דער יונגסטער ברודער, לואיס אַקערמאַן, האָט אויסגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איידער איך בין

געקומען אויף דער וועלט. דער צווייטער ברודער, יוסף, האָט מיט זיין ווייב און טאָכטער עמיגרירט קיין אַמעריקע אין יאָר 1920 אָדער 1921. דער עלטסטער ברודער, אַברהמטשע, איז שוין געווען אין אַמעריקע עטלעכע יאָר און פון דאָרט צוריק געקומען, איבערלאָזנדיק די פרוי. אַ צייט שפּעטער איז זיין זון יוסף אַריבער־געפאָרן צו דער מאַמען און דער פאָטער האָט חתונה געהאַט נאָך אַמאָל. אַלע ברידער און דער ברודערן־זון לעבן אין אַמעריקע, לואיסן גייט זייער גוט. בעת די ברידער האָבן נישט געלאָזט פון זיך הערן, האָט דער פעטער לואיס יאָ געשריבן אַ בריוו פון צייט צו צייט.

איך געדענק די מומע טשאַרנע און דעם פעטער יצחק מיט זייערע פינף טעכטער. ביי זיי האָבן מיר אָפט פאַרברענגט אין דער וווינונג אויף לובאַרטאָווסקע 21. זיי האָבן געהאַט אַ יאַטקע אויף דער זעלבער גאַס. איינע פון די טעכטער, הדסה, איז געווען אין מיין עלטער. פעלע, גוטשע און צירל זענען געווען עלטער פון מיר. די עלטסטע, פעלאַ, האָט שוין געלערנט אין גימנאַזיע און די אַנדערע זענען געבליבן אין דער היים, וואַרטנדיק אויף חתנים. גוטשע איז געווען אַ שיינע און נאָך געהאַט מעגלעכקייטן און אַ שאַנס נישט צו פאַרבלייבן אַן אַלטע מויד, אין קעגנזאַץ צו צירלען, וואָס איז געבליבן ביי דער שטוב־ווירטשאַפט און מ׳האָט זי שטאַרק עקספּלאָאַטירט. קיין איינע פון זיי האָט נישט געהאַט צו געבן קיין נדן — און חתונה מאַכן אַ טאָכטער פון אָרעמע עלטערן, איז טאַקע געווען אַן ערנסט פּראָבלעם. אויב ס׳איז יאָ געלונגען צו פירן אַזאַ מיידל אונטער דער חופה, האָט מען דאָס באַטראַכט ווי אַ נס פון הימל.

ווי איך געדענק, האָט פעלאַ יאָ געהאַט אַן אַדאָראַטאָר — אַ באַשיידענער, שטילער בחור, וואָס פלעגט יעדן טאָג קומען צו איר. ער האָט געשטאַמט פון אַ בכבודיקער משפחה, מיט אַ גוטן נאָמען, אָבער נישט קיין פאַרמעגלעכע. דער בחור, אַ סטודענט אויפן יורידישן פאַקולטעט, האָט מיט אייגענע כוחות געוואָלט עפּעס דערגרייכן. פאַר מיין מומען איז עס געווען אַ גרויסער כבוד, ווייל

אַן אַדוואָקאַט, אַ דאָקטער — איז דאָך געווען דער טרוים פון יעדער יידישער משפחה. יוריסטן און מעדיצינער האָבן געהערט צו די אַמיינסטן געשעצטע, פּראָספּערירנדיקע פּראָפעסיעס — די קאַריערע פאַר אַ יידיש קינד. נאָר די באַגרענעצונגען אויף די אוניווערסיטעטן פאַר דער יידישער יוגנט, דער אַזוי גערופענער „נומערוס קלאַוזוס״, האָט זיי באַשווערט דעם צוטריט צו לערנען מעדיצין, שוין אָפּגערעדט פון די גרויסע אויסגאַבן, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט העכערער בילדונג. נאָר גוט סיטואירטע עלטערן, האָבן געקענט לערנען זייערע קינדער. פּעלאָס קאַוואַלער איז טאַקע געווען אַן אויסנאַם, ווייל זיין אַרבעטזאַמקייט און פעיקייט האָבן אים געהאָלפן דערגרייכן דעם ציל. די צוויי עלטערע ברידער פון מיין פאָטער: אַברהמטשע, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון אַמעריקע און יואל, האָבן געלעבט אין נויט. דער ערשטער האָט געהאַט אַ דראָזשקע און דער אַנדערער איז געווען אַ בעל־עגלה. אין פאַרגלייך מיט זיי, איז אונדזער לעבן און פון דער מומען געווען רייך. זיי האָבן געוווינט אינעם אָרעמען יידישן קוואַרטאַל, אין קלאָגעדיקע דירות, ווו אין איין צימערל האָבן זיך צונויפגעדרענגט 5־6 נפשות.

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע אונטערשיידן, זענען די באַציאונגען אין דער משפחה געווען מענטשלעכע. עס זענען פאָרגעקומען קעגנזייטיקע באַזוכן און בעתן באַגריסן זיך, האָט מען געקושט אין האַנט. בעצם, איז קיין איינער פון אונדזער משפחה נישט געווען פאַרמעגלעך און דער אונטערשייד אין די וווינונגען, ווי אין לעבנס־ניוואָ, האָבן נישט אַרויסגערופן קיין רייצונגען, אָדער קנאה. אַמיינסטן האָט מען וויזיטירט אין די שבתים און פאַרברענגט עטלעכע שעה. איך האָב זיך געשפּילט מיט די קוזינקעס און קוזינען, די עלטערע האָבן גערעדט וועגן זייערע טאָג־טעגלעכע דאגות — און מ׳איז צוריק אַוועק צו זיך אַ היים.

איך האָב ביז איצט אַדורכגעלאָזט אַ וויכטיקן מאָמענט פון מיינע קינדער־יאָרן — דאָס רעליגיעזע לעבן. אמונה, טראַדיציע, מנהגים, זענען דאָך געווען אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דער

באַזונדערקייט פון יידן. ווי אַן עקסטעריטאָריאַל פאָלק, במשך יאָרהונדערטער צעזייט און צעשפּרייט אין דער וועלט, האָט אונדזער פאָלק זיך אויפגעהאַלטן אַ דאַנק די פאַקטאָרן, ווי רעליגיע, וועלכע האָט געצווימט דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס; און צוליב דער נאַצ־יאָנאַלער פּאָליטיק, בעצם — צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם אין פאַר־שידענע לענדער. אַסימילירט האָט זיך נאָר אַן אומבאַדייטנדיקער טייל פון דער אינטעליגענץ, לרוב — מיט אַ ווייטערדיקן בליק פון איבערגיין צום קריסטלעכן גלויבן און פאַרלייקענען דעם אָפּשטאַם, ווייל אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט ווערן אָנגענומען אין דער נייער סביבה. הגם מיינע עלטערן האָבן נישט געהערט צו אָרטאָדאָקסישע יידן און מיין פאָטער האָט אַפילו געריכערט אין שבת, וואָס דאָס אַליין איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ גרויסע עבירה, האָט מען אַ געוויסע צייט דאָך מיך געשיקט אין חדר. איך האָב געלערנט ביי דעם רבין פסח אויף דער נאַדסטאַוונע גאַס און ביים רבין משה יונה אויף דער פאַדזאַמטשע. די מומע וולאַסטאָ־וויצער האָט תמיד געזאָרגט, אַז איך זאָל דאַווענען דריי מאָל אין טאָג.

אַזוי איז פון מיין דטן לעבנסיאָר, די סביבה, שפּראַך און קולטור, געוואָרן אַלץ מער צווייפּאַכיק. אין דער היים — יידיש לשון, דער רבי, דאַווענען. אין שול — די פּוילישע שפּראַך, קולטור און חברים וואָס ריידן (און טראַכטן) פּויליש. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס לאַנד, דער גאַנצער אַרום און די פּוילישע קולטור, האָבן געהאַט אַ דעצידירנדיקן איינפלוס. בעצם, איז נישט אַזוי פּשוט צו ריידן וועגן אַ צוזאַמענטרעף און קעגנזייטיקער השפּעה פון צוויי פעלקער, ווייל אויסער רעליגיע און אירע מנהגים, איז יידן שווער געווען עפּעס וואָס קעגנצושטעלן. אמת, ס׳האָט עקזיסטירט אַ רייכע יידישע ליטעראַטור, נאָר אויב געוויסע עלטערן האָבן געוואָלט לערנען און דערציען זייערע קינדער אין גייסט פון דער צייט און סביבה, וואָס האָט געמיינט דאָס לעבן און קולטור פונעם פאָלק, צווישן וועלכן יידן האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן, האָט די מלוכהשע שול פאַרביטן דעם חדר. נאָר אַ סברה, אַז ווען נישט

די קינסטלעכע באַריערן און געטאָס, וואָלט דער אַסימילאַציע־פּראָצעס געווען נאָך שטאַרקער.

איך שרייב וועגן מיין לעבן און מיר וואָלט אפשר געווען ליבערשט נישט אַריינצושטעלן אַזוי פיל באַמערקונגען וועגן אַלגע־מיינע פראַגן, און באַזונדערס — סאָציאַלע פּראָבלעמען. דאָס לאָזט זיך אָבער נישט אויסמיידן, ווייל אַלץ צוזאַמען האָט שטאַרק געדריקט אויף מיר. דער גורל פון אַ ייד, דערצויגן גלייכצייטיק אין אַ יידישער היים און אין אַ פּוילישער סביבה, מיט איר קולטור און שפּראַך, איז אַזוי קאָמפּליצירט (און ווי עס ווייזט זיך שפּע־טער אַרויס — אַזוי טראַגיש), אַז ס׳איז אפשר גלייכער נישט געבוירן צו ווערן און אויפוואַקסן אין אַזעלכע קעגנזעצלעכע באַדינגונגען, כדי דערנאָך האָבן אַן אונטערגעריסן לעבן. די משפּחה־דיקע סביבה האָט אויף מיין דערציאונג און אַנטוויקלונג געהאַט אַ שוואַכערע ווירקונג, ווי די שול, חברים, ביכער און די פּוילישע קולטור. נאָר וועגן דעם — שפּעטער.

ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָבן אַזעלכע פאַקטאָרן, ווי רעליגיע, טראַדיציע און געוווינהייטן, אַזוי וויכטיק פאַר די פאַרבינדונגען מיט דער יידישער סביבה, אַנגעהויבן פאַרנעמען אין מיין לעבן אַלץ ווייניקער אָרט. כ׳בין נאָך נישט געווען קיין אַטיעסט, נאָר אַלץ האָט אָנגעהויבן דריקן און באַשווערן, אַז מ׳הייבט אָן זיך צו בונטעווען קעגן דעם. מיינע תפילות האָבן זיך באַגרע־נעצט מיטן באַגלייטן דעם טאַטן אין שיל אַריין אין די שבתים און יום־טובים. אין דער היים האָב איך זיך אַרויסגעדרייט פון דאַווע־נען, ווי נאָר ס׳האָט זיך געלאָזט.

דערווייל איז די מאַטעריעלע לאַגע אין שטוב געוואָרן ערגער. פון צייט צו צייט האָב איך געהערט די מאַמעס וויינען, ווי אויך די שרייענדיקע פאָרווורפן פון דער מומע וולאַסטאָוויצער, אויפן אַדרעס פון פאָטער. ס׳האָט געדראָט אַן עקסמיסיע פון דער גרויסער וווינונג, ווייל דער חוב פאַר דירה־געלט איז געוואַקסן. ס׳איז געווען דאָס יאָר 1930. פרילינג. איך האָב דעמאָלט געלערנט אין 7טן קלאַס פון דער פּוילישער פאָלקס־שול („פּאָווטשעכנאַ״). אַ געוויסן

טאָג, אומקערנדיק זיך פון שול, האָב איך געטראָפן די מאַמען אַ פאַרוויינטע. און ווי תמיד, זייער באַשעפטיקט אין קיך.

— מאַמע, וואָס איז געשען? — האָב איך אַן אומרואיקער געפרעגט.

— מען וואַרפט אונדז אַרויס פון דער דירה — האָב איך דערהערט איר פאַרצווייפלט, נאָר אונטערטעניק קול, גלייך זי וואָלט משלים געווען מיטן גורל.

מיט דער הילף פון דער משפחה און פריינד, איז דעם טאַטן געלונגען צו דינגען אין דערבייאיקן הויז, אויף קראָקעווער פאָר־שטאָט 19, אַ דריי־צימערדיקע וווינונג, אַ פיל קלענערע ווי די פריערדיקע. אָבער דאָס האָט דערמעגלעכט ווייטער צו פירן דעם שניידער־וואַרשטאַט, טאַקע אין ערגערע באַדינגונגען, אָבער נאָך אַלץ אין פיל בעסערע, ווי דער רוב אָרעמע יידישע שניידערס אין לובלין.

אין דער גימנאַזיע

איך פֿאַרענדיק די זיבעטע קלאַס פּאָלקס־שול. די עלטערן טראַכטן וועגן דער ווייטערדיקער לערע פֿון זייער איינציקן זון. לערנען אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע, האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד, ווייל ס׳האָט געקאָסט טייער. ווידער אַנצוקומען אין אַ מלוכה־שער מיטלשול, האָט מען באַדאַרפֿט האָבן אַ סך געלט, אָדער פּראָטעקציע. די בעסטע מענער־גימנאַזיע אין שטאָט, איז געווען די גימנאַזיע א. נ. פֿון סטאַניסלאַוו סטאַשיץ. דאָרט האָבן געלערנט די זין פֿון פּאַרמעגלעכע באַאַמטע. נאָר דער „נומערוס קלאַוזוס״ האָט דערמעגלעכט אַנצונעמען נישט מער ווי 10% יידישע שילערס. אַזוי ווי אין שטוב איז נישט געווען גענוג געלט, האָט מען באַדאַרפֿט פּרובירן באַקאַנטשאַפֿט, פֿאַרבינדונגען, מיט איין וואָרט — פּראָטעקציע.

צווישן מיין פֿאָטערס קליענטינס, זענען אויך געווען עטלעכע פּרויען פֿון מלוכהשע באַאַמטע, פּאָלאַקן. האָט ער זיי געבעטן משפּיע צו זיין אויף די מענער, מ׳זאָל מיך אָננעמען אין דער באַרימטער גימנאַזיע, איינע פֿון די בעסטע אין שטאָט. (און ס׳איז טאַקע אַ פֿאַקט, אַז דאָס וואָס כ׳האָב זיך דאָרט אויסגעלערנט, איז מיר געבליבן אויפֿן גאַנצן לעבן — און כ׳וועל דאָס שטענדיק געדענקען). אין יענעם אומפֿאַרגעסלעכן פֿרילינג, ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל פֿאַרלוירן די וווינונג, האָב איך אינטענסיוו זיך געגרייט צום קאָנקורס־עקזאַמען אין דער פֿערטער קלאַס גימנאַזיע. צוזאַמען מיט מיר, האָבן אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען מיינע שול־חברים פֿון דער „פּאָוושעכנאַ״, ראָמאַן פֿלעשלער און לאָלעק לערנער, מיט וועמען איך האָב זיך שפּעטער געטראָפֿן אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

אַמשוואַכסטן בין איך דעמאָלט געווען אין מאַטעמאַטיק,

ספעציעל אין שריפט. אַנדערע קענגשטאַנדן, באַזונדערס פּויליש, די שפּראַך און געשיכטע, איז ביי מיר געווען „זייער גוט" — און דער פאַקט, באַזאַמען מיט דער פּראַקטיקציע פון געוויסע באַאַמטע האָבן דעצידירט, אַז איך זאָל ווערן אַ גימנאַזיסט. נאָכן פאַרעפנט־לעכן די אָפיציעלע רשימה פון די באַשטעטיקטע שילערס, האָב איך געהאַט אַ ידיעה, אַז כ׳בין געוואָרן אָנגענומען. איך, ווי די גאַנצע משפחה, האָבן געשטראַלט פאַר פרייד. איך האָב שטאָל־צירט פאַר די חברים. נאָר איינער וואָס איז צוגעשטאַנען צום עקזאַמען, ראַמעק פלעשלער, איז דורכגעפאַלן. זיין פאָטער איז געווען קאָנדוקטאָר אויף די שטאָטישע אויטאָבוסן, אַ מלוכהשער אָנגעשטעלטער, אָבער דאָס האָט ניט משפּיע געווען אויף דער עקזאַמינער־קאָמיסיע. אין דער סטאַשיצאַ־גימנאַזיע האָבן קיינמאָל ניט געלערנט מער ווי 20 ביז 30 יידישע שילערס — און איצט האָב איך געהערט צו זיי. אַ סך פון זיי געדענק איך: הערשנהאָרן, גוט־האַרץ, פיינזילבער, זאַרקראַט, די ברידער גאָלדמאַן, שינקער, פריד־לענדער, טורקעלטאַוב, געליבטער.

איך האָב דעמאָלט נישט געוווסט (און אויך ניט געטראַכט), אַז מיין לעבן וועט זיך אויספאָרמירן גראָד אין דער סביבה, אַז דאָרט וועט זיך אַנטוויקלען מיין וועלט־אַנשויאונג. איך בין געווען איבערגליקלעך — און בין אַוועק מיטן טאַטן קויפן דאָס פאַרפליכטנ־דיקע גראַנאַטענע היטל. אַפילו זומער, אין די הייסע נעכט, האָב איך ליב געהאַט צו באַווייזן זיך מיט דעם היטל, כדי באַפרידיקן מיין פּוסטקייט. איך געדענק ניט, ווי כ׳האָב דעמאָלט פאַרברענגט יענעם זומער, נאָר דוכט זיך, אַז אין נאַווידוואָר, אויף דער פרישער לופט, אין וואַלד, ווייל ווינטער בין איך געווען קראַנק אויף אַ לונגן־אַנצינדונג און די עלטערן האָבן אַלץ געטאָן, כדי מיך שיקן אויפן דאָרף. אין נאַווידוואָר האָבן די זומער־פעריען פאַרברענגט פאַרמעגלעכע יידישע משפחות פון לובלין. מאַמעס מיט קינדער, סוחרים, האַנטווערקער. לרוב זענען די מענער געקומען אויף שבת און דאָרט פאַרברענגט מיט דער משפחה. מיר האָט מען איינגעאָרדנט אין אַ פענסיאָנאַט, ווו מ׳האָט אַזוי געשטאָפּט מיט

עסן, אַז ניט איינמאָל האָט זיך געוואָלט אַלץ אָפּגעבן. נאָך אַ חודש, האָב איך זיך אומגעקערט אַ היים, די פּעריען האָבן זיך געענדיקט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין מיין לעבן — די וויכטיקסטע תקופה, פון 14טן ביזן 19טן לעבנסיאָר, די צייט פון רייף ווערן. אין אַזאַ תקופה פאָרמירט זיך דער מענטש. די באַדינגונגען, סביבה, דערציאונג — שאַפן די גרעסטע ווערטן ביים מענטש, אָדער פירן אים אַראָפּ פון וועג. דעמאָלט הייבן אָן אַריינצודרינגען אין באַוווּסטזיין איינשטעלונגען, אידעען, עטישע ווערטן. די וועלט איז אָפן, די צוקונפט איז פאַר דיר. אַזוי, שיינט מיר, איז דעמאָלט געווען, אויפן סמך פון מיינע דערפאַרונגען און אָבסערוואַציעס פון נאָענטע, היימישע מענטשן. שפּעטער ענדערט מען זיך זייער זעלטן.

מען שמועסט, אַז איבערלעבונגען, קאַטאַסטראָפעס, זענען שטאַרק משפּיע אויף מענטשן און זייערע כאַראַקטערן, הגם דאָס געשעט ניט אָפט. תפיסה, פאַרשיקונג און אַנדערע אומאַנגענעמ־לעכקייטן האָבן אַן ערנסטן איינפלוס. איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, לאָזן זיך אָפּשאַצן אַלע גוטע מעלות פונעם איינאָרדענען מיך אין דער דאָזיקער שול, און איך בין דאַנקבאַר דעם גורל, אַז אַזוי איז געשען. מיין לעבן, פון איינעם וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דער סטאַשיצאַ־גימנאַזיע, איז געווען פולבלוטיק און רייך. יענע שיינע יאָרן, דערמאָנט מען מיט טיפער גערירטקייט און טייל־מאָל — אויך מיט אַ טרער.

אין פערטן קלאַס גימנאַזיע, בין איך במשך דעם גאַנצן לערניאָר געזעסן אויף איין באַנק מיט מיכאל עדעסבורג, אַ מאָגער, איידל יינגל, מיט גרויסע ברילן אויפן קליינעם פּנים, אַ שווייגנדיקער, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קליינעם חכם, מיט דער צוקונפט פון אַ גרויסן פילאָזאָף. ער האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמ־ער משפּחה, וועלכע האָט אויך אים אַריינגעשטופּט אין דער שול מיט „גנעדיקער הילף". ער האָט אַ סך געלייענט, אָבער זעלטן ווען געטיילט זיך מיט זיין וויסן. אַ פּעיקער, האָט ער זיך בעסער

געלערנט פון מיר און אָפּט געהאָלפן אין מאַטעמאַטיק. אויסער דער שול, האָבן מיר זיך ניט געזען. מיינע חברים זענען ווייטער געווען די פון אונדזער הויף — יוסף סלושני און בינדער, מיט וועמען איך האָב געלערנט אין דער פאָלקסשול. בינדערן איז געלונגען אַנצוקומען אין דער צווייטער קלאַס פון גימנאַזיע.

לערערס האָבן מיר געהאַט גוטע. פאַרשטייט זיך, נישט אַלע. דער היסטאָריקער פּראָפעסאָר יאַן דאַבזשאַנסקי איז געווען אַן אָנגענעמער מאַן, ווי אויך דער לאַטיין־לערער פּראָפעסאָר טאַ־דעוש באַכענסקי, וואָס האָבן אַזוי מצליח געווען צו פּאַראינטע־רעסירן די שילערס מיט די קעגנשטאַנדן וועלכע זיי האָבן געלערנט, אַז אויף זייערע לעקציעס האָבן מיר פאַרגעסן וועגן אַנדערע זאַכן. איך האָב זיך געלערנט ניט שלעכט. נאָר אין מאַטעמאַטיק האָב איך זיך געניטיקט אין הילף.

אַ געוויסן נאָכמיטאָג, יאָגנדיק זיך נאָכן באַלעם אויפן פּלאַץ ביים דענקמאָל פון דער „לובלינער אוניע״, האָב איך פון דער ווייטנס דערזען מיכאַלן, מיין חבר פון דער שול־באַנק. ווי דער שטייגער, איז ער געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, מיט אַ בוך אין האַנט. איך האָב איבערגעריסן די שפּיל און אים אַ פרעג געטאָן:

— ווו איילסטו זיך, ברודערל?

— איך וועל אַ ביסל לייענען דאָ, אין סקווער — האָט ער געענטפערט און זיך דערווייטערט צו דעם פּלאַץ, ווו איך האָב געקאָפּעט דעם באַלעם. דאָס איז געווען אַ נישט גרויס אָרט, מיט איינצלנעביימער און אַ סך אַלייעס, אויף דער קראָקעווער פּאַר־שטאָט גאַס, אַנטקעגן דער פּאָסט. אויסער דעם שיינעם זאַקסישן גאָרטן, איז דאָס געווען איינער פון דער נישט גרויסער צאָל סקווערן אין שטאָט. אַ מידער, מיטן פאַרלאַנג זיך אָפּצורוען, בין איך צוגע־קומען צו דער באַנק, אויף וועלכער מיכאַל איז געזעסן, אַ פאַר־טיפטער אינעם לייענען דאָס בוך. איך האָב זיך צו אים צוגעזעצט און געפרעגט וואָס ער לייענט. דאָס איז געווען דער „אָפּשטאַם פון דער משפחה, פּריוואַט אייגנטום און מדינה״ פון פרידריך ענגעלס.

— האָסט זיכער נישט געהערט וועגן דעם בוך — זאָגט מיכאל מיט אַ שמייכל.

איך האָב געלייענט אַ סך, דער עיקר דערציילונגען. איך האָב שוין געקענט די ווערק פון איינציקע פוילישע קלאַסיקער, געהאַט אַדורכגעלייענט זשעראָמסקיס „די געשיכטע פון אַן עבירה", שענ־קעוויטשן, אָזשעשקאָווא, פּרוס, שוין אָפּגערעדט פון דער גרויסער צאָל ביכער מיט אַ סענסאַציאָנעל־קרימינעלער טעמאַטיק. פון די וויסנשאַפטלעכע ווערק, האָב איך שוין געהאַט הינטער זיך אַוגוסט פּאָרעל, ווייל די דאָזיקע פּראָבלעמען האָבן מיך שטאַרק אינטע־רעסירט. מיין זאָרגלאָזע, גליקלעכע קינדהייט, האָט נישט אַרויס־גערופן סאָציאַלע רעפלעקסן. ערשט אין די יאָרן פון דער שטייגנ־דיקער אָרעמקייט, האָב איך טייל׳מאָל געטראַכט, פאַר וואָס איז געוויסע מענטשן אַזוי גוט און אַנדערע לעבן אין נויט. גאַנץ באַזונדערס האָב איך אַזוי געטראַכט אין דער תקופה, ווען ביי אונדז האָט זיך די לאַגע פאַרערגערט.

מיין פאָטער איז געוואָרן אָרעמער צוליב אייגענער לייכט־זיניקייט — און נישט צוליב קאָנקורענץ. דאָך האָב איך כּסדר געהאַט ספיקות. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס איז מיר, דעם ייד, אַזוי שווער צוגעגאַנגען מיטן אָנקומען אין אַ מלוכהשער גימנאַזיע און בכלל, פאַר וואָס זענען יידן ערגער פון אַנדערע, בירגער פון דער צווייטער מדריגה. פאַר וואָס איז פאַר אַ ייד נישט געווען צוטריטלעך אַ מלוכהשער פּאָסטן און ער האָט געמוזט זיך פאַרנעמען מיט מסחר און מלאכה. בלויז אַ דינער שיכט האָט געקענט דערגרייכן בילדונג און פרייע פּראָ־פעסיעס — דער חלום פון יעדער יידישער משפחה. קוקנדיק דאָ אויף מיכאלן, דאָ אויפן נאָמען פון בוך, האָב איך זיך אָנגעע־שטויסן, אַז דאָס איז אַוודאי אַ וויסנשאַפטלעך בוך, וואָס באַרירט זייער אינטערעסאַנטע פּראָבלעמען. אין דעם מאָמענט האָט מיך מער אינטערעסירט די אַנטשטייאונג פון דער משפחה, ווי די אַנטשטייאונג פון פּריוואַט אייגנטום און פון דער מדינה.

— איך קאָן עס דיר אויסבאָרגן, אויב דו ווילסט, נאָר איך

עצה דיר צו פֿאַרשרייבן זיך אין דער ביבליאָטעק פֿון ל.ס.ס. („לובעלסקאַ ספּולדזשעלניאַ ספּאָזשיווצוב") אויף דער קרולעווסקע גאַס, ביים שטאָטזייגער. דער אַריינגאַנג איז דורכן שפּייז־געוועלב. אַן ערשטקלאַסיקע ביבליאָטעק, פֿאַר אַ קליינעם אָפּצאָל, אַ זלאָטי אַ חודש — האָט ער גערעדט אַן איבערייס.

צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט פֿון דער ביבליאָטעק. געווען עטלעכע אַזעלכע אין לובלין, צווישן זיי — מיטן נאָמען „קולטוראַ", אַנגעפֿירט דורך דער מאַמען פֿון מיין שול־חבר גוט־האַרץ, אַלקאַ גוטהאַרץ. נאָר דאָרט איז דער חודש־אָפּצאָל געווען אַ טייערער.

צוזאַמען מיט מיכאַלן, זענען מיר אַוועק אַ היים און ער האָט נישט אויפגעהערט דערציילן וועגן דער ביבליאָטעק און די ביבליאָ־טעקאַרין אַדעלאַ, און פֿון דער אַנגענעמער אַטמאָספער וועלכע הערשט דאָרט, שוין אָפּגערעדט פֿון דער גרויסער צאָל ביכער מיט אַ סאָציאַלן און פּראָגרעסיוון אינהאַלט. ביים געזעגענען זיך ביי אונדזער טויער, האָב איך אים פֿאַרזיכערט, אַז וואַרשיינלעך וועל איך געניסן פֿון זיין עצה.

די ביבליאָטעק — מיין דערציערין

נאָך עטלעכע טעג, האָב איך דעצידירט און אָוועק אין דער ריכטונג פון קראָקעווער טויער און שטאָטזייגער. נאָכן אַדורכגיין די גרויסע שפּייז־קראָם פון דעם לובלינער קאָאָפּעראַטיוו, האָב איך אָנגעטראָפן אויף עטלעכע טרעפּלעך, וועלכע האָבן געפירט אין אַ נישט גרויסן צימער, ווו ס׳האָט זיך געפונען די ביבליאָטעק — און דאָרט דערזען די פריילין אַדעלאַ. אַ נידעריקע, העל בלאָנדע, אַ ברייט פּנים, מענעריש געקעמט, אַ גראַנאַטענער בערעט אויפן קאָפּ און אַ שוואַרץ פּאַרטעכל, אויסדרוקפולע אויגן. זי איז מיר גלייך געפעלן, ווייל זי האָט מיך אויפגענומען אַזוי פריינטלעך און אָנגעהויבן אונטערצורוקן פאַרשידענע ביכער און דערביי געפרעגט, וואָס מיך אינטערעסירט. איך האָב דעמאָלט געבעטן דעם שרייבער אַנטאָני מאַרטשינסקי, ווייל זיין ערשטער ראָמאַן האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק, צוליב זיין סענסאַציאָנעלקייט און פּאָרנאָ־גראַפיע. איך האָב געוואָלט אַדורכלייענען אַלע זיינע ביכער — און ביסלעכוויז האָבן די שאַפונגען פון מאַרטשינסקין באַלאַנגט צו מיין גייסטיקן פאַרמעגן. די פריילין אַדעלאַ האָט מיט אַ שמייכל מיר דערלאַנגט יעדעס בוך וואָס איך האָב געבעטן, קיין איינמאָל זיך נישט געקרומט. ווייזט אויס, ווי כ׳האָב שפּעטער אָפּגעשאַצט, האָט זי געהאַלטן, אַז דאָס אַלץ וועט פון זיך זעלבסט אַדורכגיין, במילא וועט דערפון קיין סך נישט בלייבן. און זי האָט געהאַט רעכט.

איצט, האָט אויך די ביבליאָטעק פון ל.ס.ס. אָנגעהויבן מיך דערציען, פּונקט ווי זי האָט דערצויגן גרויסע טיילן פון דער פּאַר־געשריטענער לובלינער באַפעלקערונג, באַזונדערס — די יוגנט. איך האָב ווייטער געלייענט די בעסערע און ערנסטע ליטעראַטור, ווי סעלמאַ לאַגערליעף, יאַקוב וואַסערמאַן, ראָמען ראָלאַן, וויקטאָר הוגאָ. שפּעטער — די סאָוועטישע ליטעראַטור: פיאָדאָר גלאַד־

קאָווס „צעמענט" (וואָס איז געווען האַלב-לעגאַל אין פאַרמלחמה-דיקן פוילן), באָריס פּילניאַק, וואַלענטין קאַטאַיעוו. אין די דער-מאָנטע ביכער האָב איך אַנטדעקט אַן אַנדערע וועלט, ווי די אין וועלכער איך האָב געלעבט. אַלנפאַלס, אַ וועלט אַ בעסערע, פול מיט העראָיזם, אַן אויסגעטרוימטע, וואָס האָט באַדאַרפט פונאַנ-דערטרייבן די מאַטערנדיקע ספיקות. במשך פון דעם גאַנצן לערניאָר אין דער פערטער קלאַס, האָב איך געלייענט ליטעראַרישע ווערק און אויף דער רעקאָמענדאַציע פון אַדעלאַן, אייניקע בראָ-שורן פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. אויף וויפל איך געדענק, זענען דאָס געווען „לוין-אַרבעט און קאַפּיטאַל", „די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם פון אוטאָפּיע ביז וויסנשאַפט" און אַנדערע.

ס׳איז שווער צו שילדערן דעם געבורט און אַנטוויקלונג פון אַ וועלט-אַנשויאונג אין די יוגנט-יאָרן. די ליטעראַטור האָט געטאָן ס׳איריקע, ווייל זי האָט אָנגעטראָפן אויף אַזאַ גינסטיקן באָדן, ווי די כּסדר זיך פאַרערגערנדיקע לאַגע. שניידעריי, מיין טאַטנס באַשעפטיקונג, איז דאַן געווען לויט סעזאָנען. אין די טעג ווען ס׳איז נישט געווען קיין אַרבעט, איז אָפט נישט געווען צו עסן קיין מיטאָג. אויסערלעך, אַנטקעגן אַנדערע, האָבן מיר נאָך ווי ס׳איז געלעבט, געמאַכט דעם אָנשטעל. אָבער אין דער היים האָט זיך געפילט נויט. נישט געווען קיין געלט צו באַצאָלן אין גימנאַזיע. דער פאָטער האָט אַרויסבאַקומען אַן אָרעמקייט-צייגניש, וואָס האָט דערמעגלעכט אַ הנחה אין שכר-לימוד. אָבער אויך דעם רעדו-צירטן אָפּצאָל, איז שווער געווען צו רעגולירן — 20 זלאָטיס אַ יאָר. איך האָב זיך גענומען צו לעקציעס, ד. ה. — לערנען אַנדערע.

מיין ערשטער שילער איז געווען דער זון פון פונעם באַקאַנטן אין שטאָט פעלדשער שפּאַק. אונדזערע פאַמיליעס האָבן זיך גוט געקענט, אויך פון זיינע וויזיטן אין אונדזער היים, ווייל אין די קינדער-יאָרן האָב איך אָפט געקרענקט. איידער מ׳האָט אַרויסגע-רופן אַ דאָקטער, האָט פריער געמוזט באַטראַכטן דער פעלדשער שפּאַק — און ער האָט דעצידירט. דאָס איז געשען ניט נאָר ביי

אונדז, נאָר ביי דעם רוב יידישע משפחות אין לובלין. שפּאָק איז געווען זייער פּאָפּולער אין שטאָט. אָן אַלמן, האָט דעם זון דער־צויגן די גוווערנאַנטקע לאָלאַ. אויף דעם יונגיטשקן פּראַנעק, האָב איך צום ערשטן מאָל אויספּרובירט מיינע פּעדאַגאָגישע פעיקייטן — און איך האָב באַקומען אַ נאָמען פון אַ גוטן קאָרעפּעטיטאָר, הגם אַליין נאָך געווען אַ יונגער שילער פון פערטן קלאַס. אַ דאַנק דעם וואָס כ׳האָב צובאַקומען נאָך עטלעכע לעקציעס, האָב איך פאַר־דינט אויף שכר לימוד, געקענט זיך אָנטאָן און אויך פון צייט צו צייט געבאָרגט דעם פאָטער געלט (די הלוואות האָב איך קיינמאָל נישט צוריק באַקומען).

מיין פאַרבינדונג מיט דער ביבליאָטעק איז געוואָרן אַלץ ענ־גער. גאַנץ אָפט האָב איך גענומען ביכער פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, וועלכע האָבן מיך זייער אינטערעסירט, באַזונדערס — די פּראָבלעמען פון פילאָזאָפיע, געשיכטע און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. כ׳בין געוואָרן מיטגעריסן מיט דער קאָמוניסטישער וועלט־אַנשויאונג. מיר איז געפעלן געוואָרן די איבערצייגנדיקע אַרגומענטאַציע, די גלענצנדיקע קריטיק פון די הערשנדיקע סאָ־ציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען, וואָס אַלץ צוזאַמען, האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן. איך האָב געפינען דעם שליסל צו לייזן די פּראָבלעמען פון אויפבויען אַ בעסערע וועלט. און דער דאָזיקער שליסל איז פאַר מיר געווען — דער מאַרקסיזם.

ס׳וועט אוודאי אויסזען לעכערלעך, אַז אַ 14־יאָריק יינגל אינטערעסירט זיך מיטן מאַרקסיזם, ביזן לייענען די דאָזיקע ליטע־ראַטור. אַזוי איז אָבער געווען. די סאָציאַלע, פּאָליטישע און נאַציאָ־נאַלע באַדינגונגען, באַזונדערס ביי דער יידישער יוגנט, האָבן פּריצייטיק געווירקט אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג און אויס־פאָרמירונג פון אַ וועלט־אַנשויאונג, פאַרבונדן אָפט מיט אַקטי־ווער טעטיקייט אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. אַזוי איז אויך געשען מיט מיר. איך האָב דאָס צו פאַרדאַנקען, אויף אַ באַדייטנ־דיקן אופן, נישט נאָר מיין מאַטעריעלער לאַגע, צי פון דער פאַמיליע, וואָס האָט זיכער געהאַט אויף מיר אַן השפּעה, אָבער אויך

אויף דער סביבה און די ביכער, וועלכע איך האָב באַקומען אין דער ל.ס.ס.־ביבליאָטעק.

אַ סך מענטשן זענען אָבער אַוועק אויף אַנדערע וועגן. טאָקע צוליב די באַדינגונגען, האָבן זיי געוואָלט קלעטערן אין דער הייך אויף דער געזעלשאַפטלעכער לייטער, כּדי זיך דערשלאָגן צו אַ זעלבשטענדיקער, עקאָנאָמישער פּאָזיציע. איך האָב אַפילו געהאַט אַזעלכע באַקאַנטע און חברים, וואָס האָבן מיר אָפּגערעדט פונעם געניסן פון דער ביבליאָטעק, וועלכע קאָן מיך דערפירן אויף די פאַרבאָטענע וועגן פון קאָמוניזם. מיך האָט אָבער געצויגן אין יענער ריכטונג, ווי אַנדערע יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געטרוימט וועגן אַ בעסערער צוקונפט, וואָס קאָן געשען נאָר אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג, ווען אַלע אַרבעטנדיקע מענטשן וועלן זיין צופרידן. נאָר איך האָב נישט געוואָלט, אַז מיין קאַריערע זאָל קומען אויפן חשבון פון דער נויט פון אַנדערע מענטשן.

ס'איז אָבער געשען. אין פערטן קלאַס גימנאַזיע, בין איך אידעאיש שוין געווען פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. ס'האָט נאָר געפעלט דאָס בריקל, וואָס זאָל מיך אַריינפירן אין דער אָרגאַניזאַציע, צו אַקטיווער טעטיקייט, כּדי פאַרוואַנדלען מחשבות אין מעשים און צעשטערן די פאַרשימלטע מויערן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פעסטונג.

מיכאַל עדעלסבערג, מיין חבר פון דער שול־באַנק, וואָס האָט מיך צוגערעדט זיך איינצושרייבן אין דער ביבליאָטעק און איך האָבן געוווסט, אַז ער איז אַריינגעטאָן אין לייענען די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור, האָט קיינמאָל נישט באַרירט מיט מיר די פראַגע פון אַקטיווער טעטיקייט אין דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויך איך האָב אים נישט געפרעגט וועגן דעם און נישט גערעדט מיט אַנדערע. איבעריקנס, מ'האָט זיך געשראָקן פאַר אַזאַ שריט. הגם כ'בין געווען צוגעגרייט, ווייל איך בין געווען ביי דער מיינונג, אַז מ'דאַרף אַרבעטן לטובת דער אידעע, אויב מ'איז אירס אַן אָנהענגער, אָבער נישט געהאַט די דרייסטקייט צו ווענדן זיך צו עמעצן, אַפילו נישט געוווסט צו וועמען.

אין יאָר 1931, איז מיר אָפּט אויסגעקומען זיך אומצוקערן אַ היים פון דער שול, צוזאַמען מיט אַלעק גוטהאַרץ, וואָס האָט געלערנט אין דער פּאַראַלעלער פערטער קלאַס. ער איז טאַקע געווען דער זון פון דער אייגנטימערין פון דער ביבליאָטעק „קול־טורא״. אַלעק איז געווען אַ שיין, גוט געבויט יינגל, מיט אַ פיינער אויסשפּראַך, געלייענט אַ סך און ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן מיט אים צו ריידן. מיר האָבן אָפּט געשמועסט וועגן דער לאַגע אויף דער וועלט, וועגן היטלעריזם אין דייטשלאַנד, וועגן ליטעראַטור. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אַלעק איז אַן אָנהענגער פון מאַרקסן און איז שוין אַנגאַזשירט אין דער באַוועגונג. טאַקע יענעם טאָג, אויפן וועג אַ היים, האָט מיר אַלעק אַלץ דערציילט:

— איך זאָג עס דערפאַר, ווייל איך ווייס דיינע איבערצייגונ־גען און איך גלויב, אַז וועסט גיין מיט דעם וועג. מיין נישט, אַז ס׳וועט זיין גענוג צו לייענען און שטודירן די ליטעראַטור, דערמיט וועט מען נישט ענדערן דעם סדר פון דער וועלט. מיר וועלן אים ענדערן, ווייל די אַרבעטער־באַוועגונג וואַקסט מיט אַ שטייגנדיקן כּוח, די קאָמוניסטישע פּאַרטייען ווערן אַלץ שטאַרקער. מיר האָבן שוין די ערשטע מדינה, וועלכע בויט דעם סאָציאַליזם, דאָס איז דער ראַטן־פאַרבאַנד. זע ווי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַנטוויקלט זיך אין דייטשלאַנד. פאַר דער ליסטע פון ערנסט טעלמאַן, האָבן געשטימט פינף מיליאָן וויילערס. אויך אין פּוילן, ווו די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַקומט אַלץ גרעסערע איינפלוסן, וועט קומען די צייט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג וועט קראַכן און ס׳וועט אויפשיינען די זון פאַרן גאַנצן אַרבעטנדיקן פאָלק. מעגן מיר שטיין אין אַ זייט?

אַלעק האָט גערעדט איבערצייגנדיק און מיט קראַפט. איבע־ריקנס, מיך האָט ער נישט באַדאַרפט איבערצייגן. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אַריינטרעטן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע (ק.ז.מ.פּ. — „קאָמוניסטיטשני זוויאַנזעק מלאָדזשעזשי פּאָלסקעי״ — „קאָמוניסטישער פאַרבאַנד פון דער פּוילישער יוגנט״), וועלכע האָט געפירט איר טעטיקייט אויך אין די שולן,

אונטערן נאָמען (ז.מ.ס. — „זוויאָנזעק מלאָדזשעזשי שקאָלנעי" — „פאַרבאַנד פון דער שול־יוגנט"). דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן דעקלאַרירן זיך פאָרמעל, צי אויספילן אַנקעטעס, אָדער פאַר־מולאַרן. נישטאָ אַזעלכעס אין אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. געמיינט האָט מען — אַרבעט, אַקטיווע טעטיקייט, כּדי די אָרגאַ־ניזאַציע זאָל זיך פונאַנדערוואַקסן, האָבן אַ וואָס גרעסערע השפּעה צווישן דער יוגנט, ווו מ'האָט געפירט די אויפקלערונג־אַרבעט. הגם איך בין געווען אַבסאָלוט איבערצייגט, אַז מ'דאַרף זיין אַקטיוו, נישט נאָר אַ זייטיקער אָבסערוואַטאָר, האָב איך זיך נישט געאַיילט צו געבן אַן ענטפער. כ'האָב זיך געפילט אומהיימיש. איך האָב דאָך געוווּסט, מיט וואָס דראָט די טעטיקייט אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זיך פאָרגעשטעלט די תּפיסה, ווי אַזוי מען פירט מיך אַ געשמידטן אין קייטן — און הינטער מיר פאַרקלאַפּט זיך דער תּפיסה־טויער. כ'האָב געזען אין דער מחשבה די פאַרוויינטע מאַמען און די פאַרצווייפלונג און בזיון פון דער גאַנצער משפּחה. אַ שווייס האָט מיך באַגאָסן פון בלויזן פּחד.

— גיב אַ טראַכט — זאָגט מיר אַלעק. — דו מוזט נישט איצט ענטפערן יאָ אָדער ניין, דאָס איז אַן ערנסטע דעציזיע און דאַרפסט אָנשטיידן. איך בין נאָר ביי דער מיינונג, אַז דאָס איז אונדזער מענטשלעכער חוב, אויב מיר זענען באַוווּסטזיניק לגבי דער ווירק־לעכקייט און איבערצייגט, אַז מען דאַרף זי ענדערן.

— נו, אין אָרדענונג, אייגנטלעך איז נישטאָ איבער וואָס צו פאַרטראַכטן זיך — איז געווען מיין ענטפער. איך האָב געפילט, ווי איך ווער בלייך, תּמיד ווען מ'האָט זיך אויפגערעגט, אָדער איבערגענומען.

— מאָרגן אין שול וועסטו מיר זאָגן דיין ענטגילטיקן ענטפער, אָדער בעסער, ווען מיר וועלן גיין אַ היים — האָט אַלעק זיך צעשמייכלט און זיך געזעגנט אַ צופרידענער, וואָס די אָרגאַ־ניזאַציע פאַרגרעסערט זיך מיט נאָך איינעם. נאָר מיין דענערוווירונג האָט נישט אויפגעהערט אויך אין דער היים. איך האָב נאָך אַלץ געטראַכט וועגן דעם באַשלוס.

אין עטלעכע טעג אַרום, איז פֿאָרגעקומען דער ערשטער צו־זאַמענטרעף ביי אַ שילער פון זעקסטן, צי זיבעטן קלאַס פון דער גימנאַזיע א. נ. פון די פעטערס אויף דער בערנאַרדינסקע גאַס — שמואל שפּיגלשטיין. איך האָב זיך באַמיט צו באַהערשן און אויסבאַהאַלטן די איבערגענומענקייט מיטן אומבאַוווּסטן וואָס מיך דערוואַרט. שמואל האָט אַרומגערעדט די אויפגאַבן פון דער אָרגאַ־ניזאַציע און אויפגעקלערט, אַז דער ז.מ.ס., וואָס איז טעטיק אויפן שטח פון די שולן, איז אַ באַשטאַנדטייל פון דער ק.ז.מ.פּ., איר אונטערגעאָרדנט און נעמט אָנטייל אין אַלע אַקציעס פון דער אָרגאַניזאַציע. די אויפקלערונג־אַרבעט פירט ז.מ.ס. נאָר צווישן דער שול־יוגנט און באַמיט זיך אַריינצונעמען אין זיינע רייען די בעסערע בחורים, נוצט אויס די לעגאַלע פּלאַצוווקעס און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, צו פירן צווישן זיי די אַגיטאַציע פאַרן סאָציאַליזם, קעגן קאַפּיטאַליזם און דער הערשנדיקער פּאַרטיי — די סאַנאַציע. מ׳האָט אַרומגערעדט די פראַגע פון אַ קאָנקרעטער טעטיקייט אין אונדזער גימנאַזיע, ווו דער באָדן איז געווען פיל שווערער. אַ נישט פאַרזיכטיקער שריט, האָט געדראָט מיט באַזייטיקן פון דער שול. יעדער פאַרדעכטיק וואָרט פאַר אַ חבר, האָט מען געקאָנט צוטראָגן דער שול־דירעקציע. אַזוי ווי אין אונדזער גימנאַזיע איז דער ז.מ.ס. געווען פאַרטראָטן נאָר דורך אַלעקן און מיר, האָט מען אונדז צוגעטיילט צו אַן אַנדער גימנאַזיע־קעמערל.

אַ נייע תקופה אין מיין לעבן

זייט יענעם פרילינג, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין מיין לעבן, וועלכע ס'האָבן אָפּגעשלאָסן די תפיסה־מויערן פון לובלינער שלאָס („זאַמעק"). דאָס איז געווען מיין עדוקאַציע־תקופה, וואָס האָט דעצידירט מיין לעבן און גורל. מיר האָט אָנגעהויבן דערציען אַן אומלעגאַלע, קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אַ אידישע, קעמפערישע, אַדורכגענומען מיטן גלויבן אין דער צוקונפט, אַן ענטוזיאַסטישע — און גלייכצייטיק מיט אַ שטרענגער מאָראַל און אייזערנער דיסציפּלין. אַזאַ דערציאונג האָט געשאַפן ביים מענטש פּאָזיטיווע ווערטן, אַנטוויקלט זיין געדאַנק, געשטאַלטיקט דעם ווילן און כאַראַקטער.

געווען אויך יוגנטלעכע, וואָס זענען געקומען אין דער אָרגאַניזאַציע אויף אַ קורצער צייט, כּדי באַלד פון איר אַוועקצוגיין. אין די קרייזן פון דער פאַרמעגלעכער אינטעליגענץ, איז לינקס געווען אין דער מאָדע און ס'האָט פּאַסירט, אַז יונגע מענטשן פון דער סביבה, האָבן זיך געפינען אין דער אָרגאַניזאַציע. נאָר די דיסציפּלין, גרויסע פאָדערונגען און די מורא — האָבן פיל פון זיי צוריק געשטויסן אין די משפּחה־נעסטן. דאָס איז געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. אָבער די וואָס זענען פאַרבליבן, האָבן שוין געהאַט אַ שול אויפן גאַנצן לעבן. ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן פילן די השפּעה פון אונדזער סביבה. דאָס איז דאָך געווען די בעסטע יוגנט, פול מיט ברען, אָפּטימיזם און ערלעכקייט. גייסטיק — העכער פונעם דורכשניט. געווען אויך נעגאַטיווע טיפּן, וואָס האָבן זיך אָנטפּלעקט אין ספּעציפישע באַדינגונגען, ווייל אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע, האָט מען נישט מיט איינמאָל זיך דערקענט אויף זיי. קאָנטאַקטן, קאָנספּיראַטיווע צוזאַמענטרעפן, מיטינגען, פלוגבלעטלער — זענען נאָר אַלץ נישט געווען די פּאַסיקע באַדינגונגען, כּדי אַלזייטיק צו באַקענען דעם מענטש, בפרט, אַז ער האָט אויסגעפירט

אַלץ וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט געפאָדערט. געוועזן צווישן אונדז אויך אויסוואורפן, ווי דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן.

אין זומער פון יענעם היסטאָרישן (פאַר מיר) יאָר, האָב איך געענדיקט די פערטע קלאַס און אַריבער אין דער פינפטער. צוויי חדשים פאַרן פאַרענדיקן דאָס שול־יאָר, איז מיר אונטערגעקומען אַ גלענצנדיקע קאָרעפעטיציע. איך האָב דעמאָלט צוגעגרייט פראַנעק שפּאַק צום עקזאַמען אַריינצוטרעטן אין ערשטן קלאַס גימנאַזיע. צו מיר האָט זיך געוואָנדן נאָך איין פאָטער, דער זייגער־מאַכער שאַפּיראָ און געבעטן צוגרייטן אויך זיין זון, פינעק, אַריינ־צוטרעטן אין דער גימנאַזיע. נאָר אַזוי ווי די צייט איז קורץ, זאָל איך אים לערנען צוויי שעה און פאַרגעלייגט, ווי פאַר יענע צייטן, אַ בכּבודיקע סומע פון 200 זלאָטיס פאַר די 8 וואָכן לערע. אַזאַ לאָקנדיקן פאָרשלאָג האָב איך נישט געקענט אָפּוואַרפן, הגם איך בין געווען זייער באַשעפטיקט: די שול, אָרגאַניזאַציע, לעק־ציעס. פון דעסטוועגן האָב איך נאָך געהאַט צייט, אַפילו אויף שפּאַצירן מיט חברים אויף דער קראָקעווער פאָרשטאָט, פון דער קאַפּוצינסקע גאַס ביז צום זאַקסישן גאָרטן. און ביי דער געלעגנ־הייט אויך כאַפּן אַ בליק אויף די שיינע מיידלעך, די גימנאַזיע־שילערינס. איך האָב נאָך געמוזט געפינען צייט צו לייענען אַ בוך, נאָר דאָס האָב איך דער עיקר געטאָן אין די נעכט, אין בעט. איך האָב געלייענט אַ סך, שטודירט בוכאַרינס „טעאָריע פון היסטאָ־רישן מאַטעריאַליזם" און באָגדאַנאָווס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", דעמאָלט פּאָפּולערע האַנטביכער אויף דעם געביט. איך האָב אויך געלייענט בעלעטריסטיק, באַזונדערס — די סאָוויעטישע.

יעדן טאָג בין איך געגאַנגען צופוס פון דער היים ביז דער פּורמאַנסקע גאַס, אַ היפּשער וועג, כּדי צו געבן לעקציעס דעם יונגיטשקן שאַפּיראָ. איך בין אַדורכגעגאַנגען די צירולניטשע גאַס, ווו פאַרן געוועלב איז אָפט געשטאַנען די שוואַרצאויגיקע, פון דער זון אָפּגעברענטע און דאַרע ברונעטקע אסתּר גאָלדמאַן (מיין צוקונפטיקע שוועגערין). זי האָט געקוקט אויף מיר, איך אויף איר. זי האָט געמוזט אַרבעטן אין דעם קליינעם שפּייז־געוועלב,

ווי ס'איז געשטאַנען אַ ייד מיט אַ באָרד, חסידיש געקליידט און אַ פרוי מיט זייער איידעלע שטריכן — די אייגנטימערס פון דעם געשעפט. איך האָב זיך דעמאָלט ניט פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי מיין לעבן וועט זיך פאַרבונדן מיט דער שוועסטער פון דעם מיידל, וואָס איז מיר אַזוי געפעלן געוואָרן.

ס'איז געקומען די צייט פון די עקזאַמענס. מיינע שילערס איז געלונגען. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ניט געשען נאָר אַ דאַנק מיר, ווייל אַפילו ווען די רעזולטאַטן וואָלטן געווען די בעסטע, וואָלט מען אָן פּראָטעקציע זיי נישט אַריין גענומען אין דער גימנאַזיע. פון די באַקומענע 200 זלאָטיס, האָב איך אַ טייל געבאָרגט מיין פאָטער, וואָס איז כסדר געווען אין דעפיציט און פאַר די רעשט האָב איך זיך באַשטעלט אַ נייעם אַנצוג און איינגעקויפט עטלעכע ביכער. אויך פריער, האָב איך געקויפט ביכער, אָבער איצט האָט מען געענדערט דעם אָפּקלייב. אין מיין ביבליאָטעק זענען גלייך געווען אויסגעשטעלט בראָשורן פון מאַרקסן, ענגעלסן אין דער פוילישער שפּראַך, ווי בוכאַרין און באָגדאַנאָוו. געווען אויך קאָוטס־קי, באַבעל און אַנדערע.

ס'האָבן זיך אָנגערוקט די שול־פעריען. מ'האָט באַדאַרפט טראַכ־טן וועגן אַרויספאָר. אין די קינדער־יאָרן, ווען אונדז האָט זיך געלעבט בעסער, זענען מיר מיט דער מאַמען און מומען געפאָרן אויף זומער־וווינונג. דערנאָך זענען געווען איבעררייסן, ווייל מ'האָט נישט געהאַט קיין געלט. אויך איצט האָט מען נישט געקענט אַרויס־פאָרן אויף דער פרישער לופט. מיט אַמאָל איז אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט. מיין חברטע פון די קינדער יאָרן, די געלע חנה, מיט וועמען איך האָב אין געהיים געלייענט אוגוסט פּאָרעל און מ'האָט זי באַטראַכט פאַר מיין צוקונפטיקע פרוי, איז מיט איר משפּחה איבערגעפאָרן אין לודמיר (וולאָדזשימיעזש וואָלינסקי). איך דער־מאָן זיך נישט, פאַר וואָס דאָס איז געשען. וואַרשיינלעך, איז די הויפּט־סיבה געווען די גייסטיקע קראַנקייט פון איר מוטער, וועלכע האָט אָפּט אַרויסגערופן ווילדע אַוואַנטורעס. אין יענע צייטן, איז

אַ פּסיכישע קראַנקייט באַטראַכט געוואָרן ביי צוריקגעשטאַנענע מענטשן ווי אַ שאַנדע פאַר דער גאַנצער משפּחה. האָט מען די מאַמען איינגעאָרדנט אין אַ שפּיטאָל און די משפּחה האָט פאַרלאָזט לובלין. איבעריקנס, חנה'ס פאָטער, הער וויינבערג, האָט אויך אויסגערעכנט אויף בעסערע פאַרדינסטן אין אַ קלענערער שטאָט, ווו ס'זענען נישט געווען קיין סך קירזשנערס.

און אָט איז אָנגעקומען אַ פאַרבעטונג פון דער משפּחה וויינבערג, צו פאַרברענגען ביי זיי דעם זומער. איך בין גערן געפאָרן אַהין, ווייל כ'בין געווען נאָענט צו דער משפּחה און אויך נישט געהאַט קיין אַנדערע מעגלעכקייט ווו צו פאַרברענגען די פעריען. לודמיר ליגט אויפן טייכל אושטשילוג, אַ באַהעפטונג צום בוג, באַוווינט פון פּאָלאַקן און יידן, וואָס האָבן גערעדט מיט אַ זינגעדיקן יידיש. איך האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט אַ נייער סביבה פון יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געהערט צום השומר הצעיר. צום ציוניזם בין איך געווען קריטיש איינגעשטעלט, ווייל איך האָב געטראַכט, אַז די יידן־פראַגע וועט געלייזט ווערן אין דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, ווו ס'וועט פאַרשווונדן יעטוועדע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. דעם יידישן נאַציאָנאַליזם און די ציוניסטישע באַוועגונג האָב איך געהאַלטן פאַר אַ רעגרעסיוון פאַקטאָר, וועלכער צוימט די אַנטוויקלונג פונעם באַוווסטזיין ביי דער יידישער באַפעלקערונג.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מיין חברטע חנה איז געווען אַן איבערגעגעבענע מיטגלידערין פון השומר הצעיר און געשטרעבט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, כּדי דאָרט העלפן אויפשטעלן אַ יידישע מדינה. איך מוז מודה זיין, אַז טראָץ מיינע באַוואָרענישן לגבי דער באַוועגונג, איז די דאָזיקע שומרישע סביבה מיר געווען זייער סימפּאַטיש. דאָס איז דאָך געווען אַ לינקע, ראַדיקאַלע יוגנט, וואָס האָט געשטרעבט צום סאָציאַליזם אין אייגענעם לאַנד. צוליב דער געזעלשאַפט מיט חנהן, האָב אויך איך פאַרברענגט אין דעם קן. מיר האָבן דאָרט געשפּילט אין נעצבאָל און זיך באַטייליקט אין די אויספלוגן אויף ראָווערן. ס'זענען אויך פאָרגעקומען ליידנ־

שאַפּטלעכע דיסקוסיעס, וועלכע האָבן נישט זיי, נישט מיך איבער־צייגט. איך האָב נאָר געהאַט איין פאַרבינדעטע, רחל לאַק, חנהס אַ חברטע, וועלכע האָט בפירוש אַרויסגעוויזן קאָמוניסטישע נייגונגען און זי האָט מיך פּאַרזיכטיק אונטערגעהאַלטן.

יענעם זומער האָב איך גוט פאַרברענגט. כ׳בין נאָר געוואָרן אָפּגעצערט און אַ ביסל אָפּגעלאָזט און שמוציק. דער אַרויספאָר אויף 2 חדשים צום ערשטן מאָל, אָן דער האַרציקער מאַמען, וועלכע האָט צופיל געזאָרגט פאַר איר בן־יחיד — האָט זיך געלאָזט פילן. נאָכן צוריק קומען אַ היים, איז איר ערשטע אַרבעט געווען — אויסרייניקן דעם פאַרלייזיקטן קאָפּ. די עלטערן און מומע זענען געווען דערשראָקן פון מיין אויסזען. ווייזט אויס, אַז איך האָב זיך נאָך נישט געקענט באַגיין אָן דער מאַמען, און ביי די ווייסבערגס זענען נישט געווען די געהעריקע באַדינגונגען אָפּצוהיטן די היגיענע. קיין מאַמע איז דאָרט נישט געווען און די פרוי העלאַ, מיט וועלכע ווייסבערג האָט געלעבט, איז געווען אַ נאַבלעסיקע. אין דער היים האָט מען מיך געברענגט אין אָרדענונג, געגעבן צו עסן, כּדי צו פאַרגיטיקן פאַר דער שלעכטער דערנערונג אין לודמיר — און נאָך 10 טעג, איז שוין נישט געווען צום דערקענען דעם פאַר־ברענג אין יענער שטאָט.

צום אָנהייב פון נייעם שול־יאָר, זענען פאַרבליבן עטלעכע טעג. איך בין אָפט געגאַנגען מיטן בוך אין סקווער, און טיילמאָל — אין פּאַרק. דער זאַקסישער גאָרטן איז געווען די צירונג פון שטאָט. אַ גרויסער, אָבער נישט צו גרויס. ביים אַריינגאַנג, האָבן פון טויער זיך געצויגן צוויי אַלייען, וועלכע האָבן געפירט אין שטילע, שיינע ווינקלען, ווו דער מענטש האָט געקענט אַליין, אָדער מיט נאָך עמעצן זיך אָפּרוען און קיינער זאָל ניט שטערן. געוויינלעך, אַ יונג פּאָרל, דער עיקר, ווען ס׳איז שוין געווען טונקל. קינדער און עלטערע מענטשן, האָבן מיט דער הויפּט־אַלייע זיך געלאָזט צו אַ קליינעם סטאַוו מיט אַ שמאָל בריקל, אין צענטער פון פּאַרק. אַ גרויסער קרייז, אַרומגעשטעלט מיט בענק און דערנעבן — אַ קאַפע און אַ וואָג צום וועגן זיך. אַ סך מאָל האָב איך זיך דאָרט

געוווינן. אַלס קינד האָב איך זיך געשפּילט אינעם זאַמד, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ רונדיקן פּאַרקן. ווייטער האָבן זיך געצויגן שיינע, בערגיקע אַלייען און אַלייעלער, מיט פּאַרבאַרגענע ערטער, וועלכע מ׳האָט קוים געקענט דערזען.

זיצנדיק אויף אַ באַנק אין זאַקסישן גאָרטן, האָב איך געלייענט. נאָר טיילמאָל אויף געקוקט אין בלויען הימל, געטראַכט וועגן נייעם לערניאָר אין פינפטן קלאַס, וועגן דער טעטיקייט אין דער אָרגאַניזאַציע — און וואָס מיך דערוואַרט, אין שייכות מיט דעם אַלעמען. איך האָב נישט געהאַט קיין שום אילוזיעס, אַז דאָס אַלץ וועט זיך נישט גוט ענדיקן, אָבער אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע געדאַנקען מיט דער איינרעדעניש, אַז אַזוי דאַרף זיין. און אויב איך האָב אַ געוויסן, דאַרף איך אויך טראַכטן וועגן גורל פון אַ סך מענטשן, נישט נאָר וועגן מיין גורל, ווייל ער איז דאָך טאַקע אָפּהענגיק פון דעם וועג, אויף וועלכן ס׳וועט אַרויפגיין די מענטשהייט. און מיר גלויבן, אַז דאָס וועט שנעל פּאַרקומען. יעדער קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס, האָט אין אונדזערע אויגן אויסגעזען ווי אַ רע־וואָלוציאָנערער אויסברוך, אַז אָט־אָט נעמען די אַרבעטער איבער די מאַכט. נאָר אויפן מערב האָט זיך אָנגערוקט דער היטלעריס־טישער שטורעם.

ס׳איז געווען די צווייטע העלפט פון יאָר 1931. אין דייטשלאַנד זענען געוואַקסן די נאַציִשע רייען. וויסנדיק דעם כּוח (און ציפערן) פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, האָבן מיר נישט געגלויבט, אַז זי וועט ליידן אַ מפּלה. אין יענעם לאַנד האָבן אָפּט זיך געביטן די רעגירונגען, נאָר אַלץ מער רעכטע, וועלכע האָבן געבאַנט אַ וועג פאַר היטלערן. אין זיין בוך „מיין קאַמף" זענען געווען אומצווויידייטיקע אָנצוגעהערענישן וועגן דער עקזיסטענץ פון פוילן, ווי אַן אומאָפּהענגיקע מדינה און די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג, דעמאָלט — אויך די רעגירונג, זענען געווען נעגאַטיוו איינגעשטעלט צום שטייגנדיקן, פאַשיסטישן כּוח. און די יידישע באַפעלקערונג — אוודאי און אָוודאי, ווייל זי האָט מען דאָך בכלל געוואָלט אָפּמעקן פון דער ערד. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך געווען

ווייט פון דעם, וואָס האָט ערשט באַדאַרפט קומען. דערווייל האָט מען געקאָנט רואיק שלאָפן, נישט טראַכטן וועגן דער דראָענדיקער מלחמה־געפאַר. דאָס לעבן איז געגאַנגען ווי נאָרמאַל. ס׳איז גענוג געווען דער געראַנגל פאַר ברויט און די טאָג־טעגלעכע דאגות.

אין אונדזער היים האָט זיך נישט געענדערט די לאַגע. ס׳איז שוין געווען איינגעשטעלט אַ געוויסער ניוואָ פון נויט, צוליב דעם כּסדרדיקן מאַנגל אין געלט, נישט דערעסן פון צייט צו צייט, „לייגן לאַטעס", הלוואות. אַזוי האָט אויסגעזען אונדזער לעבן.

אין פינפטן קלאַס

אין פינפטן קלאַס האָבן זיך געפינען די צוויי פּאַראַיאַריקע, נישט גרויסע פערטע קלאַסן. אַ סך זענען געבליבן אויפן צווייטן יאָר, זענען מיר איצט געווען אַ 45 שילערס. צוזאַמען מיט מיר, האָבן זיך געפינען אַלעק גוטהאַרץ און בינדער. אין בין געזעסן אויף דער צווייטער באַנק, אין דער ערשטער ריי, ביי דער אַריינ־גאַנג־טיר. נעבן מיר איז געזעסן יאַנוש בוטשאַר. ווי אַזוי דאָס איז געשען, געדענק איך נישט. ווייזט אויס, מיר האָבן געפילט צו זיך סימפּאַטיע. נאָך אין פערטן קלאַס האָבן מיר זיך נענטער באַקאַנט און אַוודאי דעצידירט צו זיצן צוזאַמען. בוטשאַר איז געווען אַ שיינער, הויכער ברונעט און מיט זיין אויסזען דערמאַנט אַ סערב. שטענדיק אַ געלאַסענער, נאָר טיילמאָל אַ בייזוויליקער, ליב געהאַט „צו דערגיין די יאָרן", נאָר אַלץ אין געלעכטער. צו אונדזער קאָ־מוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, האָבן פון פינפטן קלאַס גע־הערט נאָר אַלעק און איך. ס'איז געווען נייטיק אַריינצוציען כאָטש נאָך איינעם, כדי אויפן באָדן פון אונדזער גימנאַזיע, זאָל זיין אַ קעמערל. איך האָב געוווּסט די מיינונגען פון מיכאַל עדעלבורג און נישט איינמאָל האָבן מיר מיט אַלעקן אַרומגערעדט די דאָזיקע קאַנדידאַטור. אַלעק האָט באַדאַרפט מיט אים זיך אַדורכשמועסן און זייער פּאַרזיכטיק אַנטפּלעקן זיין שטאַנדפּונקט אין דער פראַגע. נאָך עטלעכע טעג, האָט אַלעק, אַן אַנטוישטער און בייזער מיר דערציילט דעם פאַרלויף פון זייער געשפרעך. מיכאַל האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון וועלכע ס'איז קאָנטאַקטן, אַפילו נישט געוואָלט הערן וועגן דעם. נאָך מער — ער האָט אונדז אַפילו פאַראורטיילט פאַר אַזאַ טעטיקייט, פון וועלכער ער האָט זיך בלויז אַנגעשטויסן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס קומט ביי אים פאַר אינעווייניק — און מיר האָבן זיך פון אים דערווייטערט. יענער איז זיך געגאַנגען

זיין וועג, אַן איינזאַמער, נישט געהאַט קיין חברים, מיט גאָר־נישט זיך אָפּגעגעבן. מיכאל האָט זיך ניט שלעכט געלערנט און מיט זיינע גרויסע ברילן און פילאָזאָפישן פּנים געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ רעוואָלוציאָנער.

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער חודש נאָוועמבער, דער יאָרטאָג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געגרייט צו מאַסן־אַקציעס — מיט פלוגבלעטלעך, רעפעראַטן אויף די קעמערלעך, געהאָנגען פענדלעך אויף די טעלעפאָן־דראָטן און פּרובירט אַדורכפירן מאַ־סוּוקעס. צום ערשטן מאָל, ווי כ׳האָב געכומען אַן אַנטייל אין מאָלן לאָזונגען אויף די הייזער און פּאַרקנס אין שטאָט. דאָס האָט זיך געלאָזט אַדורכפירן נאָר אין דער נאַכט־פינצטערניש. יעדע גרופע איז באַשטאַנען פון 3־4 פּערזאָן. איינער האָט געהאַלטן די פאַרב, דער אַנדערער האָט געהאַלטן דעם שאַבלאָן און געשמירט. דער דריטער האָט אַכטונג געגעבן וואָס שייך אונדזער זיכערקייט. דאָס איז געווען אַ געפערלעכע אונטערנעמונג און אין פאַל פון כאַפּן אונדז, האָבן געדראָט יאָרן תפיסה. בדרך כלל, האָבן מיר אויסגעקליבן אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אָדער גאַסן, באַוווינטע פון דער אָרעמקייט, ווייל אַמיינסטן האָבן אונדז אינטערעסירט די דאָזיקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. לאָזונגען לטובת דעם ראַטן־פאַרבאַנד אויף דער קראָקעווער פאָרשטאָט גאַס, האָבן נאָר געקענט אַרויסרופן געלעכטער, איראָניע און אַפילו כעס פון די איינוווינערס. עפּעס אַנדערש דאָרט, צווישן עמך, ווו אין ערגסטן פאַל, האָט מען אַרויסגעוויזן גלייכגילטיקייט, אָבער גאַנץ אָפט — סימפּאַטיע.

צו אונדזער דריילינג, האָט אויך געהערט אַ מיידל, מאַניאַ שופעל. איך האָב זי שוין געקענט פון דער אָרגאַניזאַציע. די משפחה שופעל איז געווען באַוווּסט אין לובלין. זיי האָבן געוווינט אויף דער שענסטער גאַס, די קראָקעווער פאָרשטאָט, נאָענט פון זאַקסישן גאָרטן. בעניעק און מאַניאַ זענען געווען קאָמוניסטן. זי — אַ לעבעדיקע, באַריידעוודיקע, קעמפערישע און שיינע. אים

האָב איך נישט געקענט פון דער נאָענט. אין אַזאַ אַקציע, ווי כ'האָב פריער דערמאָנט, איז מאַניאַ געווען אויסגעצייכנט. מיט איר זענען מיר געווען דרייסטער. מ'האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין די טונקעלע געסלעך, אין דער געגנט פון דער זאַמויסקע גאַס. ס'איז געווען 9 ביינאַכט. מ'איז אַדורכגעגאַנגען עטלעכע גאַסן און זיך דערנענטערט צו אַ לאַנגער, ווייס געמאַלעוועטער, געמויערטער פאַרצאַמונג.

— אַן אידעאַלע מויער צום שמירן — האָט פעסטגעשטעלט מאַניאַ, און מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. פּלוצום דער־הערן מיר אַ געשריי:

— וואָס טוט איר דאָ, הינטישע זין, רויטע כאַלערעס? איר שמירט? איך רוף שוין פּאָליציי...

ביי אונדז ווערט אַלץ ווי אָפּגעשטאָרבן. דער ערשטער געדאַנק — אַלץ אַוועקוואַרפן און אַנטלויפן. און אַזוי האָט מען געטאָן. מ'האָט זיך געלאָזט לויפן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, פון וואַנען מ'האָט געהערט דאָס געשריי. נאָך עטלעכע מינוט לויפן, אַז ס'האָט פאַרפעלט אָטעם, האָבן מיר זיך געפינען אויף דער זאַמויסקע גאַס. איצט האָבן מיר געפילט, אַז די געפאַר איז פאַריבער, מ'האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. קיינער האָט ניט געשריגן, קיינער האָט ניט געיאָגט. איך בין אַוועק אויף דער בערנאַרדינסקע גאַס און פאַמעלעך זיך געלאָזט אַ היים. אויפן וועג צוגעטראַכט אַ תירוץ, אַז כ'בין געווען אין קינאָ, ווייל כ'בין קיינמאָל נישט געקומען שפּעט אַ היים, אָנעם וויסן פון די עלטערן.

אין שטוב איז אַלץ אַדורך בשלום, אָן באַמערקונגען און אויסרייד. נאָר די מאַמע איז געווען אומרואיק. דער צוריקקער מיט אַ שעה שפּעטער, האָט ביי איר אַרויסגערופן האַרץ־ציטערניש. זי איז געווען זייער עמפּינדלעך, נאָר אויסער אירע טרערן, האָט קיינער נישט געפילט וואָס עס טוט זיך ביי דער פרוי, וויפל זי ליידט. צומאַרגנס, בין איך געווען צופרידן, וואָס אַלץ האָט זיך געענדיקט צום גוטן, ווייל דאָס אַנטלויפן האָט זיך אָנגעהויבן, ווען די פאַרב איז שוין געווען כמעט אויסגענוצט.

עטלעכע טעג פאַרן 7טן נאָוועמבער, האָט מען שוין געוווּסט אין שטאָט וועגן פיל אַרעסטירטע קאָמוניסטן. איך האָב קיינעמען פון זיי נישט געקענט. פון די חברים פון אונדזער קעמערל האָב איך געוווּסט, אַז די געהיים־פּאָליציי (באַקאַנט אויך מיטן נאָמען דעפּענסיווע, אָדער געקירצט: דעפּע), אַרעסטירט „פּראָפילאַקטיש" אַ סך מענטשן, וועלכע זי באַפרייט שפּעטער, אויב מ'קאָן זיי נישט שטעלן פאַרן געריכט. איך בין געווען רואיק, ווייל כ'בין נאָך ווינציק געווען אַנגאַזשירט אין דער באַוועגונג, אַז די פּאָליציי זאָל זיך מיט מיר פאַראינטערעסירן.

פאַר מיר און אַלעקן האָט מען באַשטימט די אויפגאַבע צו שאַפן, פאַר יעדן פּרייז, אַ קעמערל אין דער שול, לויט די באַשלוסן פון די צענטראַלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, וועלכע האָבן זיך באַקלאָגט, אַז די מיטלשולן און אוניווערסיטעטן זענען געבליבן אויסער דער קאָמוניסטישער השפּעה. געווען שולן, ווו ס'האָט זיך נישט געפינען אַפילו איין מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע. אין אַלגעמיין, זענען דאָס געווען פּריוואַטע שולן, ווו ס'האָבן געלערנט קינדער פון פאַרמעגלעכע און רעאַקציאָנערע עלטערן, ווי „די לובלינער גימ־נאַזיע" און פון די „אורשולאַנקעס". אין די אַנדערע שולן האָבן יאָ עקזיסטירט קעמערלעך, מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער צאָל מיטגלידער.

צאַלרייך איז געווען דאָס קעמערל אין דער פּריוואַטער, יידי־שער, הומאַניסטישער גימנאַזיע. איר דירעקטאָר איז געווען דער באַוווּסטער שונא פון די קאָמוניסטן, פּאַסטערנאַק. די יידישע יוגנט, צוליב איר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער לאַגע, איז געווען מער ראַדיקאַל און גערן צוגעשטאַנען צו אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געפּרעדיקט גלייכבאַרעכטיקונג און פּראָגרעס. אָבער אין די אַנדערע מיטלשולן, האָט דער בעסערער טייל פון דער יידישער יוגנט, פון דער סביבה פון דער אינטעליגענץ, אונדז אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע. די מער געוואַגטע, האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין דער אָרגאַניזאַציע. אַפילו די מלוכהשע מיידל־גימנאַזיע אויפן נאָמען פון דער „לובלי־נער אוניע", אין וועלכער ס'האָבן געלערנט, ווי ביי אונדז, „אויס־

דערוויילטע פון גורל", האָט געהאַט איר פּאַרטיי־קעמערל.

נאָך דעם נישט געלונגענעם געשפּרעך מיט מיכאַלן, האָבן מיר זיך געוואָנדן צו לאַלעק לערנער, וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען, ביים אָננעמען אין פערטן קלאַס. אין זיין געשפּרעך מיט אונדז, האָט לאַלעק זיך גערימט מיט זיינע איינשטעלונגען און דערקלערט, אַז ער גלויבט שוין פון לאַנג אין קאָמוניזם, נאָר ביז איצט האָט ער נישט געהאַט קיין שום קאָנ־טאַקטן און איז גרייט מיטצואַרבעטן. מיר האָבן זיך דעמאָלט נישט באַשעפטיקט מיט די מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון דעם קאַנ־דידאַט. מ׳האָט געגלויבט, אַז אויב דער בחור וויל מיטאַרבעטן, שטעלט אַפילו אין געפאַר זיין צוקונפט, איז ער אַ ווערטפולער מענטש. ס׳איז אָבער נישט געווען אַזוי. די מאָראַל פון אַ סך פון זיי, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ווי אַן אילוזיע. אַ סברה, אַז די געזעצן גילטן פאַר יעדער באַוועגונג, אין וועלכער עס שליסן זיך אָן צופעליקע מענטשן, וואָס זוכן איינדרוקן, אָדער ווילן מ׳זאָל פון זיי ריידן — נאָר האַלטן נישט אויס דעם עקזאַמען. פעסטקייט, אויסדויער, אויפירונג אין שווערע סיטואַציעס, זענען ערשט מסוגל אויסצושטעלן די געהעריקע צייגניש.

לאַלעק האָט געוואָלט מיטאַרבעטן, וואָס האָט ביי אונדז אַרויסגערופן באַגייסטערונג, ווייל ענדלער איז אין דער סטאַשיצאַ־גימנאַזיע געשאַפן געוואָרן אַ קעמערל. דער דאָזיקער לערן־אַנשטאַלט איז ביז דעמאָלט געווען ווי אַן אומצוטריטלעכע פעסטונג פאַר יעטווידן פּראָגרעסיוון געדאַנק. און פאַר קאָמוניסטן — גאָט באַהיט. מיר זענען אָבער נישט געווען די ערשטע. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין אונדזער שול זענען געווען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג די צוויי ברידער גאָלדמאַן, אַפילו זיך אָנגע־הערט צו די ערנסטע אינסטאַנצן פון דער קאָמוניסטישער יוגנט, צי פּאַרטיי.ביידע זענען אומגעקומען: איינער אין שפּאַניע, ווי אַ פרייוויליקער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. דער אַנ־דערער — אויפן סאָוויעטיש־דייטשישן פראָנט. דער יונגערער, יוזעק, האָט אַ געוויסע צייט געלערנט מיט מיר אין איין קלאַס,

נאָר געווען ווייט פון אונדז, אַ מאָדנער טיפּ. ס'איז שווער געווען מיט אים זיך פונאַנדערצורעדן. מיר האָבן דאָך ערלעך געגלויבט, אַז די רעוואָלוציע איז נאָענט. נישט נאָר דערפאַר, ווייל מיר זענען געווען יונג, פול מיט גלויבן און ענטוזיאַזם. אויך די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי, וועלכע מיר האָבן געלערנט אויף די פאַרזאַמלונגען און קרייזלעך צווישן 5טן און 6טן צוזאַמענפאָר, האָבן בפירוש גערעדט וועגן די זיך דערנענטערנדיקע קריזיסן אין דייטשלאַנד און אין פּוילן.

אין יאָר 1932, אין חודש יאַנואַר, האָט מען זיך געגרייט צו די „דריי ל׳ " — די יאָרצייט נאָך וולאַדימיר איליטש לענין, ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט. יעטוועדע צוגרייטונג צו אַזאַ אַקציע, איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך אַרבעט. מיר האָבן געלייענט מאַטעריאַלן וועגן די מנהיגים פון דער רעוואָלוציע, מ'האָט פאַרגרייט פלוגבלעטלעך צום פונאַנדערוואַרפן און צעטיילן, ווי אויך הענגען פענדלעך און אָרגאַניזירן מאַסוווקעס. אונדזער קעמערל האָט ווייטער באַדינט שמואל שפּיגלשטיין פון פּעטערס גימנאַזיע. שמואל איז געווען אַ באַשיידענער בחור, מיט לייב-און-לעבן איבערגעגעבן דער באַוועגונג, נישט געקענט ריידן הויך, נאָר געהאַט די פעיקייט אויפצוקלערן ענינים אויף אַ רואיקן אופן און דערמוטיקן צו אַרבעט. ער האָט תמיד געהאַט פּאַרטיקע מאַטעריאַלן, לויט וועלכע ער האָט אַרומגערעדט די פּאָליטישע סיטואַציע אין לאַנד און אין אויסלאַנד, ווי די אַקטועלע אויפגאַבן פונעם קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד.

ס'איז געווען די צייט פון שטרייקן. איך געדענק די חדשים מערץ און אַפּריל 1932, ווען ס'האָבן געשטרייקט אַ 300 טויזנט פאַבריק-אַרבעטער און אַ 100 טויזנט ערד-אַרבעטער און פּויערים. די שטרייקן האָבן געטראָגן אויך אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע האָט זיך כסדר פאַרשאַרפט. אייגנטלעך, האָט די מלחמה זיך שוין אָנגעהויבן. יאַפּאַן האָט אַטאַקירט כינע. אין דייטשלאַנד האָט זיך דערנענטערט צום סוף דער ענטגיל-

טיקער פאַרמעסט צווישן דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם און די דע־מאָקראַטישע כּוחות. אָבער מיר קאָמוניסטן, האָבן דעמאָלט באַטראַכט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווי סאָציאַל־פאַשיסטן און סאָציאַל־פאַררעטער, און די פּאָליטיק פון אַלע אַנטי־היטלעריסטישע פּאַרטייען — ווי מאַנעווערס, מיט וועלכע מ׳וויל אָפּציִען די מאַסן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. וועגן די מאַטעריאַלן, וועלכע מ׳האָט אונדז איבערגעוויזן, דער עיקר די באַשלוסן פון דער ק.פּ.פּ. (פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי), צי פון קאָמינטערן (קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל), האָבן מיר נישט דיסקוטירט, מ׳איז דערצו נישט געווען דערוואַקסן. אָבער נישט נאָר דערפאַר, ווייל מ׳איז געווען יונג און ווייניק געוווּסט. מיר האָבן אין די באַשלוסן געגלויבט, ווי אַ פרומער ייד אין תנ״ך. מיר האָבן נישט געטאָרט צווייפלען, ווייל דאָס וואָלט אָרונטערגעריסן אונדזער גלויבן. מיר האָבן געוואָלט בלינד גלויבן, ווייל אַנדערש וואָלט מען זיך גענומען וואַקלען און צום סוף — פאַרלאָזט די באַוועגונג.

לובלין איז נישט געווען קיין אינדוסטריעלע שטאָט און וועגן די גרויסע פּאָליטישע שטרייקן און פּויערישע בונטן אויף פּאָדהאַלע, מערב אוקראַינע און אַנדערע ערטער, האָבן מיר זיך דערוווּסט אויף די פאַרזאַמלונגען פון קעמערל. ניט תּמיד האָבן וועגן דעם געשריבן די צייטונגען. איבעריקנס, זענען מיר, ווי גימנאַזיסטן, לגמרי געווען אָפּגעריסן פון דער אַרבעטער־ און פּויערישער סבֿיבֿה און געפירט אונדזער טעטיקייט צווישן דער שול־יוגנט, כּדי זי צו געווינען פאַרן קאָמוניסטישן אידעאַל. די חבֿרשאַפט האָט באַדאַרפט דערגרייכן דעם פּולן צוטרוי און ערשט דעמאָלט האָט מען פאַרזיכטיק פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס, צי דיסקוסיע און אַפילו — מחלוקתן, כּדי אַרויסצובורענען דעם ריכטיקן, לויט אונדז, שטאַנדפּונקט. אין אונדזער שול, איז דאָס אָנגעקומען זייער שווער.

דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון די שילערס, ווי די שטרענגע דיסציפּלין (פאַר דעם קלענסטן אָפּנויג, האָט געדראָט באַזייטיקט צו ווערן), האָבן נישט דערמעגלעכט צו פירן אַ ברייטערע טעטיקייט.

מיר האָבן זיך באַטייליקט אין די אַקציעס, אָרגאַניזירט דורכן ק.ז.מ. (קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד), געלערנט מאַרקסיזם אויף די צו־זאַמענטרעפן פון קעמערל און פּרובירט אין שול אויסצוגעפינען קאַנדידאַטן, וואָס זאָלן זיין גרייט „איבערצוגיין אויף אונדזער גלויבן". נאָר אויסער לאָלעקן, האָט מען מער קיינעמען נישט ווערבירט.

איבערגעלאָזט אויפן צווייטן יאָר

דאָס שול־יאָר איז שנעל אַדורך, נאָר מיר איז נישט געלונגען. צו מיינע צרות מיט מאַטעמאַטיק, האָט זיך צוגעטשעפּעט דער פּויליש־לערער פּראָפעסאָר קריכאָוויטש, איינער פון די ערגסטע לערערס. ער האָט דערמאָנט אַ צאַרישן טשינאָווניק. פאַר דעם קלענסטן טעות, האָט ער געשטעלט אַ צוויי. איך האָב נישט באַקו־מען די צייגניש. מיין בושה איז געווען גרויס, וואָס איך וועל דאַרפן בלייבן אין דער פינפטער קלאַס. אין שטוב איז געוואָרן טרויעריק. דעם אמת געזאָגט, איז מיר נישט געקומען אַזאַ שטראָף. איך האָב זיך געלערנט ניט שלעכט און אַ צוויי פון פויליש, וואָס תמיד האָב איך געהאַט אַ פיר, איז פשוט געווען אַן איבערראַשונג. מיין ברויטגעבער, הער שפּאַק, האָט זיך באַמיט מיך אַרויסצושיקן אויף אַ נישט טייערער זומער־קאָלאָניע קיין זאַקליקאָוו, ווו כ'האָב פאַרברענגט דעם חודש יולי. אין אויגוסט בין איך צוריק געווען אין לובלין און ביסלעכוויז זיך צוגעוווינט צו מיין מפּלה. דאָס איז געווען מיין ערשטער, גרויסער דורכפאַל אין לעבן. איך האָב דאָס שווערער איבערגעלעבט, ווי די פינאַנסיעלע לאַגע פון דער משפּחה, צי אַנדערע נויטן אירע, אָדער די עקסמיסיע פון דער וווינונג אין סעפּטעמבער 1932.

איצט האָב איך זיך געפינען אין שול אין אַ נייער געזעלשאַפט. עטלעכע שילערס זענען געווען פון דער זעלבער פינפטער קלאַס ווי איך, ווייל מ'האָט אויך זיי איבערגעלאָזט, ווי: מיעטעק שערכאַ, אַ הויכער, פעטלעכער, וואָס האָט ליב געהאַט צו לאַכן. מיט אים האָב איך זיך באַפריינדעט. אויך לאַלעק, דער אַנדערער מיטגליד פון אונדזער קעמערל, איז געבליבן דאָס צווייטע יאָר. אין דער נייער, פינפטער קלאַס, האָבן אונדזערע רייען אָנגעהויבן צו וואַקסן. ס'איז צוגעשטאַנען משה פיינזילבער, אַ קליינער, דאַרער, מיט אַ פאַריסן נאָז, נאָר פול מיט ענטוזיאַזם און פּאַטאָס. ער האָט

געשטאַמט פון אַן אָרעמער משפּחה, וועלכע האָט געלעבט אין שאָטן פון אַ רייכן ייִדן, אַן אייגנטימער פון אַ בעקערײַ, וועלכע איז געווען באַרימט מיט אירע געבעקסן. איך האָב געפילט, אַז מיר וועט געלונגען צו געווינען מיטעקן פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

אויף דער פּויזע האָבן מיר אָנגעמלט גערעדט וועגן דער לאַגע אין לאַנד, די נויט, שטרייקן, פּאָשיזם און אַנטיסעמיטיזם. כ׳בין געווען זייער געוואָרנט און פאָרזיכטיק ביים פאָרמולירן די געדאַנקען. מיט אַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן:

— נאָר דער קאָמוניזם וועט לייזן די אַלע פראַגן — און שטרענג מיך אָנגעקוקט.

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ריכטיק, רעזשימען זענען נישט אייביק, דעם קאַפּיטאַליזם וועט פאַרבייטן אַ נייע אָרדענונג — דער סאָציאַליזם.

מיט מיטעקן, וועמען איך האָב באַצייכנט מיט צונאָמען „קליסקע” (צוליב זיין דיקן אויסזען), האָב איך געפירט לענגערע געשפּרעכן, אַפילו אים באַזוכט אין דער היים. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז ביי זיי אין שטוב איז געווען אַ מער פאַרגעשריטענע אַטמאָספער, דער פאָטער — אַ פּראָגרעסיווער מענטש. מיטעק איז אָבער געווען אַ גרויסער פּחדן. טאַקע צוגעשטאַנען צו אונדז, נאָר שטאַרק מורא געהאַט. אַלע פּרווון אים צו ברענגען אויף אַ פאַרזאַמלונג פונעם קעמערל, זענען דורכגעפאַלן. נאָך עטלעכע חדשים פון באַמיאונגען און רייד, איז ער דאָך געקומען, אָבער גאָרניט געוואָלט טאָן, ווי נאָר לייענען די קאָמוניסטישע ליטעראַטור. דאָך האָבן מיר דאָס באַטראַכט ווי אַ גרויסן דערפאָלג. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דאָס פאַרעכנט אויף אונדזער חשבון — און נישט אויפן חשבון פון זיין היים און סביבה.

אונדזער קעמערל האָט שוין געציילט פינף מיטגלידער, אָבער מיר האָבן געשטרעבט צו געווינען וואָס מערער אָנהענגער. דער אַפּעטיט איז געוואָקסן. וואָס מער חברים מ׳וועט האָבן, וועט שנעלער קומען דער זיג פון סאָציאַליזם. נאָר שוין דעמאָלט, אין פינפטן קלאַס, האָבן זיך אָנגעהויבן צייכענען אידעאָלאָגישע אונ־

טערשיידן. אין שול איז געווען טעטיק די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי אין פּוילן, די „סאַנאַציע", מיטן נאָמען „סטראַזש פּשעדניאַ" („פּאָדערשטע וואַך") און די אומלעגאַלע אָ.נ.ר. (נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע), מיט שטאַרקע אַנטי־סעמיטישע און נאַציאָנאַליסטישע אַקצענטן. די לעצטע האָט געהאַט באַדייטנדיקע איינפלוסן. די יוגנט האָט אַרויסגעוויזן פּאָליטישע פאַראינטערעסירונג און זיך גרופּירט אַרום פּאַרשידענע באַוועגונגען, אָבער נאָר אַלץ אין דער מינדערהייט, ווייל דער רוב תלמידים איז געווען באַשעפטיקט מיט די לימודים און פאַרווײַלונג, געטראַכט וועגן פאַרענדיקן די שול און... גערויכערט סיגאַרעטן.

די טעטיקייט פון אונדזער קעמערל האָט זיך נישט באַגרענעצט צו אינדיווידועלער אַגיטאַציע. ס'האָבן זיך געשאַפן מעגלעכקייטן אַרײַנצודרינגען אין אַנדערע קרייזן, ווייל אויפן באָדן פון דער שול, האָבן עקזיסטירט פאַרשידענע לערן־קרייזן פאַר געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפט און אַנדערע. איך האָב געהערט צו דער פאַרוואַלטונג פון קלאַס און מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַן אייגן בלעטל. אויף די פאַרזאַמלונגען פון די קרייזן, האָט מען אויסגעהערט רעפעראַטן, וועלכע ס'האָבן צוגעגרייט די מיטגלידער. איך האָב זיך באַמיט אונטערצורוקן אַזעלכע טעמעס, וועלכע זאָלן העלפן צו באַקענען זיך נענטער מיט דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אויפפאַסונג וועגן אָפּשטאַם פון מענטש, די טעאָריע פון דער עוואָלוציע אדג"ל. די טעמעס האָבן געפאָדערט אַ מיינונג־אויסטויש, וועלכער האָט דערפירט צו דער אָפּשוואַכונג פון דעם רעליגיעזן שטאַנדפּונקט לטובת דער וויסנשאַפט. אַ באַזונדערס לײַדנשאַפטלעכע דיסקוסיע האָט אַרויסגערופן די פראַגע וועגן אָפּשטאַם פון מענטש. טראָטשינסקי, דער פּאָרזיצער פון קרייז, מיט וועמען איך בין געזעסן אויף איין באַנק אין פינפטן קלאַס, וואָס איז געווען אַ רעליגיעזער, האָט, פאַרשטייט זיך, פּרובירט אָפּלייקענען דאַרווינס טעאָריע. דער אַנווזנדיקער פּראָפעסאָר דעץ, וואָס האָט אונדז געלערנט נאַטור־וויסנשאַפט, האָט גענומען אַ וואָרט און אונטערגעהאַלטן אונדזער טעזע, פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. מיר

האָבן דעמאָלט געהאַט אַ אידעאָלאָגישן נצחון. אָבער אונדזער פּאָזיציע אינעם נאַטור־קרייז האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ביי די וואַלן, האָבן די אָנהענגער פון אַ.נ.ר. זיך אַריינבאַקומען אין דער פאַרוואַלטונג פון קרייז, אַפילו דערגרייכט אַ מערהייט, בראש מיטן אַקטיוויסטן מיטגליד זייערן, יורעק ראַבוואַלד, וועמען מ'האָט שפּעטער באַזייטיקט פון שול. נאָר פּאָר אָנגעהעריקייט צו זייער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע אין שול, האָט מען נישט אַרעסטירט און נישט געשטעלט פאַרן געריכט. יורעק איז אַריבער לערנען אין דער לובלינער גימנאַזיע, די פעסטונג פון דער ענדעציע (נאַצ־יאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי), וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אַנטיסעמיטיזם.

דאָס יאָר 1932 איז פאַר מיר געווען נישט מזלדיק צוליבן איבערבלייבן אין דער זעלבער קלאַס, ווי אויך דערפאַר, וואָס מ'האָט אונדז עקסמיטירט פון דער וווינונג אויף קראָקעווער פּאַרשטאָט. הויז־אייגנטימער איז געווען דער פּאָלאַק זשורעק, אַ פאַרביסענער ענדעק, וואָס האָט אָבער ליב געהאַט יידיש געלט — און ער האָט גורם געווען דערצו, אַז מ'זאָל אונדז אַרויסוואַרפן אויפן גאַס, ווען מ'איז געבליבן שולדיק אַ נישט גרויסן חוב. אונדז האָט אויפ־גענומען ביי זיך די מומע האַלצהעקער, וואָס האָט געוווינט אויף לובאַרטאָווסקע 21. די מומע וואָלאָסטאָוויצער האָט געמוזט פאַר־לאָזן און אַוועק פאַרן צו מרים, וועלכע האָט חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין וואַרשע, ווו זי האָט געפירט אַן אָרעם לעבן, געוווינט אין אַ צימערל מיט אַ קיך. איר מאַן, אַ שניידער, האָט נישט געקענט אויסאַרבעטן די פּרנסה. ביי אַזאַ לאַגע, האָבן זיי נאָך געמוזט אויפנעמען די מומען.

מיר זענען געשלאָפן ביים טאַטנס שוועסטער, טשאַרנע און דעם וואַרשטאַט האָט דער פאָטער געפירט אין אַ געדונגענעם צימער, אויפן טאָג, אויף סטאַשיצאַ גאַס נומ׳ 4. נישט האָבן קיין אייגענע וווינונג, איז פאַר אונדז געווען דאָס ערגסטע. מיר אַלע האָבן זיך געמאַטערט, באַזונדערס די מאַמע, נאָר ווי תמיד, נישט באַק־לאָגט זיך, דערשטיקט אין זיך די ווייטיק און פאַרצווייפלונג. דאַקעגן

דער טאַטע, מיט זיין לייכטזיניקייט, האָט זיך ניט שטאַרק איבער־גענומען מיט דעם אַלעמען. מ'האָט באַדאַרפט זוכן אַן אויסוועג, ווייל דאָס האָט געדראָט מיט חורבן. האָבן מיר געשריבן צום פעטער אין אַמעריקע און געבעטן הילף.

יענעם יאָר איז פּאַרגעקומען דער ערשטער, גרויסער דורכפאַל פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. מ'האָט אַרעסטירט פּראַניע שאַפּיראָ, גאַזשיטשאַנסקי, פרידמאַן, קאַרמאַן און יונגמאַן. מיינע עלטערן האָבן שוין געוווּסט, אַז איך בין אַ קאָמוניסט. זיי איז ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסן בנוגע מיינע חברים, צוזאַמענטרעפן און קאָנטאַקטן. האָבן זיי איצט געהאַט נאָך ווייטיק און שרעק. כ'בין דאָך געווען אַ בן יחיד. אויסער מיר, האָט מיין מאַמע נישט געהאַט קיין פּערזענלעך לעבן. זיי האָבן פּרובירט מיר אויסריידן, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. איך האָב שוין פון לאַנג אויפגעהערט גיין אין שיל אַריין מיט טאַטן, ווען מ'האָט פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט אַ זון אַן אַפּיקורס. נאָר פאַר דער מאַמען איז עס געווען באַזונדער שווער. זי האָט זיך תמיד באַאומרואיקט, ווען איך פלעג קומען אַ היים שפּעט. איצט האָט זי מורא געהאַט, אַז כ'וועל גיין אין תפיסה. די יוגנט האָט אָבער איר אייגענעם צוגאַנג און רעכנט זיך נישט מיט די געפילן, ווייטיק און יאוש פון די עלטערן. איבעריקנס, אַזוי איז דאָך אַוודאי מיט אַלעמען. טאַטע־מאַמע גיבן אַוועק זייערע לעבנס ביים דערציען די קינדער, כּדי שפּעטער זען מיט שרעק, ווי מען פאַרלאָזט זיי, אָדער מ'איז גלייכגילטיק צו זייערע יסורים. נאָר וויכטיק איז דאָך געווען די אידעע, די אָרגאַניזאַציע — און אַלץ האָט באַדאַרפט זיין זיי אונטערגעאָרדנט.

מיר האַלטן שוין ביים יאָר 1933. אַלעמענס אויגן זענען דעמאָלט געווענדט צו דייטשלאַנד. אין חודש יאַנואַר פון יענעם יאָר, איז היטלער געקומען צו דער מאַכט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט מען צעקלאַפּט. אין דייטשלאַנד האָט געבושעוועט דער ברוי־נער טעראָר. עס געדענקט זיך גוט דער פּראָצעס קעגן די אונטער־צינדער פון רייכסטאַג און די העלדישע אַרויסטרעטונגען פון דימ־

מיטראַוון. מיר האָבן זיך באַמיט אויפצוקלערן די שווערע מפּלה פון דייטשישן אַרבעטער־קלאַס און זיינע פּאַרטייען. דער הויפּט־שולדיקער, לויט דער קאָמוניסטישער אָפּשאַצונג, איז געווען די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט געבאַנט אַ וועג דעם פאַשיזם. שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, האָט מען די אָפּשאַצונג עטוואָס קאָריגירט און אויך אַנאַליזירט די פעלערן פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאָר מיטן אָפּשאַצן די נייע סיטואַציע, האָבן מיר זיך באַקענט ערשט נאָכן באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פון יוני 1933.

אין פּוילן, איז אין פרילינג 1933 אַדורכגעגאַנגען אַ שטרייק־כוואַליע. אין חודש מערץ האָבן צוויי מאָל געשטרייקט די קוילן־אַרבעטער און דער לאָדזשער פּראָלעטאַריאַט האָט קעמפעריש דעמאָנסטרירט זיין סאָלידאַריטעט מיטן דייטשישן פּראָלעטאַריאַט. אויף אונדזערע צוזאַמענטרעפן און שטורמישע דיסקוסיעס האָבן מיר געהאַלטן, אַז דער פאַשיזם וועט פאַרשווינדן ווי אַ היישעריק, אַז דאָס אַלץ וועט זיך שנעל ענדיקן. ס'איז דאָך אומגלויבלער, אַז די עטלעכע מיליאָן דייטשישע פּראָלעטאַריער וועלן זיך לאָזן אַנטוואָפענען און ווערן מאַכטלאָז במשך אַזאַ קורצער צייט. בעת דער סאָלידאַריטעט־קאַמפּאַניע מיט די דייטשישע אַרבעטער, האָבן מיר פונאַנדערגעוואָרפן פלוגבלעטלעך מיט לאָזונגען „נידער מיטן אויסמאָרדן דייטשישע אַרבעטער״! „נידער מיטן פאַשיסטישן טעראָר״! „העלפט אַרויסנעמען ערנסט טעלמאַן פון די היטלעריסטישע לאַפּעס״. די אַטמאָספער אין פּוילן איז דעמאָלט געווען גינסטיק, ווייל די נאַצישע דיקטאַטור האָט אויך פאַרשאַרפט דעם פּויליש־דייטשישן אַנטאַגאָניזם.

אונדזער יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט נישט גענומען קיין דירעקטן אָנטייל אין דער שטרייק־באַוועגונג, אָבער צוגעשטאַנען צו די גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, געוואָרפן לאָזונגען, פאַרטיילט פלוגבלעטלעך. מיט איין וואָרט — געהאָלפן דער פּאַרטיי. די אויפגאַבע אונדזערע איז דאָך געווען: אַרויסנעמען די יוגנט פון די פאַשיס־

טישע, נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע אײַנפֿלוסן און זײ געווינען פֿאַר דער פּראָגרעסיסטישער, סאָציאַליסטישער אידעע, דורך אינדיווידועלער אַגיטאַציע און אויפֿקלערונג. נאָר גלײַכצײַטיק אויס־נוצן אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפֿטן פֿאַר אַ מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע און די מער באַוווסטזיניקע און דרײַסטע אַנגאַזשירן אין דער פּראַקטישער אַרבעט לטובֿת דער באַוועגונג. איבערצײַגן די יוגנט, דער עיקר פֿון דער אַרבעטער־סבֿיבֿה און בירגערטום — איז געווען אונדזער הויפּט־ציל. אין יענער צײַט, איז פֿון באַזונ־דערער וויכטיקייט געווען די סאָלידאַריטעט־אַקציע מיטן דײַטשישן אַרבעטער־קלאַס. אין אונדזער היסטאָרישן קרײַז אין דער גימנאַזיע, האָבן זיך געפֿירט לײַדנשאַפֿטלעכע דיסקוסיעס וועגן פֿאַשיזם. פּראָפֿעסאָר דאָבזשאַנסקי, דער היסטאָריקער און אַפּוטראָפּוס פֿון קרײַז, איז געווען הילפֿלאָז לגבי די אַרויסטרעטונגען פֿון די קאָמוני־סטן און די אָנהענגערס פֿון אָ.נ.ר. די לעצטע האָבן געהויבן די קעפּ אַלץ העכער. דער דערמאָנטער פּראָפֿעסאָר איז נישט געווען קיין קאָמוניסט, נישט קיין ענדעק, דעריבער האָט ער נישט פֿאַר־נומען קיין קלאָרן שטאַנדפּונקט. די ברידער ראַכוואַלד האָבן אין זייערע אַרויסטרעטונגען געלויבט דעם היטלעריסטישן רעזשים און אונטערגעשטראָכן, אַז די איינציקע רעטונג פֿאַר פּוילן איז — צו גיין אויף דעם זעלבן וועג.

נאָכן פֿאַרענדיקן אַזאַ קרײַז, האָבן מיר אים פֿאַרלאָזט אַנטוי־שטע און פֿאַרביטערטע צוליב די חוצפּהדיקע באַשולדיקונגען און דעם שווײַגן און גלײַכגילטיקייט פֿון די אַנדערע. ענלעכע דיסקו־סיעס זענען פֿאָרגעקומען אויך אין די אַנדערע קרײַזן. מיר זענען געווען ווײניק. די וואָס האָבן נישט מסכּים געווען מיט אונדזערע קענגערס, האָבן אָבער נישט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט, כּדי זיך ניט אויסשטעלן אויף שיקאַנעס. נאָר אינטערעסאַנט, אַז טראָץ די כּסדר שטײַגנדיקע פּאָליטישע מיינונג־פֿאַרשידנהייטן און אַנטאַ־גאָניזמען, זענען די חבֿרישע באַציאונגען געווען גוטע. אַזוי אויך — די אַטמאָספֿער אין קלאַס און אין שול. מיר האָבן אײַנגעשטעלט אָנגענעמע באַציאונגען מיט די יוגנטלעכע, וואָס האָבן מיך נישט

באַליידיקט, נאָר געזען אין מיר אַ קאַלעגע, וואָס האָט ווידער באַוויזן דעם קינסטלער פאַרפלאָנצטן אַנטיסעמיטישן גיפט. דאָס זעלבע ווערט אויך געבוירן אין די באַציאונגען צווישן מענטשן, אויב מען האָדעוועט זיי נישט מיט שׂנאה, געפלעגט אויף אַ קינסט־לעכן אופן. אין דער מלוכהשער שול מיט איר „נומערוס קלאַוזוס", האָב איך זיך נישט געפילט דערנידעריקט פון די לערערס, צי פון די שילערס. אויב ס׳זענען געווען אויסנאַמען, איז נאָר ספּאָראַדישע, מצד איינצלנע כוליגאַנעס. ערשט שפּעטער, ווען די דאָזיקע יוגנט איז אונטערגעוואַקסן און דערגאַנגען צו די אוניווערסיטעטן, האָט זיך ביי זיי אויסקריסטאַליזירט אַ קלאָרע וועלט־אַנשויאונג און באַציאונג צו חברים פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

דאָס שול־יאָר איז שנעל פאַריבער. פאַרשטייט זיך, אַז די לערע אין יענעם יאָר, צום צווייטן מאָל, איז נישט געווען קיין פּראָבלעם. מיין פריינטשאַפט מיט פיינזילבערן, דער „פאַרברענטער קאָמוניסט", האָט זיך פאַרשטאַרקט. אים האָט נאָר אינטערעסירט די אָרגאַניזאַציע. דעם אמת געזאָגט, האָט ער אַריינגעברענגט אין אונדזער קרייז אַ סך התלהבות, גלויבן, ענטוזיאַזם. אויסער דער שול און די לעקציעס, איז ביי אים געווען די אָרגאַניזאַציע. מיט אים האָב איך פיל פאַרברענגט אויסער דער שול. ער האָט מיך אַנגעשטעקט מיט זיין ברען און איבערגעגעבנקייט. אַ דאַנק דעם, איז געוואָקסן מיין אַקטיוויקייט.

די לאַגע אין לאַנד, ווי אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, האָט זיך כּסדר פאַרשאַרפט. 1933 איז געווען אַן איבערברוך־יאָר. ס׳האָט זיך פאַרענדיקט דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס און מ׳האָט געפילט אַ געוויסע אויפלעבונג. נאָר די אימפּעריאַליסטישע קעגנזאַצן האָבן זיך נישט פאַרקלענערט און היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָט אויך פאַרסירט די אָפענסיווע פונעם פאַשיזם אין אַנדערע לענדער, אַריינגערעכנט פוילן. דער הערשנדיקער סאַנאַציע־פּאַרטיי (פון מאַרשאַל פּילסודסקי) איז געלונגען אַדורכצופירן דאָס געזעץ פון די שטאַטראַטן, וואָס האָט פאַקטיש ליקווידירט די זעלבשטענ־דיקייט פון די מוניציפּאַליטעטן אין לאַנד, באַשטימט נייע פאַר־

שריפטן פאַרן שול־וועזן, וואָס האָט אַראָפּגעגנידערט דעם ניוואָ פון בילדונג און שווער געטראָפן די קינדער פון אַרבעטער און פון דער אָרעמקייט; מ׳האָט אויפגעשטעלט דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע און רעדוצירט די אומאָפּהענגיקייט פון די ריכטערס. ס׳איז אויך צוגעגרייט געוואָרן אַ געזעץ וועגן אוני־פיצירן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען און ענדערן די קאָנסטיטוציע. דאָס אַלץ האָט אויך משפּיע געווען אויף פּוילנס אויסערן־פּאָליטיק, מיט דער בפירושער טענדענץ צו דערנענטערן זיך צום היטלעריזם.

אין מערץ 1933, האָט די אָנפירונג פון דער פּוילישער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי זיך געוואָנדן צו די צענטראַל־קאָמיטעטן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) און „בונד״ מיט אַ פאָרשלאָג וועגן בשותּפותדיקן קאַמף קעגן דעם אָנגרייפנ־דיקן פאַשיזם. אויף דעם פאָרשלאָג איז אָבער געקומען אַן אָפּזאָג, וועלכן מיר האָבן באַהאַנדלט אויף די קעמערלעך פון אונדזער אָרגאַניזאַציע און שאַרף קריטיקירט די פּ.פּ.ס., ווי די פאַררעטע־רישע ראָל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. אין ליכט פון די שפּעטערדיקע מאַטעריאַלן, וועלכע זענען דערשינען נאָך דער מלחמה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער אָנפירונג פון דער ק.פּ.פּ. זענען וועגן דעם אָנגעגאַנגען ערנסטע מחלוקתן.

אין חודש יוני 1933, האָב איך באַקומען די שול־צייגניש אַריבערצוגיין אין זעקסטן קלאַס. נישט האָבנדיק קיין מעגלעכ־קייטן אַרויסצופאָרן אויף זומער־פעריען, האָט מען אויסגענוצט די קאָלאָניע, וועלכע ס׳האָט אָרגאַניזירט די גימנאַזיע און עלטערן־קאָמיטעט. מיר זענען אַוועק געפאָרן אין אַ פאָלוואַרק טערשוווי־ספּאַס, נישט ווייט פון אַלטן סאַמבאָר, אין דרום־מזרחדיקן טייל פון פּוילן. דאָס אָרט האָט זיך געפינען ביים טייך דניעסטער, אַרומ־גערינגלט מיט שיינע וועלדער. ווייטער האָבן זיך געצויגן די בעס־קידן־בערג. מיט דער קיך האָט אָנגעפירט די פרוי יאַראָשינסקאַ, די מאַמע פון מיין חבר מאַטשעק יאַראָשינסקי, וועמענס שוועסטער איז אָנגעגאַנגען ווי איינע פון די שענסטע מיידלעך אין לובלין. פון די לערערס זענען געווען מיט אונדז: דער מאַטעמאַטיקער

פראָפ׳ מיערנאָווסקי און דער גלח נאָוויצקי, וואָס האָט זיך צו מיר באַצויגן מיט אַ באַזונדערער סימפּאַטיע און מיר אָנפאַרטרויט ערנסטע ענייָנים פון דער קאָלאָניע. איך געדענק נישט אַלע חברים, מיט וועמען איך האָב דאָרט פאַרברענגט: בוטשאַר, לער שאַ־לעזשניאַק, עדעלסבערג, דודאַ און אַנדערע. מיר האָבן פאַרברענגט אויפן בעסטן אופן — בשותפותדיקע אויספלוגן, שפּילערייען, נעצבאָל, געזאַנג און „פוילע שטיקלער״, מיט וועלכע ס׳איז געווען פול אונדזער זאָרגלאָז לעבן.

נישט ווייט איז געווען אַ וואַסערפאַל. זענען מיר גאַנץ אָפט אַוועק אין דער פרי זיך באָדן און זיך קוויקן מיט די שטאַרקע שטראָמען פונעם אייז־קאַלטן וואַסער. דאָ האָב איך פאַרגעסן וועגן אַלץ און אַלעמען. טאַקע דאָ, אין דניעסטער, האָב איך זיך אויסגעלערנט שווימען. נישט געטראַכט וועגן אַגיטירן, נישט געזוכט קיין „אָביעקט״. איך האָב זיך אַנטציקט מיט דער נאַטור און ס׳איז כמעט אַרויס פון זכרון אונדזער נויט, דער מאַנגל אין אַ דירה, אַנדערע זאָרג. נאָכן צוריק קומען אַ היים, האָבן די עלטערן אָפּגעשאַצט, אַז איך האָב זיך מיט גאָרנישט פאַרבעסערט, ווייל זייער מאָס פון פאַרבעסערונג איז געווען — די צאָל דערגרייכטע קילאָגראַמען אויף דער וואָג. אָבער איך האָב זיך געפילט אויס־געצייכנט. זייט די מאַמע האָט מער נישט געקענט דעצידירן וועגן מיין אַנטוויקלונג, בין איך געוואָרן געזונטער, אַפילו פאַרהאַרטעוועט און אויפגעהערט צו זיין קראַנק. אויך די פיזישע דערציאונג אין שול, האָט באַדייטנדיק געווירקט. איבעריקנס, איך האָב נישט געקענט האָבן קיין טענות צו דער מאַמען, וועלכע האָט זיך געפירט לויט די איינשטעלונגען און פאָדערונגען פון איר סביבה.

אין זעקסטן קלאַס

דעם 1טן סעפּטעמבער 1933, האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין זעקסטן קלאַס און אויך פאַרגרעסערט די טעטיקייט אין דער אָרגאַניזאַציע, אַפילו אַוואַנסירט, אין אָנהייב פון יאָר 1934, אין דער עקזעקוטיווע פון דער שול־אָרגאַניזאַציע, מיט דער אויפגאַבע פון אַ טעכניקער. דער אַמט האָט פאַרפליכטעט צו זיין פאַראַנטוואָרטלער פאַרן פונאַנדערפירן די אומלעגאַלע ליטעראַטור, צוגרייטן און אָפּדרוקן די פלוגבלעטלעך, אָרגאַניזירן אַקציעס און ענגע צוזאַמענאַרבעט מיטן עקזעקוטיוו־טעכניקער פון דער לובלינער, שטאָטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. איך האָב זיך ספּעציאַליזירט מיטן דרוקן די אויפרופן אויף אַ העקטאָגראַף. יעדע טעלעכע וואָכן פאַר אַן אַקציע, זענען געווען אַ תקופה פון אינטענסיווער טעטיקייט מיט נערוועישער שפּאַנונג. נאָר פונקט ווי די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געגרייט צו אַן אַקציע, אַזוי אויך — די פּאָליציי. יעדער פּרווו איבערצופירן מאַטעריאַל, האָט געפּאָדערט אַ סך פאָרזיכטיקייט, ווייל אַנטדעקן אַזאַ איינעם, האָט אים געדראָט יאָרן תפיסה. נאָר טראָץ די אָפטע אַרעסטן, לרוב — „פּראָפילאַקטישע", ערב יעדער אַקציע, האָט מען נישט געטראַכט וועגן דעם. יעדער פון אונדז איז געווען איינגעשטעלט, אַז דאָס קאָן מיט אים פּאַסירן, נאָר מ'דאַרף דערמיט שלום מאַכן. טיף אין האַרצן האָט מען געטראַכט, אַז דאָס אומגליק וועט מען אויסמיידן. איבעריקנס, מיר האָבן געלעבט מיט אַנדערע, ערנסטע האָפענונגען, גערעכנט אויף דעם אָנוואַקסנדיקן, רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, ווי אויפן שנעלן אונטערגאַנג פון פאַשיזם.

אין אונדזער היים האָט עטוואָס אויפגעלויכטן. ענדלעך האָבן מיר אין פרילינג 1934 געדונגען אַ דירה אויף קאָללאָנטאַיאַ גאַס 6. אַ ביסל געלט האָט געשיקט דער פעטער פון אַמעריקע, אַ ביסל האָט מען אָפּגעשפּאָרט און מיר האָבן פאַרלאָזט די וווינונג פון

דער מומען אויף דער לובאַרטאָווסקע גאַס, ווו די עלטערן זענען כּמעט אַ יאָר צייט געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע און איך — אויף אַן אויסלייג־בעטל. מ׳האָט אויך פּאַרלאָזט דעם געדונגענעם וואַרשטאַט אויף דער סטאַשיצאַ גאַס. די נייע דירה איז באַשטאַנען פון 4 צימערן, נאָר 2 פון זיי האָט מען גלייך פּאַרדינגען אַ שניי־דערין, ווייל דער פאָטער האָט נישט געקענט זיך אַן עצה געבן מיטן הויכן דירה־געלט. איז מען געבליבן אין צוויי צימערן. אין איינעם זענען געשלאָפן די עלטערן און איך, באַטאָג האָט מען דאָרט אויפגענומען די קליענטן. דער צווייטער צימער האָט געדינט פּאַרן וואַרשטאַט. נאָר די מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַ שלעכטע. איך האָב ווייטער געגעבן לעקציעס און אַ דאַנק דעם געהאַט צו באַצאָלן פּאַר מיין לערע אין גימנאַזיע און אויף צו קליידן זיך.

אין זעקסטן קלאַס האָב איך נישט געהאַט קיין שום זאָרג מיט דער לערע. איצט איז מיין פּויליש־לערער געווען סענאַטאָרסקי, אַ יונגער, פּאָרגעשריטענער און פאַרשטענדלעכער מאַן, ווי זיין פאָרגייער קריכאָוויטש. איך האָב ביי אים תמיד באַקומען נישט ווייניקער ווי אַ פיר. איך ווייס נאָר נישט, ווי אַזוי איך האָב אויף אַלץ געהאַט צייט — סיי צו מאַכן די לעקציעס, סיי פאַר אַקטיווער טעטיקייט אין דער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך לייענען ביכער. די ביבליאָטעק פון ל.ס.ס. איז ווייטער געווען דאָס גוט באַזוכטע אָרט פון דער פאָרגעשריטענער יוגנט.

איך האָב געלייענט אַ סך בעלעטריסטיק, באַזונדערס פון סאָ־וויעטישע שרייבערס און נישט ווינציק צייט אָפּגעגעבן אויף צו שטודירן בוכאַרינען, באָגדאַנאָוון — די דעמאָלטדיקע מחברים פון אונדזערע לערנביכער אויפן געביט פון עקאָנאָמיע און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. מ׳האָט באַדאַרפט זיך צוגרייטן צו רעפערירן אויף די צוזאַמענטרעפן פון די קעמערלעך, וועלכע זענען באַדינט געוואָרן פון די עקזעקוטיוו־מיטגלידער. מ׳האָט באַאַרבעט די פּאָפּולערע בראָשור פון קאַרל מאַרקס — „די לוין־אַרבעט און קאַפּיטאַל״, ווי אויך „די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם פון אוטאָפּיע ביז וויסנ־שאַפט״ פון פרידריך ענגעלס. די דאָזיקע בראָשורן האָב איך רעקאָ־

מענדירט יעדן יוגנטלעכן קאָמוניסט, וואָס האָט געוואָלט זיך באַקעי־נען מיטן מאַרקסיזם. די וויכטיקערע ביכער פון דער מאַרקסיסטי־שער ליטעראַטור, זענען נישט געווען צום דערגרייכן, ווייל אין פוילן איז געווען אַ פאַרבאָט זיי צו דרוקן און פאַרקויפן. דער איינציקער לינקער פאַרלאַג „טאָם" אין וואַרשע האָט אַלץ געטאָן, כּדי צו דערמעגלעכן דעם צוטריט צו די מאַרקסיסטישע קלאַסי־קער — אָבער נישט מיט קיין סך דערפּאָלג.

מ'האָט נישט נאָר געלערנט און געלייענט, נאָר אויך אָנגעהויבן זיך לערנען... טאַנצן. אפשר נישט אַלע. אַ טייל האָבן פאַנאַטיש אָפּגעוואָרפן אַלע פאַרגעניגנס און אויסער דער טעטיקייט אין דער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי פון גאָרנישט געוואָלט וויסן. נאָר אַ סך פון אונדז האָבן געטראַכט אַנדערש. מיר האָבן אָפּט אָרגאַניזירט שול־פאַרוויילונגען, וועלכע האָבן דערמעגלעכט צוצוקומען צו וואָס מערער שילערס. איך האָב זיך אויסגעלערנט טאַנצן אויף די לעקציעס פון רעליגיע, ווייל די יידישע תּלמידים זענען געווען באַפרייט פון די דאָזיקע לעקציעס. יידישע רעליגיע האָבן מיר געלערנט אין די נאָכמיטאָג־שעהן, איינמאָל אין וואָך, ביים פּראָ־פעסאָר יובעל, דער גימנאַסטיק־לערער אין דער יידישער הומאַ־ניסטישער גימנאַזיע. אייגנטלעך, זענען דאָס נישט געווען קיין רעליגיע־לימודים, נאָר יידישע געשיכטע, לויט פּראָפעסאָר באַ־לאַבאַן. אין די פרייע שעהן, האָבן פרידלענדער, אַלעק טורקעל־טאַוב און איך זיך פאַרפולקאָמט אינעם טאַנצן. נאָר די בלויזן און פעלערן דערפון האָבן געפילט אונדזערע פאַרטנערקעס צום טאַנץ בעת די פאַרוויילונגען. דעם אמת געזאָגט, האָט מיך דעמאָלט געצויגן צו פאַרוויילונגען און איך האָב אויסגענוצט יעדע געלעגנ־הייט, כּדי שבת־צו־נאַכטס כאַפּן אַ טענצל.

אַזעלכע פאַרוויילונגען האָבן אויך געקענט דינען ווי אַן אַליבי, ווייל טיילמאָל האָט מען אויסגענוצט די צייט צו מאָלן אויף די ווענט לאָזונגען, אָדער פונאַנדערוואַרפן פלוגבלעטלעך. די וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די אַקציעס, זענען גלייך אַוועק אויף דער פאַרוויילונג און דערנאָך איינציקווייז זיך אָפּגעטראָגן פון

דאָרט. ביינאַכט איז די שטאָט געווען ווי אויסגעשטאָרבן. נישט געווען קיין געפאַר, אַז עמעץ וועט אונדז כאַפּן. די גרופּע איז אָפּט צוריק געקומען אויף דער פאַרווײלונג. דערנאָך האָט זיך געלאָזט אין גאַס אַריין אַן אַנדערע גרופּע.

אין יענער צייט, אין סוף פון יאָר 1933, אָדער פרילינג 1934, זענען פאָרגעקומען ערנסטע געשעענישן אין שטאָט. ביי דעם אַרבעט־פאַרמיטלונג־אַמט האָט די פּאָליציי געשאָסן אויף אַרבעט־לאָזע און צוויי פון זיי דערהרגעט. דער טאָג איז טיף איינגעקריצט אין זכרון. איך האָב מיט פיינזילבערן זיך אומגעקערט פון שול אַ היים. ס׳איז געווען קאַלט און נאַס, ס׳האָט גערעגנט. פון דער זייט פון זאַקסישן גאָרטן, האָבן זיך באַוויזן פּאָליציאַנטן אין פולער באַוואָפענונג. מיר האָבן זיך דערוווסט וועגן דעם פאַל, וועלכער האָט געקאָסט דאָס לעבן פון צוויי אַרבעטלאָזע. דער מאָרד איז געווען אַ סיגנאַל צו אַ ברייט פאַרמאָסטענער אַקציע קעגן דעם אַנגרייפנדיקן פאַשיזם. אין שטאָט האָט זיך געפילט שפּאַנונג און נערוועזיטעט. אַלע געשפּרעכן האָבן זיך געפירט אַרום דער געשעע־ניש. אויף די ווענט האָבן זיך באַוויזן אויפשריפטן „זאַלעדוויע ווטשאַראַי״ („קוים נעכטן״). די אותיות — אין אַ רויטער קאָליר און אַ דורכגעשניטן האַרץ. בעצם, איז דאָס געווען אַ רעקלאַמע פון אַן אַמעריקאַנער פילם, נאָר אַ סך האָבן געמיינט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט דעם וואָס איז מיט אַ טאָג פריער פאָרגעקומען ביים אַרבעט־פאַרמיטלונג־אַמט.

אונדזער עקזעקוטיווע האָט באַקומען אַ באַפעל צו העלפן אָפּדרוקן פלוגבלעטלעך. זענען מיר מיטן סעקרעטאַר פיינזילבער אַוועק אויף דזשעשאַנטאַ, אַ פאָרשטאָט אין לובלין, צום פוילישן שוסטער יאַן דראָזד און ביי אים אין שטוב געדרוקט די העקטאָ־גראַפירטע אויפרופן במשך עטלעכע טעג. די אָפּוועזנהייט אין שול האָבן מיר פאַרענטפערט מיט אַ קראַנקייט. ס׳איז געווען גענוג אַ באַשטעטיקונג פון די עלטערן, וועלכע מיר אַליין האָבן פאַברי־צירט.

אין שיכות מיט דער זיך פאַרשאַרפנדיקער פּאָליטישער סיטו־

אַציע אין לאַנד און פּאָליציייאישן טעראָר, איז געוואָרן אַלץ שווע־רער צו אַרבעטן אין דער אָרגאַניזאַציע. אויף די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע און פון די קעמערלעך, האָט מען אַרומגערעדט די באַשלוסן פונעם צווייטן פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ק.פּ.פּ. וועגן פאַרשטאַרקן די טעטיקייט צווישן דער יוגנט, אַרויסרייסן זי פון די איינפלוסן פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע. דערצו איז געווען נייטיק צו אַקטיוויזירן אונדזער פּאָליטישע טעטיקייט, זיין אָריענטירט אין די אַקטועלע פּראָבלעמען און געבן אַ נייע ריכטונג דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, ביים אָפּהיטן פאַרזיכ־טיקייט, באַקעמפן די פּלאָפּלעריי און פּראָוואָקאַציעס. קעמערלעך פון דער קאָמוניסטישער יוגנט האָבן עקזיסטירט אין אַלע מיטלשולן, אויסער דער לובלינער גימנאַזיע, וועלכע איז געווען באַהערשט פון דער ענדעציע. דאָרט האָבן געלערנט נאָר יינגלעך. אונדז איז געלונגען צו פאַרגרעסערן דאָס קעמערל אין דער מיידל־גימנאַזיע אויפן נאָמען פון דער „לובלינער אוניע”. די אַקטיוויסטע איז דאָרט געווען האַלינאַ זאַנדבערג (אומגעקומען בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע), אַן ענערגישע, גרייט אויף קרבנות, אַ באַהערשטע און קלוגע. זי איז אַייניקע יאָרן געווען מיטגליד פון אונדזער עקזע־קוטיווע. צום קעמערל פון דער אָרגאַניזאַציע אין דער מלוכהשער גימנאַזיע, האָט געהערט וואַנדאַ לעוויצקאַ, די טאָכטער פונעם געוועזענעם שול־קוראַטאָר. איר אָנגעהעריקייט צו דער באַוועגונג, האָט פאַר אונדז געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. וואַנדאַ האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט, אַפילו דערמעגלעכט צו געניסן פון איר וווינונג און פון דער שרייבמאַשין. דעם קאָנטאַקט האָט זי אָנגעהאַלטן נאָר מיט האַלינאַ זאַנדבערג און לאָלעק לערנער, וואָס פלעגט צו איר קומען אַ היים ווי אַ חבר. מיר האָבן נישט געוואָלט איר אָנטייל אין אויספלוגן, מאַסאָווקעס און אַנדערע אַקציעס, וואָס וואָלט זי שנעל דעקאָנספּירירט.

מיר האָבן אויך געהאַט גוט פונקציאָנירנדיקע קעמערלעך אין די מענער־גימנאַזיעס א. נ. פון די פּעטערס און פון סטאַשיץ, און אין די מיידל־שולן פון דער טשאַרנעצקאַ, אַרצישאָוואַ און סאָבאָ־

לעווסקאַ, שוין אָפּגערעדט פון די צוויי יידישע גימנאַזיעס — די הומאַניסטישע און פון גלאַסבערגן. אין טשאַרנעצקאַס גימנאַזיע האָט אָנגעפירט מיטן קעמערל אסתר זאַנדשטיין. איר פאָטער האָט געהאַט אַ געשעפט פון באַרשטןביים קראַקעווער טויער. און אין סאָבאָלעווסקאַס גימנאַזיע — פעלאַ פערל. יעדער קעמערל האָט געציילט פון פינף ביז צען מיטגלידער. נאָר אויסער די אַקטיווע חברים, זענען אויך געווען פיל סימפּאַטיקערס, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט אַנגאַזשירן צו אַקטיווער טעטיקייט. דערפאַר האָבן זיי געזאַמלט געלט לטובת מאָפּ״ר — די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע צו העלפן רעוואָלוציאָנערן, וואָס אין פוילן האָט עס געמיינט — די פּאָליטישע אַרעסטירטע. ווי דערמאָנט, זענען מיר דורך די אָ.נ.ר.־אַנטיסעמיטן אין אונדזער שול באַזייטיקט געוואָרן פון אַקטיווער טעטיקייט אין די לעגאַלע פּלאַצוווקעס. ווייל לויט דעם באַפעל פון דער פּאַרטיי, איז אונדזער אויפגאַבע געווען אַרויסצוטרעטן אויך אין רעכטע, אַפילו פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, כדי פון אינעווייניק משפיע זיין אויף זייערע מיטגלידער און אויפשטעלן דאָרט אָפּאָזיציאָנעלע גרופּן. אין אונדזער שול איז דאָס נישט געלונגען.

איך האָב פּרובירט צו דערפילן די דאָזיקע שליחות אין דער רעוויזיאָניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע בית״ר. דאָס איז געשען אין פריילינג 1933. אין אָנהייב האָט מען מיך אויפגענומען זייער גערן. אַ טייל יוגנטלעכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט שווערדן־געפעכט, כדי זיך צוגרייטן צו קעמפן אין פּאַלעסטינע. איך האָב זיך דערפון אויסגעלאַכט. אויסער דעם, האָב איך געקוקט אויף די כלומרשט מיליטערישע איבונגען, מיט די אויגן פון אַ קאָמוניסט, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט אַמאָל געבוירן ווערן אַ יידישע מדינה און אַז אַ סך פון די יוגנטלעכע וועלן אויף אַן אמת זיך באַטייליקן אין שלאַכטן, נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

אין בית״ר האָב איך „אָפּגעקוקט" צוויי מיידלעך, אפשר עלטערע פון מיר מיט אַ יאָר־צוויי: פרימעט האַלפערין און בעלאַ

גרינבערג.ביידע זענען געוועזן שיינע, וואָס האָט נאָך מער באַוויזן צו באַקענען זיך מיט זיי. בעת אונדזערע שפּאַצירן אין די פרילינג־אָוונטן אויף די לובלינער גאַסן, האָט מען געפירט געשפּרעכן אויף פאַרשידענע טעמעס, אָבער קיינמאָל נישט אָנגעהויבן פון פּאָליטיק. מיר האָבן גערעדט וועגן ליבע, וועגן נאָענטע מענטשן, זייער לעבן און ענייִנים. איך האָב געהאַט דאָס גוטע האַנטבוך פון פרידריך ענגעלס „דער אָפּשטאַם פון דער משפּחה, פּריוואַט־אייגנטום און מלוכה״, וואָס האָט מיר געגעבן אין אַזעלכע דיסקוסיעס אַ שטאַרק געווער. נאָך עטלעכע וואָכן, האָב איך זיי געבערענגט אונדזערע אויסגאַבן, אַפילו זיי דאָס איבערגעגעבן אין געהיים, אין לאָקאַל פון בית״ר. איך האָב זיך באַפריינדעט מיט פרומעטן, אויך אָנגעהויבן קומען צו זיי אין שטוב. זי איז פריצייטיק געוואָרן פאַריתומט און זיך דערצויגן ביי אַ מומען. זי האָט געלעבט אין גוטע באַדינגונגען, מ׳האָט זי ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד און גאָרנישט געקאַרגט פאַר איר. מיט דער צייט איז זי געוואָרן אַ סימפּאַטיקערין פון אונדזער באַוועגונג און שפּעטער — אויך אַקטיוו.

אַ געוויסן זוניקן טאָג פון חודש מאַי 1934, בין איך געקומען צו פרומעטן אין וווינונג, אויף לובאַרטאָווסקע 12. ביים טיש איז געזעסן אַ מיידל, פאַרטיפט אין לייענען אַ בוך. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט און, פאַרשטייט זיך, אונדזער געשפּרעך האָט זיך אָנגעהויבן וועגן דעם בוך „די וועלט פון האַרטע מענטשן״, אָנגעשריבן, דוכט זיך, פון אַנטאָנינאַ סאָקאָליטש, אונטערן פּסעוודאָנים גלאַזער. דאָס בוך האָט דערציילט וועגן ריזיקן פונאַנדערבוי פון ראַטן־פאַרבאַנד. וועגן לעבן און ראַנגלענישן פון די בויערס פון סאָציאַליזם. דאָס בוך איז דעמאָלט געווען זייער באַרימט און באַליבט. איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם מיידל, זי איז מיר אַפילו געפעלן. אַ נישט הויכער וווּקס, מיט שוואַרצע, קורץ געשוירענע האָר און שוואַרצע אויגן. באַזונדערס זענען מיר געפעלן אירע אויגן און נאָז. נאָך אַ האַלב־שעהדיקן געשפּרעך, האָט זי געוואָלט גיין אַ היים. זי האָט געהייסן עווא און געוווינט אויף

דער צירולניטשע גאַס 19, אין סאַמע האַרץ פון דער יידישער געגנט און יידישער אָרעמקייט. איך האָב פאַרגעלייגט זי צו באַגלייטן — און באַקומען די הסכמה.ביים געזעגענען זיך, האָט זי מסכים געווען זיך צו טרעפן.

עוואַ האָט סימפּאַטיזירט מיט דער לינקער באַוועגונג און פלעגט מיר געבן געלט צו שטיצן מאָפּ״ר. איך האָב נישט באַדאַרפט פאַרלירן קיין צייט, כּדי זי אַגיטירן און איבערצייגן. זי האָט געשטאַמט פון אַ רעליגיעזער משפּחה, אַמאָל אַ פאַרמעגלעכע, נאָר איצט אַ פאַראָרעמטע, מיט 9 קינדער. דאָס איז טאַקע געווען איר שוועסטער, וואָס איז געשטאַנען פאַרן געוועלב אויף דער צירולניטשע גאַס, ווען איך בין מיט 2 יאָר צוריק געגאַנגען צו דער משפּחה שאַפּירא, כּדי דאָרט געבן לעקציעס איינעם פון די קינדער.

עוואַ איז געווען ענלעך צו איר שוועסטער — און אירע עלטערן האָבן שנעל באַמערקט, אַז עוואַ חברט זיך מיט אַ קאָמוניסט, „אַן אומגעוווּנטשענער פּאַרשוין״ פאַר יעדער בכּבודיקער משפּחה. דעריבער איז געוואָרן אַלץ שווערער צו טרעפן זיך, ווייל עוואַ האָט געוואָלט אויסמיידן קאָנפליקטן אין דער היים, ווו ס׳האָט געהערשט שטרענגקייט און געהאָרכזאַמקייט לגבי די עלטערן. איך האָב מיט דעם נישט געוואָלט מסכּים זיין און נאָך אַ 5־6 וואָכן, האָבן מיר אויפגעהערט זיך אָפּצושמועסן וועגן צוזאַמענטרעפן. פון צייט צו צייט, האָט זי מיר נאָך געגעבן פאַר מאָפּ״ר.

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער סוף פון שול־יאָר. אייגנטלעך, איז אויף דער גרויסער וועלט שוין פאָרגעקומען אַ מלחמה. די יאַפּאַנער זענען שטופּנוויז אַריינגעדרינגען קיין כינע. מיר זענען אויך געשטעלט געוואָרן פאַר אַ פאַקט מיט דעם פויליש־דייטשישן אָפּמאַך, וועלכער האָט דערנענטערט וואַרשע צו בערלין. די באַציאונגען מיט טשעכאָסלאָוואַקיי האָבן זיך פאַרשאַרפט און מ׳האָט געגלויבט, אַז פוילן שטייט צו צו די לענדער, וואָס גרייטן זיך צו אַ קריג מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, ווי דאָס האָט אויך באַוויזן די פּאָשיזאַציע פונעם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד. די בירגערלעכע

פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אַ קער געטאָן אויף רעכטס. אַזוי ביי דער ענדעציע, ווי ביי דער סאַנאַציע. די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון די ענדעקעס, האָבן אויסער דער נאַציאָנאַליסטישער און אַנטיסעמיטישער דעמאַגאָגיע, אויך אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע לאָזונגען, לויט דעם היטלעריסטישן מאָדעל. די שילער אין אונדזער גימנאַזיע, די אָנהענגער פון דער אָ.נ.ר., האָבן אַלץ העכער פאַריסן די קעפּ, נאָר זיי האָבן גענאָסן פון אַבסאָלוטער אומבאַשטראָפטקייט. מיר האָבן געמוזט זיצן שטיל, ווי מייז אונטערן בעזים, ווייל דער דירעקטאָר און די לערערס האָבן געוווּסט, אַז אין שול זענען פאַראַן קאָמוניסטן.

נאָכן פאַרענדיקן די זעקסטע קלאַס, איז מיר נאָך איינמאָל געלונגען אַרויסצופאָרן אויף אַ זומער־קאָלאָניע — צום לעצטן מאָל. איך האָב פאַרברענגט אויף דעם זעלבן אָרט ווי פאַראַיאָרן, אינעם פאָלוואַרק טערשווי־ספּאַס, אין די מזרח בעסקידן.

די זיבעטע קלאַס

אין זיבעטן קלאַס

סעפּטעמבער 1934. איך בין אַ תּלמיד אין זיבעטן קלאַס. דער רעכטער קורס פון דער פּוילישער רעגירונג, און באַזונדערס איר פאַרשאַרפטער קאַמף קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בפרט, האָט געפאָדערט אַ סך וואַכזאַמקייט, אויך צוליב די אָפטע פּראָוואָקאַציעס. ביז איצט איז נאָך געלונגען צו פירן די אַרבעט אָן שטערונגען. אין יענער תּקופה זענען פאָרגעקומען ענדערונגען אינעם צוזאַמענשטעל פון דער שטאָטישער עקזעקוטיווע פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. סעקרעטאַר איז געוואָרן לאַלעק געצמאַן (נאָך דער מלחמה — קאַראָל יאַוואָרסקי, רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער צייטונג „שטאַנדאַר לודו", אָרגאַן פון דער פּאַרטיי אין לובלין). די אַקציע פאַר אַן אייניקייטפראָנט אין שטאָט, האָט זיך אויסגעברייטערט. מ'האָט איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע טור פון דער פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), ווו פיל יוגנטלעכע אַרבעטער און סטודענטן, האָבן געוען אויפגענומען די אויסגעשטרעקטע האַנט פון די קאָמוניסטן. אין האַרבסט 1934, זענען אין לובלין פאָרגעקומען אַ צאָל מאַסווקעס, מ'האָט פאַרטיילט פלוגבלעטלער, וועלכע האָבן גערופן זיך קעגנצושטעלן דעם פאַשיזם, קעגן אַנטיייִדישע פּאָגראָמען, קעגן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן נאַציאָנאַליזם. מ'האָט אויך אַנטוויקלט אַ קאַמפּאַניע צו באַפרייען דעם חבר ערנסט טעלמאַן, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד. אונדזער שול־אָרגאַניזאַציע האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די אַלע אַקציעס, מיט וועלכע ס'האָט אָנגעפירט דער שטאָטישער קאָמיטעט.

איך האָב געהאַט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיטן טעכניקער פון דער עקזעקוטיווע, אַ יוגנטלעכער מיטן נאָמען פּסח, פון פאַר

אַ שטובן־מאַלער, וואָס האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין „מאַלעווען" לאָזונגען אויף די ווענט און דרוקן אויפרופן. ווי דערמאָנט, האָבן מיר אויך אויסגענוצט די וווינונג פון וואַנדאַ לעוויצקאַ. איינמאָל איז מיר געלונגען איבערצורייצן די חברטע פון מיין קוזינע, חנה זילבערבערג, וועלכע האָט געפירט אַ פּרעבל־שול, זי זאָל אונדז דערלויבן אויסנוצן איר לאָקאַל אויף ראַדזיווי־לאָווסקע גאַס, וועלכער איז אין די נאָכמיטאָג־שעהן געשטאַנען פריי, איך זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו מאַכן די לעקציעס. מיר האָבן דאָס אויסגענוצט במשך עטלעכע אָוונטן. באַנוצנדיק זיך מיט וואַקס־מאַטריצן, האָט מען געגרייט אויפרופן, צוזאַמען מיט האַ־לינאַ זאַנדבערג. נאָר אַ געוויסן אָוונט, האָט מען אונדז געכאַפּט ביי דער אַרבעט. צום גליק — נישט די פּאָליציי. מיר הערן אַ קלאַפּן אין טיר און גלייך אויסגעלאָשן די ליכט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ פריינד פון דער אייגנטימערין פונעם לאָקאַל, וואָס איז געקומען אונדז וואָרענען. פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ האָט זיך געענדיקט מיט פאַרוואָרפן און אַ פאַרבאָט צו געניסן פון דער אכסניה.

מיר זענען נישט מיד געוואָרן צו זוכן נייע ערטער — און מ'האָט פאַר אונדז אויסגעפונען אַ סוטערינע אויף לובאַרטאָווסקע 31 (צי 41). דער אייגנטימער — אַ נידעריקער, נישט ריינער מאַן, האָט אונדז געעפנט די טיר און אויפן ערשטן בליק געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. ער האָט אונדז געהאָלפן אָפּדרוקן די אויפרופן, נישט גערעדט קיין סך. דאָס צימערל האָבן דעמאָלט באַזוכט נאָר פיינזילבער, גוטהאַרץ און איך. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אומסיפּאַטישער מאַן האָט געדינט דער פּאָליציי.

אין חודש דעצעמבער איז געווען אַ פאַל, וועלכער האָט אַנגע־זאָגט ווייטערדיקע קאָמפּליקאַציעס. לאָלעק לערנער האָט די צוויי נייע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, ווייספעלד און פּאַוועל שאַפּראַן, ביידע פון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע, געשיקט אויף דער ביכאַווסקע גאַס נאָך אַ שרייבמאַשין. ביינאַכט האָבן זיי באַ־דאַרפט שלעפּן די שווערע מאַשין, וואָס האָט אַרויסגערופן פאַר־

דאַכט. אַ פּאָליציאַנט האָט זיי טאַקע אָפּגעשטעלט און אַוועקגעפירט אין נאָענטן קאָמיסאַריאַט. זיי האָבן צוגעטראַכט אַ געשיכטע וועגן אַ פעטער, וואָס האָט זיי געבעטן ברענגען די שרייבמאַשין. אין דער פּאָליציי האָט מען פּרובירט טעלעפאָניש זיך צו דערוויסן דעם אמת, נאָר דערווייל איז די צוויי יונגעלייט געלונגען צו אַנט־לויפן, אָבער נישט אויף לאַנג.

אין יאַנואַר 1935, זענען פאָרגעקומען די ערשטע אַרעסטן. יענעם טאָג האָבן זיך נישט באַוויזן אין קלאַס אַלעק גוטהאַרץ און פיינזילבער. און אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע — ווייספעלד און שאַפּראַן. דעמאָלט האָט מען אויך אַרעסטירט דעם ערשטן סעקרעטאַר פון ק.ז.מ.פ. און טעכניקער פון דער עקזעקוטיווע — חיים אַרענשטיין (נאָך דער מלחמה — הענריק אַרסקי). נאָך צוויי טעג פון פיינזילבערס אָפּוועזנהייט, בין איך אַוועק צו אים אַ היים. אין צימער האָט מיך אַריינגעפירט זיין מאַמע, אַ נידעריקע, דער־שלאָגענע פרוי. פעניאַ, אַזוי האָבן מיר גערופן פיינזילבערן, איז געלעגן אויפן בעט אַ בלייכער און איבערגעשראָקענער. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען — אַ דורכפאַל, צי אַ מסירה. פעניאַ האָט מיר דערציילט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט במשך די 48 שעה, ווען ער איז געווען פאַרהאַלטן אויף דער זשעלאַנאַ גאַס, אינעם הויפּט־קאָמיסאַריאַט פון דער פּאָליציי. געצמאַנען האָט מען דאָרט שטאַרק צעשלאָגן, ווי אויך דעם עקזעקוטיווע־מיטגליד ביען, וואָס האָט זיך אין אַלץ מודה געווען (און דערנאָך אַפילו אַרויסגעטרעטן אַלס עדות פון דער באַשולדיקונג). דאַקעגן אונדזערע פיר מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געהאַלטן מוטיק, אפשר אויך דערפאַר, ווייל מ'האָט קיינעמען פון זיי ניט געשלאָגן, אַוודאי צוליב זייער מינדעריעריקייט. נאָך גוטהאַרצן און ווייספעלדן האָט מען געשיקט אין תפיסה, אין „זאַמעק". פיינזילבערן און שאַפּראַנען האָט מען באַפרייט ביז צום פּראָצעס.

פון פעניאַס דערציילונג איז געוואָרן קלאָר, אַז אונדזערע באַזוכן אינעם לאָקאַל אויף לובאַרטאָווסקע, זענען געווען באַקאַנט דער פּאָליציי. איך ווייס נישט, ווי אַזוי מיר איז דעמאָלט געלונגען

אויסצומיידן דעם אַרעסט. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען גוטהאַרצן אַרויסגעלאָזט קעגן אַ קויציע.

אין יאַנואַר 1935, האָט מען צונויפגערופן די עקזעקוטיווע אין אַ לאָקאַל אין דער געגנט פון ביכאַווסקע גאַס. פעניאַנען האָט מען נישט איינגעלאַדן, ווייל ביזן פּראָצעס האָבן מיר אים לגמרי איזאָלירט, אַפילו זיך נישט באַוויזן מיט אים אויף דער גאַס. מיר האָבן אויסגעקליבן אַ נייעם סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיווע — לאָלעק לערנער. זייט מיין אָנגעהעריקייט צו דער אָרגאַניזאַציע, זענען דאָס געווען די ערשטע, ערנסטע אַרעסטן. אָבער זיי האָבן אונדז נישט אייַנגעבראָכן. די אַרעסטירטע חברים, הגם זיי זענען געווען אויף דער פריי ביז דעם פּראָצעס, האָבן שוין נישט געהאַט קיין דריסת רגל אין דער שול. ווייל וואָס איז דעמאָלט געווען אָפּשטויסנדיק און בויקאָטירט, אויב נישט דער קאָמוניזם? פון דעסטוועגן, איז אונדזער אָרגאַניזאַציע געוואָקסן. צום קעמערל זענען צוגעקומען נייע מיטגלידער. פון אונדזער קלאַס — טשאָלעק, אַ גוטער יאַט פון דאָרף, אַ קעמפערישער און פאַרביסענער. און פון אַכטן קלאַס — לוטעק לעוו, יאַנוש בוטשאַר, לעך שעלעשניאַק. אַ ביסל שפּעטער זענען צוגעשטאַנען: העניק פרידלענדער און אַלעקסאַנדער טורקעלטאַוב. מיר האָבן געמעגט זיין שטאָלץ פון אַזעלכע דערגרייכונגען. אונדזער קעמערל אין דער גימנאַזיע איז געווען איינע פון די צאָלרייכסטע און אַקטיווסטע.

אייגנטלעך, זענען לערנער און איך געווען אין דער אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע. אויסער אונדז, האָבן נאָך געהערט צום קעמערל: מיעטעק שערכאַ („קליסקע"), לעך שעלעשניאַק, יאַקוב טשאָלעק, לוטעק לעוו, יאַנוש בוטשאַר, העניק פרידלענדער און אַלעקסאַנדער טורקעלטאַוב. נאָך עטלעכע חדשים, האָט אונדז פאַרלאָזט לאָלעק לערנער, ווייל ער האָט געפילט, אַז די פּאָליציי איז אויף זיינע שפּורן און מורא האָבנדיק פאַר אַן אַרעסט, איז ער אַנטלאָפן פון לובלין. פון דעמאָלט אָן, האָב איך אים מער נישט געזען. ער איז געווען אַ שיין, לעבעדיק, ענערגיש יינגל, נאָר אויך געהאַט נישט אַנגענעמע שוואַכקייטן. בקיצור, ער האָט ליב

געהאַט זיך צו באַרימען. נאָך לערנערן, איז ביזן סוף פון שול־יאָר געווען די סעקרעטאַרין האַלינאַ זאַנדבערג.

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער זיבעטער קאָנגרעס פון קאָמינ־טערן (קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל). דער יסוד פאַר אונדזער טעטיקייט, איז געווען די רעזאָלוציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון יאַנואַר 1935 „צו דער קאַמפּאַניע צום זיבעטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן״. אויפן טאָג־אָרדענונג זענען געשטאַנען די פראַגן פון שטאַרקן דעם איינהייט־פראָנט אויפן באָדן פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, די פאָדערונגען פון דער אַרבעטנדיקער יוגנט, קאַמף מיטן נאַציאָנאַליזם און פאַ־שיזם, פּאָפּולאַריזירן דעם מאַרקסיזם־לעניניזם צווישן דער יוגנט און די טעטיקייט אין קעגנערישע אָרגאַניזאַציעס. וואָס שייך אונד־זער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר געגעבן פּריאָריטעט דעם קאַמף מיטן נאַציאָנאַליזם און פאַשיזם און אַקטיוון אָנטייל אין אַלע אַקציעס, וועלכע עס אָרגאַניזירט דער שטאָטישער קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד.

אין די פרילינג־טעג האָבן מיר אָרגאַניזירט אויספלוגן, די א. ג. „מאַיוּווקעס״, בדרך כּלל — קיין שווידניק. אויפן וועג אַהין, האָב איך געטראָפן דעם שילער פון מיין קלאַס, דעם אַקטיוון האַרצעזש סטעמפּניאַק. דערזעענדיק מיך, האָט ער איראָניש גע־שמייכלט. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַ וואָסער אויספלוג דאָס איז. אויף אַזאַ אויספלוג האָט מען אויסגעהערט רעפעראַטן, צוגעגרייט פון דערפאַרענע טוערס פון דער באַוועגונג. פאַר די יומטובים פּסח און פּאַסכאַ, האָט מען צונויפגעזאַמלט די יוגנט אויך אויף אַנטי־רעליגיעזע שמועסן. איך געדענק, אַז במשך אַ סך טעג, האָב איך זיך געגרייט צו אַזאַ שמועס און געלייענט פאַרשידענע מאַ־טעריאַלן. די טעמע האָט מיר זייער אַנטשפּראָכן און איך האָב מיט פרייד אויפגענומען די ידיעה, אַז דער צוזאַמענטרעף איז גוט צו־געגרייט. די מיטגלידער פונעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד זענען געהאַט אַריינגעדרינגען אין די שול־אָרגאַניזאַציעס, צווישן די האַרצעזשן, „די פאָדערשטע וואַך״ און אַפילו אין דער רעליגיעזער

„סאָדאַליציאַ מאַריאַנסקאַ״. מיר זענען געווען זייער פּאַרזיכטיק, נישט דעקאָנספּירירט זיך. מ׳האָט דיסקוטירט וועגן זייער ווייטע טעמעס, כּדי זיי דערפירן צו אונדזער שטאַנדפּונקט און איבער־צייגן. מיר, די מיטגלידער, האָבן זיך באַמיט צו דערגרייכן אַ העברעך פּאָליטיש־אידעישן ניוואָ, מיט דער הילף פון דער גוט אויסגעשטאַטער ביבליאָטעק פון ל.ס.ס., ווי מיטן לייענען און באַהאַנדלען די אַרטיקלען פון דער טאָג־צייטונג אין דער פּוילי־שער שפּראַך, אַרויסגעגעבן פון יידן — „נאַש פּשעגלאָנד״ און די רעזאָלוציעס און באַשלוסן פון די צענטראַלע פּאַרטיי־אינסטאַנ־צן. די אומלעגאַלע פּרעסע און אויפרופן האָבן געוואַנדערט פון איין קעמערל צום אַנדערן — און אַלע האָבן זיי געלייענט. אויף די פאַרזאַמלונגען פון די קעמערלער, האָט מען אַ סך דיסקוטירט. די אַרטיקלען פון חבר לענסקי, סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט „וועגן אַ ברייטן אַנטי־פאַשיסטישן פראָנט״ און „די ק.פּ.פּ. פאַרן זיבעטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן״, האָבן געדינט ווי אַ אידעישע פּלאַטפאָרם פאַר אונדזער טעטיקייט.

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער סוף פונעם שול־יאָר. אונדזערע באַזייטיקטע שול־קאָלעגן: פיינזילבער, שאַפּראַן און גוטהאַרץ האָבן געוואָרט אויף זייער פּראָצעס. די אַנדערע זענען שוין געזעסן אין תּפיסה, אויפן „זאַמעק״. דער בעסער סיטואירטער גוטהאַרץ, האָט זיך געגרייט צו דער מאַטורע און אַ דאַנק פּראָטעקציע, האָט ער זי געמאַכט אין זאַמאָשטש.

סוף יוני 1935. מען פאַרטיילט די שול־צייגנישן. איך האָב צום דריטן מאָל פּרובירט אַרויסצופּאַרן אויף די זומער־פעריען — און דאָסמאָל געמוזט טוישן דאָס אָרט. ס׳איז נישט געווען קיין אַנדערע מעגלעכקייט. איך בין אַוועק צום דירעקטאָר מאַניעווסקי און לאַנג אים געבעטן — אָבער ער האָט אָפּגעזאָגט. מירביידע האָבן דאָך געוווּסט פאַר וואָס מ׳האָט מיר נישט דערלויבט צו פאָרן. איך האָב שוין געהאַט אַ „קאָמפּראָמיטירטן״ נאָמען. די דירעקציע און די לערערס האָבן געוווּסט, אַז אין דער סטאַשיצאַ־גימנאַזיע עקזיס־טירט אַ קאָמוניסטיש קעמערל. די צוויי אַרעסטירטע און איין אַנט־

לאָפּענער, זענען אַ געגוגנדיקער באַווייז. פון די פאַרבליבענע שילערס, בין איך געווען אַמיינסטן קאָמפּראָמיטירט, ווייל כּל זמן די פּאָליציי האָט מיך ניט גערירט, האָט מען מיר גאָרנישט געקענט טאָן. נאָר איך האָב שטאַרק געצווייפלט, צי מיר וועט געלונגען אין דער שול אַרויסצובאַקומען די מאַטורע־צייגניש.

פון דער זומער־קאָלאָניע איז גאָרנישט געוואָרן. די עלטערן האָבן באַשלאָסן זיך אָנצושטרענגען, איך האָב געהאַט אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט פון געבן לעקציעס און כ׳בין אַרויסגעפאָרן אין דאָרף רודי, נישט ווייט פון פּילעווו, די געבורט־שטאָט פון מיין מאַמען. דאָס דאָרף איז געלעגן אויף אַ נישט גרויסן טייך און דאָרט האָבן זיך געפינען עטלעכע יידישע אָפּרו־הייזער, די א. ג. פּענסיאָנאַטן. אַ טאָג אויפהאַלט האָט געקאָסט 4 זלאָטיס און מ׳האָט געגעבן גוט צו עסן. אין רודי האָט זיך דעמאָלט אויך געפינען אַלעק טורקעלטאוב, ווייל זייענדיק פאַרדעכטיקט פּאָליטיש, האָט ער נישט געקאָנט געניסן פון דער שול־קאָלאָניע. דערנאָך איז געקומען אַהין העניעק פרידלענדער, ווייל זיין משפּחה האָט געדונגען אַ גאַנצן צימער. אויך פרומעט מיט איר חתן מאַניעק שטערנפינקעל, וועמען איך האָב פאַראיאָרן באַקענט אין נאַלענטשאָוו, זענען געקומען קיין רודי. מיט אַלעקן האָבן מיר געוווינט אין איין צימער. דאָס איז געווען איינע פון די אָנגענעמע זומער־פעריען. איך האָב פאַרברענגט די צייט, ווי מיר איז געפעלן. באַלד אין דער פרי האָט מען דערלאַנגט אין בעט אַריין מילך מיט קוכן. מיט אַ שעה שפּעטער — דאָס ערשטע פרישטיק, ביים אַלגעמיינעם טיש, איז געווען זייער זעטיק. נאָכן פרישטיק, איז מען אַוועק שפּאַצירן לענג־אויס דעם טייך, אָדער אין וואַלד. מ׳איז געשווומען און פאַר־ברענגט די צייט אויפן בעסטן אופן. מ׳האָט זיך געטראָפן מיט די אָרטיקע קאָמוניסטן, די סימפּאַטישע וואָלאָדקע און אירע חברים און מיט זיי אַרומגערעדט די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד און אויף דער וועלט. אין די אָוונטן האָט מען געטאַנצט אין דעם נישט גרויסן עסזאַל. דעמאָלט איז צו מיר צוגעשטאַנען בראָניאַ, אַ מיידל

פון וואַרשע. וואַרשיינלעך בין איך איר געפעלן און זי האָט פאַר־געלייגט צו שפּאַצירן.

רודי איז געווען אַ שיין דערפל. דער טייך, נישט קיין גרויסער, האָט געהאַט הויכע ברעגעס, באַדעקט מיט געדיכטע קוסטעס, הינטער וועלכע עס האָבן זיך געצויגן וועלדער. און פון דער צווייטער זייט — אַ גרויסע פּאַלאַנע, ווו מיר האָבן געשפּילט אין באַלעם און אויך געגאַסן פון אַ זאַמדיקער פּלאַזשע.

דער חודש איז שנעל פאַריבער. איך בין צוריק געקומען אַהיים אַן אויסגערוטער, גוט אויסגעזען און מיר איז אַוודאי צוגעקומען צו דער וואָג אַ 5 קילאָ. עווא האָט מיר דערציילט, אַז זעענדיק מיך שפּאַצירן מיט אַלעק גוטהאַרץ, האָט זי נישט געקענט צווישן אונדז אונטערשיידן, ווייל ער איז געווען עטוואָס העכער און ברייטער פון מיר. מיין אויסזען איז געווען אין קעגנזאַץ צו דעם, ווי אין די לעצטע וואָכן, ווען נאָכן פאַרענדיקן די זיבעטע קלאַס, האָב איך פאַרברענגט אין אַ קעמפּ פון מיליטערישער צוגרייטונג פאַר גימנאַזיסטן. ווען איך דערמאָן זיך די צוויי וואָכן אין דעם מיליטערישן לאַגער, באַפאַלט מיך אַ שרעק. אין די 14 טעג, האָב איך פאַרזוכט מיליטאַריזם אין אַ געמיינער אויפלאַגע, ווייל ביז דעמאָלט האָב איך נישט געפילט, ווי ווייט מ׳קאָן דערנידעריקן און אונטערדריקן אַ מענטש. די אָפיצירן האָבן דערויף געגעבן אַ בולטן ביישפּיל. נאָך צוויי יאָר מיליטערישע צוגרייטונג אין זעקסטן און זיבעטן קלאַס, איז דער קעמפּ געווען אָבליגאַטאָריש. מ׳האָט אונדז איינגעאָרדנט אין גרויסע געצעלטן. די אָרדענונג און דיסציפּלין — ווי אין רעגולערן מיליטער. איבונגען און מושטרע — אַ גאַנצן טאָג. ביינאַכט — אַלאַרמען. נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַ נאַרישקייט, אַנטקעגן דער וווּלגאַרער שפּראַך און די באַציאונג פון די אָפיצירן. מיט זייער לעקסיקאָן וואָלטן זיך ניט פאַרשעמט די אַלפאָנסן און פּראָסטיטוטקעס פון דער שאַמבעלאַנסקע און אַלעינאַ גאַסן אין לובלין, ווו ס׳זענען געווען „פריילעכע הייזלעך".

— אין אייער מוטער די הור — אַזוי האָט מען זיך געוואָנדן צו 17־18 יאָריקע יוגנטלעכע, די צוקונפט פון פאָלק. אָבער דאָס

איז נישט געווען אַלץ. מ׳האָט זיך איבער אונדז איזדעקעוועט אויף אַ ראַפינירטן און סאַדיסטישן אופן און פאַר יעדער נאַרישקייט האָט מען באַשטראָפט.

איינמאָל האָבן מיר זיך אומגעקערט פון די איבונגען פאַרשוויצטע, פאַרמאַטערטע, מיט אַ פאַרטרוקנט מויל און ליפן, אַז מ׳האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסריידן. מיר איז פאַרבליבן אין זכרון דער נאָמען פון סערזשאַנט שעראַדזקי, אַ נידעריקער, קרעפּטיקער, מיט קרומע פיס, וואָס האָט פלוצים באַפוילן:

— זינגען!

ס׳איז שטיל. קיינער איז נישט געווען אימשטאַנד צו עפענען דאָס מויל. נאָכן איבערחזרן עטלעכע מאָל דעם באַפעל, האָט דער דערצאָרנטער אונטער־אָפיציר קאָמאַנדירט:

— לויפן!

אַזוי זענען מיר אַן אַנדערהאַלבן שעה געלאָפן אין אַ קרייז מיט אַרויסגעשטעקטע צונגען. אַ טייל יינגלער האָבן נישט אויסגעהאַלטן און געפאַלן, נישט געקענט זיך אויפהייבן. מיט אַזעלכע מעטאָדן האָט מען זיך באַנוצט אין דער אַרמיי. דער מענטש האָט נישט באַדאַרפט טראַכטן, נאָר ווי אַ ראָבאָט מעכאַניש אויספירן די באַפעלן פון געדאַנקלאָזע שעפן. ס׳איז זיך פאַרצושטעלן דעם מיליטערישן לאַגער און דעם שפּעטערדיקן פאַרברענג אין רודי. אַ וואָסער קאָנטראַסט! יענע דאָרפישע טעג דערמאָן איך מיט פאַרגעניגן ביזן היינטיקן טאָג.

איך ווער סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיווע

נאָכן אומקערן זיך קיין לובלין, האָב איך באַלד אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די חברים. גוטהאַרץ, פיינזילבער, שאַפּראַן און ווייספעלד האָבן, ווי דערמאָנט, געוואַרט אויף דעם געריכט. און די פון דער עקזעקוטיווע (געצמאַן, אַרענשטיין, ביען און דער מאַלער פּסח) האָבן געמוזט פאַרביטן ווערן מיט אַנדערע. האַלינאַ זאַנדבערג האָט באַקומען מאַטורע און אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע. איר פאַרבלייבן אין לובלין, וואָלט במילא זיך פאַרענדיקט מיט אַן אַרעסט. איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיווע און געבליבן אויף דעם אמט ביז יולי 1936, נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע. אין שול „האָב איך געהאַנגען אויף אַ האָר״, ווייל ס׳איז געווען געוואָג געווען איין אַרעסט ערב אַן אַרבעטער־יום־טוב אָדער אַ יאָרצייט, צי אַן אַקציע — און מיין מאַטורע וואָלט געווען אַ פאַרשפּילטע. איך האָב אַפילו נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם. מ׳איז שוין אַזוי געווען אַריינגעטאָן אין דער באַוועגונג, אַז מ׳האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט דאָס לעבן אָן איר. פאַרלאָזן זי, וואָלט באַדייט אַ שווערער, מאָראַלישער קלאַפּ אויפן גאַנצן לעבן. דאָס הייסט נישט, אַז מענטשן זענען נישט אַוועק פון דער פּאַרטיי, ווייטער געלעבט, געענדערט זייער מענטאַליטעט און גע־דאַנקען. דאָס איז דאָך געווען אַן אינדיווידועלער ענין פאַר יעדן איינעם, מיט זיין כאַראַקטער, שוואַכקייטן, איבערלעבונגען און רעאַגירונגען. די אַרעסטן און די שפּעטערדיקע פּראָצעסן האָבן ערשט אַרויסגעוויזן זייער אויסווירקונג אויף דעם ווייטערדיקן גורל פון די חברים.

אין סעפּטעמבער 1935, איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס קעגן לאָלעק געצמאַן (סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיווע), ביען, אַרענ־שטיין, פּסח, גוטהאַרץ, פיינזילבער, שאַפּראַן און ווייספעלד. די פּאָליטישע באַשולדיקטע זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף יאָרן

תפיסה, דאַקעגן די מינדעריעריקע, וואָס זענען נאָך נישט דער־גאַנגען צו די 18 יאָר, האָט מען פאַרהאַנגען דעם אורטייל אויף צוויי יאָר. שאַפּראַן און אַלעק גוטהאַרץ זענען אַרויסגעפּאָרן און זיי איז געלונגען צו באַקומען מאַטורע־צייגנישן אין וואַרשע און אין זאַמאָשטש. אויך אונדזער אַקטיווער סעקרעטאַר פיינזילבער איז אַרויסגעפאָרן, דוכט זיך קיין וואַרשע, און נאָך אַ געוויסער צייט זיך אומגעקערט קיין לובלין. ווען איך האָב אים געטראָפן אויף דער קראָקעווער פּאַרשטאָט, די גאַס פון אונדזערע שפּאַצירן, ראַנדקעס און פלירטן, איז מיר שווער געווען אים צו דערקענען. ער איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן מענעריש און עלעגאַנט אָנגעטאָן. אין דער תקופה פון אונדזער בשותפותדיקער טעטיקייט אין דער באַוועגונג, ביז צום אַרעסט, האָט אונדז זייער אַ סך פאַרבונדן. מיר זענען געווען חברים, געהאַט טרוימען, גוט זיך געקענט, געוווּסט איינער פון צווייטן אינטימע ענינים. נאָר פעניאַ, ווי מיר האָבן אים גערופן, האָט געביטן זיין בליק אויפן לעבן. דער קאַמף, די באַוועגונג, אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך איצט געפונען ביי אים אויפן ראַנד. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט איבערגעלעבט אַ געוויסן חלום, פון וועלכן ער האָט זיך לעצטנס באַפרייט. נישט געוואָלט זיך אומקערן צו דער פאַרגאַנגענהייט, גלייך יענע תקופה איז פאַר אים געווען אַ נישט אָנגענעמער עפּיזאָד. איצט האָט ער גערעדט וועגן זיינע דערפאָלגן מיט מיידלעך, זיך באַרימט מיט זיין באַקאַנטשאַפט מיט די טעכטער פון לובלינער יידישע אַדוואָקאַטן און מיט שטאָלץ אָנגעוויזן אויף זיין שיינעם אַנצוג און זאַמשענע שיך.

די בסדרדיקע קאָנטאַקטן מיט מענטשן, ווי די טעטיקייט אין דער אָרגאַניזאַציע, האָבן מיך אַ סך געלערנט. אייגנטלעך, טראַכט דאָך דער רוב מענטשן וועגן איינאָרדענען זיך דאָס לעבן, אויס־מיידן זאָרג און אומאַנגענעמלעכקייטן. וועגן מקריב זיין — טראַכטן נישט קיין סך. צו דער באַוועגונג קומט מען און מ׳גייט אַוועק. צומערשט האָבן אַ סך אַזוי געמיינט, דערנאָך רעזיגנירט מען און מע קלייבט אויס אַן אַנדערן וועג. אָבער פעניאַ איז דאָך געווען

מיר נאָענט. און איצט — אַזאַ דורכפאַל, און דווקא איינער פון די איבערגעגעבנסטע חברים. אויסער דער אָרגאַניזאַציע, האָט ער נישט געוווּסט וועגן אַן אַנדער לעבן. איך פלעג אים מיט דעם מקנא זיין. איך האָב קיינמאָל נישט געקענט אַריינפאַלן אין זיין התלהבות. איך האָב גיכער באַלאַנגט צו די מעסיקע, וואָס אויסער דער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי אויך געפירט זייער לעבן, ווי: פאַר־ווײַלונגען, פלירט, ספּאָרט, געזעלשאַפט. דערפאַר, פאַרשטייט זיך, איז מען אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן קריטיקירט מיט דיסקרעטער איראָניע מצד חברים־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געלעבט נאָר מיט דער אָרגאַניזאַציע. אַזעלכע האָבן נישט געלערנט קיין פאַך און אויך נישט געגאַנגען אין שול. דאָך בין איך תמיד געווען דיסציפּלינירט און איבערגעגעבן דער באַוועגונג, פאַרמאָגט גענוג איניציאַטיוו און ענערגיע, וואָס האָט דערמעגלעכט מיך צו באַשטי־מען אויפן אַמט פון עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניס־טישער יוגנט אין לובלין. אפשר איז מיין מעסיקייט געווען געוווּנ־טשענער פאַר מיר, ווי פאַר דער אָרגאַניזאַציע, ווייל אָפט האָבן די „הייס־געבאָדענע" חברים זיך שנעל אַנטוישט און אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער גלייכגילטיקער, צי דעמאָראַליזירטער יוגנט. און גראָד פעניאַ האָט זיך געפינען צווישן זיי. דאָס האָט אים אימפּאָנירט. נאָר מיר האָט ער נישט געגעבן קיין עצות, ווי אַזוי זיך צו פירן.

מיר האָבן זיך געזעגנט גענוג קאַלט, איינער דעם צווייטן האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. פון דעמאָלט אָן, האָב איך אים געזען זעלטן. און אויב יאָ, האָט מען בלויז אַרויסגערעדט עטלעכע ווערטער.

סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע בין איך געווען אין דער תקופה, ווען נאָכן זיבעטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, איז געשאַפן געוואָרן אַ ברייטער פאָלקס־פראָנט. נאָך אין דער רעזאָלוציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ק.פ.פ. פון יאַנואַר 1935, איז ווי אַ וויכטיקע פּאָליטישע אויפגאַבע אַרויסגערוקט געוואָרן די לאָזונג

פון אַן אײנהײטלעכן פּראָנט פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, די בשותּפותדיקע פּראָבלעמען פון דער יוגנט, אירע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּאָסטולאַטן. אין די באַדינגונגען פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט אין די שולן, האָט מען געגעבן פּריאָריטעט דעם אידעאָלאָגישן קאַמף פון דער יוגנט, קאַמף מיטן נאַציאָנאַליזם און פאַשיזם, פּאָפּולאַריזירן דעם מאַרקסיזם און די אידעאָלאָגישע טעטיקייט צווישן די קעגנערישע און רעפאָרמיסטישע אָרגאַניזאַציעס אויף דער פּוילישער גאַס. און ביי די ציוניסטישע און בונדישע יוגנט־באַוועגונגען — אויף דער יידישער גאַס. אַהין האָט מען געשיקט יוגנטלעכע, וואָס זענען נאָך נישט געווען באַקאַנט ווי לינקע, כּדי שטופּנווייז און פּאַרזיכטיק אָנהייבן משפּיע צו זיין אויף די בעסטע, דענקנדיקע מיטגלידער.

נאָכן זיבעטן קאָנגרעס, האָט דער צ.ק. אין זיין באַשלוס פון נאָוועמבער 1935, געפאָדערט פונעם יונגן דור אַ יסודותדיקע ענדערונג אינעם כאַראַקטער פון דער ק.ז.מ.פּ., וועלכע דאַרף ווערן אַ דערציערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַרומנעמען יוגנטלעכע פון אַ נייעם טיפּ און אויך באַהערשן זייערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס און שענקען מער אויפמערקזאַמקייט די פאַרווײַלונגען, באַדערפעניש און פאַראינטערעסירונגען פונעם יונגן דור. דער עיקר — אַרויסגיין פון דער רעם פון אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע.

אין יענער צייט האָבן עקזיסטירט צוויי ערטער, וועלכע האָבן געדינט ווי אַ לעגאַלע באַזע פאַר דער פאָלקס־פראָנטיקער אַקציע, געפירט דורך אונדזער יוגנט־אָרגאַניזאַציע: איינע איז געווען טור („טאָוואַזשיסטוואָ אוניווערסיטעטו לודאָוועגאָ״ — געזעלשאַפט פון פאָלקס־אוניווערסיטעטן) — די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.); די צווייטע — „זשעשעניע אַקאַדעמיקוו זשידווו״ — פאַרבאַנד פון יידישע אַקאַדעמיקער (סטודענטן), וואָס האָט געפירט זיין טעטיקייט אויף לובאַרטאָווסקע 18 און געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „זשעשעניע״. אין די קרייזן האָט מען איינגעאָרדנט רעפעראַטן אויף סאָציאַל־פּאָליטישע, ליטעראַרישע און פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע טעמעס, צו וועלכע

מ׳האָט פאַרבעטן אַלס רעפערענטן לינקע שרייבער און קולטור־טוער. איך געדענק אין טור דעם גלענצנדיקן רעפעראַט פון פוילישן שרייבער מאַריאַן טשוכנאָווסקי.

אין דער אָנפירונג פון טור, האָט זיך געפינען אַ שטאַרקע גרופע אָנהענגערס פון איינהייט־פראָנט מיט די קאָמוניסטן: יוזעק קוויעטשינסקי, וולאַדיסלאַוו יאַנקאָווסקי, סטשעלעצקי, סטירניק, פעליקס באַראַנאָווסקי, סטאַניסלאַוו קשיקאַלאַ און אַנדערע. אַ סך פון זיי זענען געווען סטודענטן אויפן קאַטוילישן אוניווערסיטעט אין לובלין. די וואַרשעווער טאָג־צייטונג פון פ.פּ.ס. „ראָבאָטניק״, האָט אין שטאָט געדרוקט אַ מוטאַציע־זייט געווידמעט לובלין, רעדאַגירט פון וולאַדיסלאַוו יאַנקאָווסקי. די דאָזיקע „לובלינער זייט״ האָט געטראָגן אַן איינהייט־פראָנטיקן כאַראַקטער. אין די צוויי דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס, האָט מען אָפט איינגעאָרדנט טאַנץ־אָוונטן, וועלכע האָבן צוגעצויגן יוגנטלעכע פון פאַרשידענע קרייזן און געזעלשאַפטן. פאַר די טענץ, איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטע לעקציע און דיסקוסיע.

אין סעפטעמבער 1935, זענען פאָרגעקומען וואַלן צום סיים (פאַרלאַמענט), וועלכע זענען בויקאָטירט געוואָרן פון 65% פון דער באַפעלקערונג, צוליב דעם „צוגעשניטענעם״ וואַל־סיסטעם, וואָס האָט באַדאַרפט זיכערן אַ נצחון דעם הערשנדיקן רעזשים. דער עלעקטאָראַלער דורכפאַל פון דער סאַנאַציע, האָט נאָך מער אַרונטערגעריסן דעם פּרעסטיזש פון דער רעגירונג און געשטאַרקט דעם גלויבן ביים פאָלק אין די אייגענע כּוחות, אַז נאָר אַ ברייטער פראָנט פון די פאָלקס־מאַסן, וועט אַראָפּזעצן די הערשער. אויסער די פאָדערונגען אויפן עקאָנאָמישן געביט, האָט מען אויך אַרויסגערוקט פּאָליטישע פּאָסטולאַטן, ווי: פונאַנדערלאָזן דעם סיים פון די, וואָס האָבן זיך אַליין באַשטימט צו זיין דעפּוטאַטן; פאַרמאַכן דעם שטראָף־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע; אַדורכפירן נייע וואַלן צום סיים; פרייהייט פון וואָרט און פּרעסע; איבעררייסן די באַציאונגען מיט היטלער־דייטשלאַנד — און אַנדערע.

דער פאַרבאַנד פון דער שול־יוגנט פון דער קאָמוניסטישער

יוגנט האָט מיט די אַלע פּאָסטולאַטן געוואָלט אָוועקרייסן די שילערס פונעם קלעריקאַליזם, נאַציאָנאַליזם און פּאַשיזם. מיר האָבן אויסגענוצט די טאַנץ־אָוונטן, כּדי זיך דערנעענטערן צו דער שול־יוגנט. פּאָר די תּלמידים פון די העכערע קלאַסן, האָט מען אין די גימנאַזיעס איינגעאָרדנט אַזעלכע אָוונטן, ווייל זיי האָבן אויך געברענגט הכנסה, וועלכע האָט פּאַרבעסערט די מאָגערע בודזשעטן. אויף אַזעלכע פּאַרווײַלונגען האָבן מיר געשיקט גרופּן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, ווו מ׳האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט און פּרובירט משפּיע זיין אויף דער יוגנט. ס׳זענען אויך געווען פאַלן פון פונאַנדערוואַרפן פלוגבלעטלעך און פון זאַמלען געלט פאַר מאָפּ״ר. אַרום האַלבער נאַכט, האָבן קלענערע גרופּן, פון 3־4 מענטשן, זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס, כּדי אַדורכצופירן אַ געוויסע אַקציע, ווי: מאָלן לאָזונגען, פונאַנדערקלעבן אויפרופן, הענגען אַ פענדל אויף די טעלעפאָן־דראָטן — און דערנאָך זיך צוריקגעקערט צו דער פּאַרוויילונג.

גאַנץ אָפט האָבן געוויסע שול־דירעקטאָרן נישט דערלויבט דעם אַריינגאַנג פון פרעמדע יוגנטלעכע אויף די פּאַרווײַלונגען. אויף דעם געביט האָט זיך אויסגעצייכנט דער דירעקטאָר פון דער יידישער הומאַניסטישער גימנאַזיע, פּאַסטערנאַק. מיר האָבן אויף דעם פּאַרבאָט געענטפערט מיט אַ בויקאָט און די פּאַרווײַלונגען דאָרט האָבן זיך געענדיקט מיט אַ פינאַנסיעלן קראַך. מיר האָבן צוגעצויגן די יוגנט אויף די פּאַרווײַלונגען פון טור, אָדער אין דער „זשעשעניע״ פון די יידישע אַקאַדעמיקערס.

בעת אַ געוויסער אַקציע, האָב איך נישט געגעבטיקט אין דער היים און אויך נישט געקענט באַזוכן די שול. נאָך אין פרילינג 1935, ווען מ׳האָט אין אַלע שולן פאַרשפּרייט די אומלעגאַלע אויפרופן פון דער קאָמוניסטישער יוגנט, האָבן אין דער סטאַשיצאַ גימנאַזיע דאָס געטאָן יוגנטלעכע, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז זיי האָבן אַ שייכות מיט דער באַוועגונג. איך און אַלעק טורקעלטאַוב זענען געבליבן אין דער היים צוויי טעג, כּדי מ׳זאָל אונדז נישט פאַרדעכטיקן. די אַקציע האָבן דעמאָלט אַדורכגעפירט: דער

סעקרעטאַר פונעם שול־קרייז אין דער סטאַשיצאַ גימנאַזיע, יאַנוש בוטשאַר און די מיטגלידער: לער שעלעזשניאַק, יאַקוב טשאַלעק, מיעטעק שערכאַ און הענריק פרידלענדער. די פלוגבלעטלער האָט מען אַריינגעלייגט אין די מאַנטלען־קעשענעס אין דער שול־גאַר־דעראָב. נאָר איין שילער פון אַכטן קלאַס, בראַדאָווסקי, האָט דאָס געפונענע בלעטל אָוועקגעטראָגן צום דירעקטאָר, וואָס איז געבליבן דערשטוינט פון דער געשעעניש. די שול־דירעקציע איז געווען זי־כער, אַז אויפן שטח פון דער גימנאַזיע זענען נישט פאַראַן קיין שום פאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם. נאָר אַט ווייזט זיך אַרויס, אַז די איינפלוסן פון די קאָמוניסטן זענען פיל שטאַרקער, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. און אַזוי איז געווען במשך דעם גאַנצן לערניאָר 1935־36. יעדער אַקציע אין שול, האָב איך געמוזט „אָפּקרענקען" ביי באַקאַנטע. כ׳בין דעמאָלט געשלאָפן ביים שניי־דער לעדערמאַן אויף דער פיאַרסקע גאַס. איך האָב זייער זון געגעבן לעקציעס און אונדזערע משפחות זענען געווען באַפריינ־דעט. לעדערמאַן איז געווען אַ גוטער שניידער און אויסגעצייכנ־טער קאָרטן־שפּילער.

ביי אייניקע מיידלער־אַקטיוויסטינס אין דער אָרגאַניזאַציע, האָב איך געהאַט סימפּאַטיע. מיט שיינקע צימערמאַן, וואָס האָט געוווינט אויף קאָוואַלסקע 4, האָב איך אין דער תקופה פון לערנען אין אַכטן קלאַס, זיך אָפּגערעדט אויף טרעפונגען („ראַנדקעס") און אָפט באַזוכט איר היים. זי האָט געלערנט אין דער הומאַניס־טישער גימנאַזיע. דאָס איז געווען מיין ערשטער, ערנסטער ראָמאַן. זי איז געווען אַ הויכע, שיינע, סימפּאַטישע און מיר האָט זיך געדוכט, אַז אַזאַ מיידל וועט מיר אַנטשפּרעכן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מיר קענען נישט געפינען קיין בשותפותדיקע שפּראַך. נאָר דאָס איז געשען שפּעטער.

איך האָב געפירט אַ נאָרמאַל לעבן. הגם תמיד געווען באַשעפּ־טיקט, דאָך געהאַט אויף אַלץ צייט. די יונגע יאָרן, טרוימען, אידעען — האָבן געגעבן כּוח. ס׳איז געווען די צייט פאַר מיין מאַטורע, אין אַ גימנאַזיע אויף אַ הויכן ניוואָ און מיט אַ סך פאָדערונגען.

איך האָב זיך געלערנט, אָבער נישט אָוועקגעגעבן צו פיל צייט דער לערע. אַ חוץ מאַטעמאַטיק, האָב איך נישט געהאַט קיין שווערקייטן. פון אַלע קעגנשטאַנדן (אויסער חשבון און פיזיק) האָב איך באַקומען גוטע צייגנישן. פיזיק רעכן איך נישט, ווייל קיינער האָט זי נישט געקענט, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. ס'איז אָבער נישט גוט צו האָבן אַ שלעכטן לערער. דער הער טשעטשאַק, אַן אַלטער, פאַרביטערטער מאַן, האָט אונדז גאַרנישט אויסגעלערנט. אויף זיין לעקציע פון פיזיק, האָבן מיר געמאַכט אַנדערע לעקציעס. דאַקעגן מאַטעמאַטיק האָט מען געמוזט לערנען, כּדי נישט האָבן קיין איבערראַשונגען בעת דעם עקזאַמען.

וואָס אַן אמת, האָט מען צו דער מאַטורע געקענט אויסקלויבן מאַטעמאַטיק אָדער פיזיק, נאָר די לעצטע איז נישט געקומען אין באַטראַכט. אויסער דער לערע אין שול, האָב איך דאָך אויך געגעבן לעקציעס, כּדי צו באַצאָלן מיין שׂכר־לימוד אין גימנאַזיע.

אין יאָר 1935 איז געשטאָרבן די באָבע, דעם פאָטערס מאַמע. זי האָט נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטאָן און די לעצטע חדשים געוווינט ביי אונדז. זי איז אויסגעגאַנגען פאַר אונדזערע אויגן. איך געדענק אַפילו דעם פרימאָרגן, ווען זי איז געשטאָרבן. אַזעלכע בילדער בלייבן תּמיד אין זכּרון. באַגינען, אפשר 4 אָדער 5 אַ זייגער, האָט אונדז אויפגעוועקט אַ טיפער קרעכץ פון אַ גוססדי־קער. זי איז געלעגן אין אַ טשעפּיק, אַ געל געזיכט, וואָס האָט זיך פאַרלענגערט און פון האַלדז האָבן זיך אַרויסבאַקומען הייזעריקע קלאַנגען. בעצם, איז דאָס געווען אַ כאָרכלען. עטלעכע חדשים פון אַ פאַמעלעכער גסיסה, האָבן שוין נישט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק און מיר האָבן נישט געפילט אירע לעצטע מינוטן. איך בין אַוועק אין שול, ווייל ס'איז געווען באַשטימט אַ קלאַסן־אַרבעט, וועלכע איך האָב נישט געקענט אַדורכלאָזן. יענעם טאָג האָט די פרעסע געמאָלדן וועגן טויט פון ענגלישן קיניג. נילעק הערשענ־האָרן און אַנדערע האָבן זיך געוויצלט איבער דער דאָטע פונעם טויט פון ענגלישן קיניג און מיין באָבען...

נאָך דער פּטירה פון דער באָבען, איז צו אונדז צוריק געקומען פון וואַרשע די מומע וולאַסטאָוויצער. זי האָט זיך דאָרט נישט געקענט געפינען קיין אָרט. זי איז דאָך פון אונדז אַוועק צוליבן טאַטן, נאָר די איינזאַמקייט און נויט האָבן איר געצוווּנגען צו מאַכן דעם שריט. מיין מאַמע און איך זענען איר געווען זייער נאָענט, דערפאַר איז זי געקומען צו אונדז און געשלאָפן אין דעם זעלבן בעט, ווי די באָבע. נאָר שוין עטלעכע יאָר, ווי אונדז גייט נישט אַזוי גוט. דער פאָטער האָט זיך נישט געענדערט. טראָץ די אַלע דורכפאַלן, עקסמיסיעס, שטייגנדיקער נויט, איז ער געווען לייכט־זיניק ווי אַמאָל, ליב געהאַט צו שפּילן אַ קערטל, נישט אָפּגעהיטן אַזוי שטאַרק דעם וואַרשטאַט און די קליענטינס. נאָר די עלטערן האָבן געציטערט וועגן מיר, ווייל איך בין שוין געווען אַזוי ווייט קאָמפּראָמיטירט, אַז נאָכן אַרעסט פון מיינע חברים, איז מיין בלייבן אויף דער פריי געוואָרן פּראָבלעמאַטיש. און צו דער מאַטורע איז געוואָרן אַלץ נענטער. די עלטערן האָבן געוווּסט, אַז זיי וועט שוין גאָרנישט העלפן און געמוזט משלים זיין מיטן גורל. קיין וועג צוריק איז שוין נישט געווען.

טראָץ מיינע לימודים, האָב איך נאָך געפינען צייט אָנצופירן מיט דער אָרגאַניזאַציע, באַשעפטיקן זיך מיט ספּאָרט, פּאַרוויילונגען און אין די אָוונטן פאַרברענגען מיט שיינקען. אויך איצט איז מיר שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי איך האָב דאָס אַלץ באַוויזן. צו דעם אַלעמען, האָב איך נאָך געגעבן לעקציעס שילער פון די נידעריקע קלאַסן, כּדי צו פאַרדינען געלט. מיין שילער פּראָנעק שפּאַק האָט זיך געלערנט פּראַנצוויזיש, דעריבער האָב איך, כּדי צו בלייבן ביי דער גוט באַצאָלטער קאָרעפּעטיציע, זיך געלערנט פראַנצויזיש ביים חתן פון מיין קוזינע פּעלע, דוד געוועריץ. פריער האָט ער מיר אויך געהאָלפן אין מאַטעמאַטיק. אַ פּעיקער בחור, וואָס האָט געשטרעבט צו דערגרייכן אַדוואָקאַטור מיט אייגענע כּוחות. דוד איז געווען פאַרליבט אין פּעלען און מיר האָבן באַוווּנדערט די גרויסע ליבע זייערע, און באַזונדערס — די קרבנות־גרייטקייט פון דעם יונגן יוריסט, וואָס טראָץ דער קעגנערשאַפט פון

זיינע עלטערן און שווריקייטן אין זיין קאַריערע (ווייל פּעלע האָט נישט געהאַט קיין נדן) — האָט ער נישט געוואָלט רעזיגנירן פון דער ליבע.

איין מאָל אין וואָך, אָדער צוויי מאָל, זענען פאָרגעקומען זי־צונגען פון דער עקזעקוטיווע, אויף וועלכע מ'האָט אַלזייטיק אַרומ־גערעדט אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע פּראָגן, דעם אַנטייל אין אַקציעס און אָנגעצייכנט אַ טעטיקייט־פּלאַן פאַר דער נאָענטסטער צייט. אונדזערע קאָנטאַקטן מיט וואַנדאַ לעוויצקאַ האָבן נישט אויפגעהערט. זי האָט אונדז ווייטער געהאָלפן און מיר אַליין האָבן זיך געהיטן, זי זאָל נישט ווערן קאָמפּראָמיטירט. דער פאַקט, וואָס איך בין נישט אַריינגעפאַלן אין תפיסה, איז פּשוט געווען אַ צופאַל. מיר האָט דערציילט פיינזילבער, וואָס האָט באַדאַרפט פון דער פריי שטיין פאַרן געריכט, אַז נאָכן איבער־לייענען דעם באַשולדיקונג־אַקט קעגן אים, איז אים קלאָר, אַז דער לאָקאַל אויף לובאַרטאָווסקע גאַס, ווו מיר האָבן אויף אַ געסטעטנער געדרוקט די אויפרופן ביי דעם פאַרדעכטיקטן פאַרשוין מיטן צונאָמען „עפּעלע", איז געווען באַוווּסט דער פּאָליציי און ער האָט איר אַוודאי געדינט. אין דעם געריכטלעכן אַקט, זענען געווען אויסגערעכנט אַלע נעמען פון די באַטייליקטע אין יענער אַרבעט, אויסער מיין נאָמען. ס'איז נאָר געווען אָנגעשריבן „נאָך איינער, אומבאַקאַנט". אויסער דעם, איז געווען אַ צווייטע מעג־לעכקייט: אַ פּראָוואָקאַציע מצד אַ יוגנטלעכן פון קרייז־קאָמיטעט, מיטן פּסעוודאָנים „מיכאַל", מיט וועמען מיר אַלע, די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע, האָבן אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן.

דאָס האָט מיך באַרואיקט, ווייל די פּאָליציי האָט נאָך נישט געהאַט קיין קאָנקרעטע אינפאָרמאַציע בנוגע מיר, כדי מיך אַרעס־טירן פאַר אָנגעהעריקייט און טעטיקייט אין אַן אומלעגאַלער אָרגאַ־ניזאַציע. מיר האָבן געפירט אונדזער אַרבעט פאָרזיכטיק און דערביי געזוכט אַ לעגאַלע באַזע פאַר דעם. אין דער תקופה פון אָרגאַניזירן דעם איינהייט־פראָנט, זענען די פאָרמען פון דער טעטיקייט געווען די בעסטע, ווייל געשטיצט אויף אַ בשותפותדי־

קער אַקציע מיט דער גאַנצער יוגנט, וואָס האָט דערמעגלעכט אויסצובריייטערן די טעטיקייט און נישט פאַרמאַכן זיך אין די שמאָלע ראַמען פון אַ קאָנספּיראַטיוו היפּל יוגנטלעכע, וואָס נאָך עטלעכע פּראָוואָקאַציעס, האָט זיי געדראָט ליקווידאַציע.

נישט געקוקט אויף דער אַנטפּלעקונג פון אַ קאָנספּיראַטיווער גרופּע קאָמוניסטן אין אונדזער גימנאַזיע, באַזאַמען מיט אַרעסטן, איז די באַציאונג פון דעם פּעדאַגאָגישן קאָדער געווען צו אונדז אַ לאָיאַלע. איך האָב נישט געפילט צוליב דעם וועלכע ס'איז שיקאַנעס אָדער שלעכטע באַציאונג. נאָך היינט דערמאָן איך די וווּנדערבאַרע לערער־דערציער, וואָס הגם זיי זענען געווען מלוכה־אַנגעשטעלטע אין אַ סאַנאַציע־שול און ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, זיך געמוזט אונטעראָרדענען דעם רעזשים, האָבן זיי אונדז געגעבן אַ סך אויפן געביט פון וויסן, ווי אינעם אויספאָרמירן אונדזער מאָראַל: פּראָפ' זאַלעסקי, אונדזער דערציער, וואָס איז אומגעקומען אין קאַטין; דער היסטאָריקער פּראָפ' אַבזשאַנסקי; פּראָפ' קלינגהאָפער; פּראָפ' זענטגעלבער; פּראָפ' סענאַטאָרסקי; פּראָפ' באַנק און אַנדערע, וואָס האָבן געהערט צו די מענטשן, וועלכע איך און מיינע מיטצייטלער געדענקען תמיד צום גוטן. זיי אַלע האָבן באַזיצט דאָקטאָראַטן, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען פון גרויס וויכטיקייט.

דאָסמאָל בין איך שוין געוואָרן פאַרעגיסטרירט אין דער פּאָליצייאישער קאַרטאָטעק. געשען איז דאָס בעת אַ פּלוצומדיקער רעוויזיע אין דער ביבליאָטעק פון ל.ס.ס., אין אַ מאָמענט, ווען דאָרט האָבן זיך געפינען לייענערס, וואָס זענען געקומען טוישן אַ בוך. זיי האָבן פאַרשריבן די אַנוועזנדיקע, אויך מיך. איך האָב זיך נאָר געשראָקן, צי מ'האָט נישט וועגן דעם צו וויסן געטאָן דער שול־דירעקציע. צום גליק, איז דאָס ניט געשען.

דער האַרבסט איז שנעל פאַריבער. מ'האָט זיך באַדאַרפט גרייטן צו דער מאַטורע. אַלעק טורקעלטאַוב, נילעק הערשענהאָרן און איך האָבן גענומען לעקציעס ביים מאַטעמאַטיק־לערער פּראָפ' מיערנאָווסקי, אונדזער געווו. לערער אין פינפטן קלאַס. די דאָזיקע

לעקציעס האָבן אונדז געגעבן אַ סך, ווייל מיר האָבן געקענט לייזן שווערע, מאַטעמאַטישע אויפגאַבן. אויף אַ תקופה פון 100 טעג, האָט מען פאַר דער מאַטורע אָרגאַניזירט טאַנץ־אָוונטן, בשותפות מיט דער מיידל־שול א. נ. פון דער לובלינער אוניע. אַזוי ווי דער אַדאַפּטער איז קאַליע געוואָרן, האָט אויפן פּאַרטעפּיאַן אונדז צוגעשפּילט טאַדעק פרייטאַג. ס׳איז אויך געווען וואַנדאַ לעוויצקאַ, מיט וועמען איך האָב עטלעכע מאָל געטאַנצט, כּדי איר איבער־געבן אויפן אויער אייניקע אינפאָרמאַציעס.

פון די שול־חברים, האָב איך געהאַט נאָענטע באַציאונגען מיט העניאַ פרידלענדער און אָלעק טורקעלטאַוב. איך האָב זיי אַריינגעצויגן אין דער אָרגאַניזאַציע. נילעק איז געווען דער זון פון באַקאַנטן בונדישן מנהיג און געזעלשאַפטלעכן טוער אין שטאָט, ד״ר הערשענהאָרן. אידעיש, איז ער געווען נאָענט צו די מיינונגען פון פאָטער, נאָר דער איינדרוק איז געווען, אַז בעצם, האָט ער נישט קיין שום אידעע. מיעטשאַ שערכאַ האָט אונדז איראָניש באַצייכנט „יעוורעי־פּאָץ־קאָרפּאָרעישן״. איך בין געווען אַן אָפטער גאַסט ביי העניעקן אין שטוב, הגם כ׳בין דאָרט נישט געווען אַזוי „אָנגעלייגט״. העניעק האָט זיך לגמרי אָפּגעפרעמדט פון דער משפּ־חה. זיין פאָטער, פון נידעריקן ווּקס, אַ פּליכעוואַטער, האָט מיט זיין הייזעריקן קול געדונערט אין דער גאַנצער וווינונג, תמיד אַרויסגעגעבן באַפעלן און כּמעט אַלע טעראָריזירט. אַן אייגנטימער פון אַ האַלב הויז, איז ער געווען אויסערגעוויינלעך קאַרג און געפירט אַ שטרענגע בוכהאַלטעריע פון אַלע אויסגאַבן פאַר דער שטוב. צוויי שטילע, באַשיידענע טעכטער, האָבן מיט אומרו געוואַרט אויף זייערע חתנים. נאָר דאָס דריטע שוועסטערל, בעלאַ, איז שוין געווען אַן אַנדערע, גיכער ענלעך צום ברודער. מ׳האָט מיך אויפ־גענומען פריינטלעך אין זייער היים, איך בין דאָך געווען העניעקס שול־חבר, נאָר דער פּחד פאַרן „פינפטן שטערן״ (ווי די חברים האָבן מיך גערופן), איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב ניט געוואָלט אויסשטעלן העניעקן אויף פאָרווורפן און טענות.

מיינע בייזוויליקע חברים פון „יעוורעי־פּאָץ־קאָרפּאָריישן״ האָבן

נאָך די פיר שטערן (מאַרקס, ענגעלס, לענין, סטאַלין) מיר געהופן דער „פינפטער שטערן" פאַר מיינע גרויסע פאַרדינסטן, כאָטש דערפאַר, וואָס איך האָב זיי אַריינגעצויגן אין דער אָרגאַניזאַציע. אַלעק טורקעלטאַוב איז געווען אַ יתום. אים האָט דערצויגן אַ פעטער, אַן אויסטערלישער מענטש. בעת זיין אָפּוועזנהייט, האָבן מיר אויסגענוצט די דירה, טיילמאָל — נישט אַזוי פאַר אידעישע צוועקן. מיר זענען אָפּט געקומען צו נילעקן אין דער זייער שיינער וווינונג, מיט אַ פאַטעפאָן. מיר אַלע האָבן דאָך גערן געטאַנצט, אַלע פיר האָבן באַקאַנט נייע חברטעס, שיינע אין אויסזען און גוטע אין טאַנץ, ווי: שיינדל שפּיץ, אסתרקע געליבטער, אסתר עלבאַום, תמר גרינפעלד און אַנדערע. ביי די קלאַנגען פון אַ גוטן אָרקעס־טער (פון פלאַטן), האָט מען געטאַנצט ביזן מיד ווערן. אַזוי זענען אַדורך אין אַכטן קלאַס אַ סך טעג. דאָס איז געווען אַ הערלעכע תקופה. מיר זענען שוין געווען 19־יאָריקע בחורים, רייפע, וואָס האָבן געשטרעבט „איינצונעמען די וועלט". טראָץ דער אָרעמקייט און דאגות, איז דאָס לעבן געווען שיין און אינטענסיוו. די לערע, די אָרגאַניזאַציע, מיידלעך, טענץ, ספּאָרט — אַלץ צוזאַמען האָט דערלויבט צו שעפּן מיט פולע הויפנס דאָס בעסטע פון דעם רייכטום.

נאָר אויף דער וועלט איז געוואָרן אַלץ ערגער. היטלער האָט געגרייט אַ מלחמה. אויפן ווייטן מזרח האָבן די יאַפּאַנער אָקופּירט און באַרויבט כינע. דער סאַנאַציע־רעזשים אין פּוילן, שטיצנדיק היטלערן, האָט אָוועקגעשטעלט דאָס לאַנד אין דער ריי פון מדינות, וואָס שטרעבן צו מלחמה. די לאַגע אין פּוילן האָט זיך כּסדר פאַרערגערט, די נויט און אַרבעטלאָזיקייט זענען געוואַקסן. אַ מעכטיקע שטרייק־כוואַליע האָט אַרומגענומען נישט נאָר די שטעט, נאָר אויך די דאָרפישע באַפעלקערונג. מיליאָנען יוגנטלעכע האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעט. אין די תפיסות און אין קאַרטוז־בערעזע האָט מען געפייניקט די פּאָליטישע אַרעסטירטע. די פאַשיסטיש־נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרשטאַרקט זייער טע־טיקייט. אין די נעכט איז געווען אַ געפאַר אַרויסצוגיין אין גאַס,

אָדער אין פּאַרק, ווייל ענדעקישע באַיוווקעס זענען באַפּאַלן שוצלאָזע בירגער, דער עיקר — יידן. די ק.פּ.פּ. האָט גערופן צום קאַמף קעגן פאַשיזם, פאַר בירגער־רעכט, פאַר ברויט, פרייהייט, באָדן און פרידן. די אַקציעס פונעם פאָלקס־פראָנט האָבן באַקומען כּוח און שווונג. אַזעלכע גרויסע שטרייקן (באַזונדערס פון די קוילנגרעבער) פון אַרבעטער און פויערים, האָבן שטאַרק צע־טרייסלט דעם באַנקראָטירטן רעזשים. מיר האָבן מיט דורשט גע־שלונגען יעטוועדע ידיעה, געלייענט אונדזער פּרעסע און געפירט הייסע דיסקוסיעס.

דער בירגער־קריג אין שפּאַניע, די מאָסקווער פּראָצעסן

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער ערשטער מאַי 1936. די דעמאָנסט־ראַציעס און מיטינגען זענען פאָרגעקומען מיט די הויפּט־לאָזונגען צו שאַפן אַ פאָלקס־פראָנט קעגן דער רעאַקציע, קעגן מלחמה. אויפן מיטינג, פאָרגעקומען אויף דער ליפּאָווע גאַס, האָט גערעדט דער סיים־דעפּוטאַט און צ.ק.־מיטגליד פון פּ.פּ.ס., אַדאַם פּרוכניק. דער אָנטייל אין דער דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטער, אינטעליגענץ, קליינבירגערטום איז דעמאָלט געווען פיל גרעסער, אין פאַרגלייך מיט די פאַרגאַנגענע יאָרן. ווי גימנאַזיע־שילער, האָבן מיר נישט געטאָרט זיך באַטייליקן אין אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס. מיר האָבן פאַרענדיקט די שול אַרום איינס אַ זייגער און געטראָפן אַ מאַסע מענטשן אויף דער גאַס. אַרום זיי און צווישן זיי האָט מען געזען אַ סך געהיים־אַגענטן און פּאָליציאַנטן, וועלכע מיר האָבן גוט געקענט.

אין חודש מאַי זענען פאָרגעקומען די מאַטורע־עקזאַמענס. מיר האָבן זיך געפילט זיכער און געגלויבט, אַז עס וועלן נישט זיין קיין איבעראַשונגען. ענדלעך — די שריפטלעכע עקזאַמענס אין פּויליש, דייטש און מאַטעמאַטיק. ביי דער מאַטעמאַטיק האָב איך געפילט, אַז די אינטענסיווע לערע האָט געגעבן רעזולטאַטן. כמעט אויף אַלץ געפינען אַ לייזונג, אָן הילף און אָן „איבערשריי־בונגען״, וועלכע זענען געוואָרן איבערגעשמוגלט אין איינגעוויקלטע פּאַפּיר־קנוילעכלער, מיט דער הילף פונעם שול־דינער איגנאַצי. פּויליש און דייטש האָב איך במשך 4 שעה לייכט איבערגעשריבן אויף אַ 12 זייטלער. מיט אַ צייט שפּעטער, האָבן זיך אָנגעהויבן די מינדלעכע עקזאַמענס. איך האָב זיי געמוזט אַדורכמאַכן נאָר פון געשיכטע און מאַטעמאַטיק, ווייל פון די אַנדערע קעגנשטאַנדן בין איך געווען באַפרייט. צו איינעם פון די מינדלעכע עקזאַמענס,

איז געקומען די גאַנצע חברותא פון „יעוורעי־פּאַץ־קאָרפּאָרעישן", ווייל ביי נילעקן אין דער היים האָט אויף אונדז געוואַרט אַ רייכער אָוונט־ברויט.

פּראָפ׳ דאָבזשאַנסקי האָט מיר געשטעלט אַ פינף, די איינ־ציקע אויף מיין מאַטורע־צייגניש. פון מאַטעמאַטיק באַקומען אַ פיר, וועלכע האָט געהויבן די שטימונג. נאָך די אַלע געשיכטעס און שוועריקייטן מיט דער מאַטעמאַטיק, שוין אָפּגערעדט פון דער אומזיכערקייט, צי איך וועל בכלל פאַרענדיקן די שול, האָב איך איצט געהאַט איינע פון די בעסטע שול־צייגנישן.

מיר איז געבליבן אין זכרון דער אָוונט־ברויט ביי נילעק הער־שענהאָרן. ס׳איז שווער צו באַשרייבן, מיט וואָס דער טיש איז אַלץ געווען סערווירט. אינעם קרייז פון אונדזער משפחה, האָב איך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ רייך געדעקטן טיש מיט אַזעלכע געטראַנקען. נאָך דער סעודה, וועלכע האָט געדויערט עטלעכע שעה, נאָר איז, ליידער, פאָרגעקומען אַן מיידלעך און טענץ, זענען מיר אַלע פיר אַוועק שפּאַצירן אויף דער קראָקעווער פּאַרשטאָט. אַן אָנגעגעסענער און אָנגעטרונקענער, האָב איך זיך דערפילט שלעכט און אַלץ אָפּגעגעבן — איז טאַקע געוואָרן לייכטער. דוכט זיך, אַז אויך די אַנדערע האָבן מיר נאָכגעטאָן און אַלץ אָפּגעגעבן. נאָר מיר זענען געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. מ׳האָט דאָך פאַרענדיקט אַ וויכטיקן עטאַפּ אין לעבן — די גימנאַזיע. מיר זענען אַריינגעטראָטן אין אַ נייער, אומבאַקאַנטער תקופה. קיינער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי וועט זיך געשטאַלטיקן דאָס ווייטערדיקע לעבן. אָבער איצט איז אונדז געווען גוט.

מ׳האָט אויפגעהערט זיך פילן ווי שילערס און געטראַכט וועגן טראָגן אויפן קאָפּ אַ קאַפּעלוש. ווי אָנגענעם וועט זיין צו פּאַראַדירן מיט אים איבער די גאַסן ווי רייפע, דערוואַקסענע מענער. מ׳האָט זיך געפילט גליקלעך. נאָר דער מענטש האָט נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז די שול־יאָרן האָבן זיך שוין פאַרענדיקט, און דאָס וואָס אונדז דערוואַרט, איז שוין נישט אַזוי זאָרגלאָז. פאַרקערט — מען טרעט אַריין אין אַ שווערן פּאַרמעסט. און אונדז אַלע האָט

דאָך דערוואַרט אַ ביטערער גורל, הגם מיר זענען געווען ווייט פון די שווערע פּאַרויסזעונגען, וועלכע האָבן דערנאָך געטראָפן אונדזערע משפּחות.

נאָכן שפּאַצירן עטלעכע שעה, האָט מען זיך געלאָזט אַ היים. די באַזאָרגטע עלטערן, האָבן ווי תמיד געוואַרט אויף מיר. באַזונדערס אומרואיק איז געווען די מאַמע. „ענדלעך ביסטו געקומען" — האָט זי געזאָגט שטיל. איך האָב זיי דערציילט וועגן דעם אָוונט ביי נילעקן און אים געלויבט פאַרן צוגרייטן אַזאַ אַנגענעמען צוזאַמענטרעף נאָך די עקזאַמענס. איך האָב אויפגעעפנט מיין ליג־בעטל („די אַמעריקאַנקע") און זיך געלייגט שלאָפן מיטן געדאַנק — וואָס וועט זיין ווייטער?

נאָכן פאַרענדיקן די מאַטורע, איז די לאַגע אין דער היים געווען אַזוי שלעכט, אַז כ'האָב ניט געקענט אַרויספאָרן אויף זומער־פעריען. בעת די חברים זענען אַוועק אויפן דאָרף, בין איך געבליבן אין לובלין. די עלטערן, ווי איך, זענען געקומען צום אויספיר, אַז מ'דאַרף טראַכטן וועגן שטודירן. וועגן שיקן מיך לערנען קיין אויסלאַנד, אָדער אַפילו קיין וואַרשע — האָט מען נאָר געקענט חלומען. מ'האָט אָבער געמעגט טראַכטן וועגן אַדורכמאַכן די לערע אין שטוב און צופאָרן נאָר צו די עקזאַמענס. געבליבן איז יוריספּרודענץ, הגם איך האָב נישט געהאַט קיין שום נייגונג אין דער ריכטונג. ס'איז אָבער נישט געווען קיין אויסוואַל. איך האָב אַרויסגעשיקט די נייטיקע פּאַפּירן אויפן אַדרעס פון יורידישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון יוזעף פּילסודסקי.

בלייבנדיק אין די זומער־חדשים אין שטאָט, האָב איך כּמעט די גאַנצע צייט אָוועקגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע, באַזונדערס דער „זשעשעניע" פון די יידישע אַקאַדעמיקער אויף לובאַרטאָווסקע 18. ס'איז דעמאָלט געווען אַ שטורמישע צייט פון מאַסן־ווידערשטאַנד קעגן דער דערנענטערונג פון פּוילן צו היטלער־דייטשלאַנד און דעם פאַשיסטישן קורס אין לאַנד גופא. אויף אַרבעטער־פאַר־

זאַמלונגען און גאַסן־דעמאָנסטראַציעס האָבן אָפּגעהילכט די לאָזונ־ געז „פרייהייט, ברויט און שלום״. דאָס אַרויסברענגען דעמאָקראַ־ טישע לאָזונגען און זיי פּאָפּולאַריזירן, האָט געהויבן דעם אָנזען פון דער פּאַרטיי.

אין ראַטן־פאַרבאַנד איז געוואָרן אָנגענומען די נייע קאָנס־ טיטוציע, וועלכע האָט אָפּגעשלאָסן אַ געוויסע תקופה אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג און עדות געזאָגט וועגן דעם שטייגנ־ דיקן כּוח פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער מדינה אין דער וועלט. אַזאַ איז דעמאָלט געווען אויך מיין אָפּשאַצונג. דעם באַטייט פון דער קאָנסטיטוציע, האָט מען אַרומגערעדט אויף אַלע קעמערלעך פון דער אָרגאַניזאַציע. איך האָב אין יענער צייט געהערט צו אַ ספּעציעלן אַגיטאַציע־קרייז, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן ביים שטאָטישן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. די אויפגאַבע פון דעם קרייז, וועלכער איז באַשטאַנען פון מער באַוווסטזיניקע חברים (צווישן זיי: לעאָן שיפמאַן — „בעל־צדק״), איז געווען — צוגרייטן רעפעראַטן פאַר אַלע קעמערלעך וועגן אַקטועל־פּאָלי־ טישע פראַגן. מיט דעם קרייז האָט אָנגעפירט, אויף אַ גאָר הויכן ניוואָ, שׂרה נאָמבערג. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע, האָבן מיר אַרומגערעדט און דורכדיסקוטירט די מאַרקסיסטישע טעאָריע וועגן דער מלוכה. אַזוי באַוואָפנט, זענען מיר אַוועק אויף די צוזאַמענטרעפן פון די קעמערלעך.

אויסער דעם, האָב איך געאַרבעט אַקטיוו ביי די יידישע אַקאַ־ דעמיקער, ווייל די „זשעשעניע״ איז געווען אונדזער לעגאַלע פּלאַצוווקע צווישן דער יוגנט. יענעם זומער האָבן מיר צום ערשטן מאָל זיך געטראָפן מיט וויטאָלד ווודעל, אַ סטודענט אויפן וואַרשע־ ווער פּאָליטעכניקום, וואָס פאַרברענגענדיק זיינע פעריען אין לובלין, האָט ער זיך אָנגאַזשירט אין דער פּאַרטייאישער אַרבעט. אַן ענטו־ זיאַסט, אַ ווונדערבאַרער רעדנער, וואָס האָט אַלעמען באַגייס־ טערט. זיינע אַרויסטריטן אין דער „זשעשעניע״ זענען געווען אינ־ טערעסאַנט און באַלערנדיק. מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו הערן אַזאַ רעדנער.

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג בין איך געווען פאַרנומען אין דער „זשעשעניע" און פון צייט צו צייט געקומען צו שיינקען אַ היים און מיט איר אַוועק אויף אַ שפּאַציר. נאָר עפּעס האָט ביי אונדז „נישט געקלאַפּט" און ביידע האָבן געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון אונדזער ראָמאַן. איבעריקנס, איך האָב נישט געטראַכט וועגן דעם, ווייל מ'איז צופיל געווען אַנגאַזשירט אין דער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז דעמאָלט ביי מיר געווען די וויכטיקסטע. אַלע אַנדערע ענייָנים זענען געוואָרן אָפּגעשטופּט אויפן צווייטן אָרט.

פאַרמיטאָג, פלעג איך געוויינלעך פאַרברענגען אין באַסיין אויף דער וויעניאַוווסקע גאַס. איך האָב ליב געהאַט זון און וואַסער, און גאַנץ באַזונדערס — צו שווימען. דאָרט איז מען געווען פון נאָכן פרישטיק ביז מיטאָג.

אַ געוויסן פרימאָרגן האָב איך אויף דער קאָוואַלסקע גאַס געטראָפן לייזער גרין, אַן אַקטיוויסט פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, מיט וועמען איך האָב געאַרבעט זייט דעם יאָר 1932.

— דו ווייסט — זאָגט ער צו מיר און גיט דערביי אַ שמייכל, ווי תמיד, אַן אַ סיבה — די אַרמיי פון גענעראַל פראַנקאָ האָט זיך אַרויסגעזעצט אין שפּאַניע. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ בירגער־קריג און דער פאָלקס־פראָנט אין יענעם לאַנד איז איצט באַדראָט.

די דאָזיקע ידיעה האָט איבערגעגעבן דער ראַדיאָ, וועלכן איך האָב נישט געהאַט און דערפאַר איז דאָס געווען מיין טרוים אים צו באַזיצן, גענוי ווי אַ ראָווער אין די שול־יאָרן. פאַר מיין אָרעמער משפּחה, איז דאָס אַלץ געווען נישט צוגענגלעך. אָבער איצט טראַכט מען נישט וועגן דעם. אַלע מחשבות און מעשים זענען געווידמעט שפּאַניע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריזיקע אַקציע לטובת דער רעפּובליקאַנישער שפּאַניע, קעגן גענעראַל פראַנקאָ און זיינע פאַרבינדעטע — היטלער און מוסאָליני.

אין חודש יולי, האָט דער היטלעריסטישער סענאַט פון דאַנציק אַנולירט די קאָנסטיטוציע פון דער פרייער שטאָט. יוזעף בעק, פּוילנס אויסערן־מיניסטער האָט דעמאָלט דערקלערט, אַז ער וועט

זיך ניט מישן אין די ענינים. דאַך זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דע־מאָנסטראַציעס קעגן דער היטלעריסטישער פאַרשווערונג אין דאַנציק, וועלכע באַדראָט פוילנס אומאָפּהענגיקייט. נאָך מיט אַ חודש פריער, אין יוני, אינעם טאָג פון פאָלקס־יום־טוב, מיטן אָנטייל פון אַנדערהאַלבן מיליאָן פויערים, זענען אַרויסגערוקט געוואָרן לאָזונגען צו ליקווידירן דעם סאַנאַציע־רעזשים, אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, אַדורכפירן דעמאָקראַטישע וואַלן און אַנו־לירן די קאָנסטיטוציע.

אין אויגוסט האָט באַדאַרפט אָפּגעמערקט ווערן דער יאָרטאָג פונעם „בלוטיקן מיטוואָך" און מ'האָט באַשלאָסן אויסצונוצן דעם טאָג פאַר אַ ריזיקער מאַניפעסטאַציע לטובת דעם פאָלקס־פראָנט. דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם איז געווען די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.), מיט דער צושטימונג און מיטבאַטייליקונג פון דער לינקער מחנה. זעלטן, אַז אויף אַ דעמאָנסטראַציע זאָל האָבן געהערשט אַזאַ קעמפערישקייט און ענטוזיאַזם. איך בין דעמאָלט געגאַנגען נעבן האַלינאַ זאַנדבערג, וואָס איז אויף די פעריען געקומען קיין לובלין און ביידע האָבן מיר געשריגן אין כאָר „ברויט, פרייהייט, שלום". אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע טויזנט מענטשן. אויף די טראָטואַרן האָט מען געזען באַגלייטערס — די געהיים־פּאָליציי, וואָס האָט אָבער נישט קאַליע געמאַכט אונדזער גוטע שטימונג און הומאָר. אויפן מיטינג אויף דער גאַס האָט גערעדט דער סיים־דעפּוטאַט אַדאַם פּרוכניק און אויף דער פאַרזאַמלונג אין גרעסטן קינאָ־זאַל „קאָרסאָ", איז אַרויס־געטרעטן וויטאָלד ווודעל.

איך געדענק דעם זומער 1936 אין לובלין, ווי דעם הויכפּונקט פון אַ שטאַרקער, פאָלקס־פראָנטיקער באַוועגונג, וועלכע האָט אַרומ־גענומען ברייטע מאַסן. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן אויף דער כוואַ־ליע געענטפערט מיט באַנייטן טעראָר נישט נאָר לגבי קאָמוניסטן, נאָר אויך קעגן טוערס פון אַנדערע, לינקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געווען אַנגאַזשירט פאַר דעם איינהייט־פראָנט. יענעם יאָר האָבן אין ראַטן־פאַרבאַנד זיך אָנגעהויבן די באַרימטע פּראָצעסן

קעגן אַלטע, רעוואָלוציאָנערע טוערס, באַשולדיקטע אין טראָצקיזם, מיט טויט־אורטיילן פאַר די, וואָס זענען געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. פאַרשטייט זיך, אַז די פרעסע האָט אויסגענוצט די געשעענישן און געהעצט קעגן די קאָמוניסטן און קעגן איינהייט־פראָנט.

ביי געוויסע מיטגלידער אין אונדזער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך דערוועקט ספיקות בנוגע דער שולד פון די פאַרמשפטע, אויך נאָך דעם, ווי זיי אַלע האָבן זיך מודה געווען. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן דיסקוסיעס, מ'האָט זיך געוואָלט קעגנזייטיק איבערצייגן. האָבן די נישט איבערצייגטע טאַקע פאַרלאָזט די באַוועגונג. די מערהייט, טראָץ ספיקות און וואַקלונגען, איז געבליבן, ווייל די דיסציפלין און דער בלינדער גלויבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן צעטריבן אַלע ספיקות. מיר האָבן געגלויבט אָן קריטיק, וואָס האָט געראַטעוועט אונדזער אמונה. ווייל וואָס וואָלט דעמאָלט געבליבן? איך האָב געהערט צו די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום צווייפל, אַז אַלץ איז אמת. אַפילו געזוכט אויף דעם אַ באַשטעטיקונג אין די ביז איצט געלייענטע ביכער, כּדי אויסגעפונען די דעמאָלט צוטריטלעכע אַרויסזאָגונגען פון לענינען וועגן טראָצקין און נאָך רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געהאַט אַנדערע מיינונגען. איך האָב געוואָלט, אַז מיין גלויבן זאָל בלייבן פעסט און נישט אַדורכמאַכן אויפטרייסלונגען און אַנטוישונגען.

יענעם יאָר האָט מען אויך אַרעסטירט צוויי יוגנט־טוערס: יוזעף אָקאָנאָווסקי און סטאַניסלאַוו דוראַקעוויטש. איך דערמאָן די צוויי נעמען, ווייל זיי האָבן פאַרשריבן אַ שוואַרץ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין לובלין. אין אָקטאָבער 1936, האָט די פּאָליציי פאַרבאָטן די טעטיקייט פון דער יידישער אַקאַדעמיקער־אָרגאַניזאַציע. איך האָב באַקומען אַן אויפפאָדערונג צו מעלדן זיך אין דער פּאָליציי. אַזעלכע אויפפאָדערונגען האָבן באַקומען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן פיגורירט אינעם רעגיסטער פון דער „זעשעשעניע". מ'האָט פאַרשריבן אונדזערע פערסאָנאַליען, דעם אַדרעס, און נאָך עטלעכע שעה — באַפרייט.

אין דער לובלינער פּראָקוראַטור איז דערשינען אַ מאַן, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אויסצוואָרצלען דעם קאָמו־ניזם אין שטאָט און זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון קיין שום מיטלען. דאָס איז געווען דער פּראָקוראָר באַריטשקאָ. אַ סך חברים, וואָס האָבן ביי דער געשאַפענער לאַגע זיך געפילט נישט זיכער, זענען אַרויסגעפאָרן פון לובלין. איך האָב זיך געגרייט צו שטודירן אויפן אוניווערסיטעט און געהאַט בדעה אַרויסצופאָרן קיין וואַרשע. דאָס זעלבע — אויך העניעק פרידלענדער און נילעק הערשענהאָרן. נאָר טראָץ די כסדרדיקע רעפּרעסיעס, איז די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע נישט געוואָרן אָפּגעשוואַכט. מיר זענען אויך געווען באַשעפטיקט מיט די אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס און מיטן פאַר־טיפן די מאַרקסיסטישע לערע. פון צייט צו צייט האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט אין פּאַרק און צום ווייפלטן מאָל באַהאַנדלט די עקאָ־נאָמישע דאָקטרינעס, די טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און אַנדערע פּראָבלעמען.

פון דער לינקער פּרעסע, וועלכע איז דעמאָלט דערשינען, איז אַמיינסטן קעמפעריש און ראַדיקאַל געווען דער אינטערעסאַנטער „דזשענניק פּאָפּולאַרני". דאָס איז געווען דער אָרגאַן פון פאָלקס־פראָנט און יעדער דערשינענער נומער איז באַלד צעכאַפּט געוואָרן. צו דער רעדאַקציע האָבן געהערט, אויסער קאָמוניסטן, אויך מיט־גלידער פון די לינקע פּ.פּ.ס., בראש מיט נאָרבערט באַרליצקי.

אין האַרבסט 1936, ביז איך געווען אַליין, ד.ה. — אָן אַ חברטע. מיט שיינקען אינגאַנצן אויפגעהערט זיך צו טרעפן. איך געדענק נישט ווי אַזוי איך האָב אײנגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט עוואַן, מיט וועמען איך האָב זיך געחברט עטלעכע וואָכן אין יאָר 1934. איך האָב זי געזען אין די אָוונטן, הגם זייער זעלטן — מיט וולאַדעק יאַנקאָווסקי. זי האָט מיר דערציילט, אַז זיי טרעפן זיך פון צייט צו צייט. מ'איז געווען באַקאַנט פון די אויספלוגן און פון קולטור־קלוב פון טור. ער איז געווען אַ שיינער, אַ הויכער, געהאַט דער־פאָלג ביי מיידלעך און שיינקע האָט מיר אָפּט דערמאָנט זיין סימ־

פּאַטישן אויסזען. עווא, מורא האָבנדיק פאַר די עלטערן, האָט מיט אים זיך געטראָפן נאָר אין די אָוונטן, אויף ווינציק באַלעבטע גאַסן, אַז אויך באַקאַנטע זאָלן זיי נישט זען. פאַר אירע עלטערן וואָלט עס געווען די גרעסטע טראַגעדיע, אַז זייער טאָכטער, פון אַ רעליגיעזער יידישער היים, גייט אויף ראַנדקעס מיט אַ גוי. זי וואָלט באַדאַרפט זיך געזעגענען מיט דער היים אויף שטענדיק. ווי איך האָב זיך אָנגעשטויסן, האָט זי מיט וולאַדעקן נישט געבונדן אַזוי פיל, זי זאָל ריזיקירן מיטן איבערייסן מיט טאַטע־מאַמע. זי איז מיט מיר געווען אויפריכטיק און דערציילט וועגן דעם. איך האָב זי גערן באַזוכט, טראָץ דער קאַלטער באַציאונג פון די עלטערן, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז איך בין אַ קאָמוניסט צוליב די „אַריינ־זאָגן" פון אירע שוועסטערן, באַזונדערס פון חיה'קען. זי האָט מיר תמיד דערמאָנט, אַז נדן וועט מיר צופאַלן איין טרעפּל פון דער האַלב חרובן הויז אויף דער צירולניטשע גאַס נומער 19, כאָטש מיך האָט נאָך גאָרנישט געבונדן מיט עוואַן. דאָס זענען געווען פריינטלעכע, אָנגענעמע באַציאונגען, געשטיצט אויף אַ פריערדי־קער באַקאַנטשאַפט.

אין יאַנואַר 1937, בין איך אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע, אויפן אוניווערסיטעט, כדי באַקומען אַ „קאַנטע" אויף דער לערע. גע־ווינלעך, האָב איך געגעבכטיקט ביי די סיטמאַנדס, אַ שניידער פון לובלין, וואָס האָט מיט זיין משפחה זיך אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, אָדער ביי די רייכשטאַללערס, וועלכע זענען געווען מיט אונדז באַפריינדעט. די דאָזיקע משפחה איז נאָך אין יאָר 1931 אַרויסגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, אָבער נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. דאָסמאָל האָב איך אָנגעטראָפן אויף מיינע חברים, וואָס האָבן געוווינט אין אַ געדונגענעם צימער אויף דער סאַלנע גאַס — העניעק פרידלענדער און נילעק הערשענהאָרן. אין דער הויפּטשטאָט בין איך געווען עטלעכע וואָכן. די אָוונטן האָט מען פאַרבראַכט אויף שמועסן. טיילמאָל איז געקומען טאַמאַראַ גרינפעלד, אַ לובלי־נערין, וואָס איז דעמאָלט געווען אין וואַרשע.

אין דער פרי זענען מיר אַלע דריי אַוועק אויפֿן אוניווערסי־
טעט און זיך אָנגעשטויסן אויף די אַנטי־יידישע באַיוווקעס, געטאָ־
בענק, געשלעגן. ס'איז געווען אַ פּחד איבערצוטרעטן די שוועל
פון דער „אווידיטאָריע מאַקסימום", כּדי צו באַקומען דעם אונטער־
שריפט פון פּראָפ' יאַררי. מיר זענען איינציקווייז אַריינגעגאַנגען
צום פּראָפעסאָר און זיך אומגעקערט אויפֿן קאָרידאָר. פּלוצום
האָב איך דערפילט אַ זעץ אין קאָפּ און אַ שטאַרקן קאָפּע אין פּוס.
מ'האָט אונדז אַרויסגעוואָרפן הינטער דער טיר און צעשלאָגן.
דער דינער האָט אונדז געברענגט די מאַנטלען. מיר זענען גלייך
אַוועק אין רעדאַקציע פון „דזשענניק פּאָפּולאַרני", כּדי דאָרט
אַלץ דערציילן און פּראָטעסטירן. צומאָרגנס איז טאַקע דערשינען
אַ נאָטיץ וועגן דער געשעעניש.

אַן אויפגעטרייסלטער און בייזער בין איך געפאָרן אַ היים.
די אויסזיכט צו לערנען אויפֿן אוניווערסיטעט, האָט זיך דערוויי־
טערט. ביי אַזעלכע באַדינגונגען, איז נישט געווען קיין גרויסע
האָפֿענונג צו ענדיקן דאָס שטודירן. און קודם כּל — די מאַטעריעלע
לאַגע. און אויך שפּעטער, נאָכן פאַרענדיקן די לערע, איז דאָך
פאַראַן אַן עודף פון אַדוואָקאַטן און אינטעליגענץ. נאָר די וואָס
האָבן געהאַט געלט, פּראָטעקציע אָדער רייך חתונה געהאַט, האָבן
זיך איינגעאָרדנט נאָכן באַקומען דעם אוניווערסיטעט־דיפּלאָם. איך
האָב נישט געהאַט די אַלע מעגלעכקייטן. אמת, פריינד און באַ־
קאַנטע פון מיין פאָטער, וואָס האָבן געהאַט פּרנסה בריווח, האָבן
אים פאָרגעלייגט איינע פון זייערע טעכטער פאַר אַ שידוך מיט
מיר, וואָס וועט דערמעגלעכן צו שטודירן — נאָר איך האָב זיך
נישט געאײַלט. געווען אַזאַ קאַנדידאַטין, ווי רוזשקע זייפשטיין, אַן
אַקטיוויסטין אין אונדזער אָרגאַניזאַציע, אַ סימפּאַטישע און דרייסטע,
נאָר ווי מיין צוקונפטיקע פרוי — איז זי מיר נישט געפעלן. אַ
סבֿרה, אַז מיינע „האָרץ־ענייניםʺ האָבן אויסגעזען עטוואָס אַנדערש.

עוואַ און איר משפּחה

איך האָב פון צייט־צו־צייט זיך געטראָפן מיט עוואַן אוןביידע זענען געווען צופרידן. איך האָב זי אָפט באַגלייט צו אירע טרעפונגען מיט יאַנקאָווסקין. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרצן בערעט, איבערגעאַרבעט פון אַן אַלטן, שוואַרצן פּאַלטאָ. זי האָט געלעבט אין שווערע באַדינגונגען, אין אַ משפּחה מיט אָבערגלויבנס, פון וועלכע זי האָט מיט אַלע כּוחות זיך געוואָלט אַרויסרייסן און דערפאַר געהאַט אויסצושטיין בייזוויליקע באַמערקונגען פון די שוועסטערן און עלטערן. טיילמאָל אויך — שיקאַנעס. אַריינקומענדיק אין זייער שטוב, האָב איך עטוואָס באַקאַנט אירע עלטערן. די מוטער, אַ פרוי אַרום די פופציק יאָר, האָט געהאַט אַ סובטעל געזיכט, נאָר מיד פון דער שווערער אַרבעט אין געוועלב, פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אָוונט. כ׳האָב כּמעט נישט געהערט איך קול. תמיד אַ שוויגנדיקע, האָט זי מיטגעבּרענגט אין שטוב ערנסטקייט און קאָנצענטרירטקייט. אַמאָל, איז זי אַוודאי געווען אַ שיינע פרוי, נאָר די שווערע לעבנס־באַדינגונגען און די 9 קינדער, האָבן זי אויסגעמאַטערט. דער פאָטער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער טיפּ, נאָר כ׳האָב אים נישט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט. פון וואָס שוועסטערן, איז די אינטערעסאַנטסטע פון זיי געווען חייה׳קע. זי האָט געפירט די שטוב־ווירטשאַפט און מ׳דאַרף מודה זיין, אַז די צוויי נעבעכדיקע, נישט מעבלירטע צימערלעך, האָבן געגלאַנצט פון ריינקייט. חייה׳קה האָט געהאַט אַ שאַרף צינגל און געווען די קלוגסטע פון אַלע. די עלטסטע, רעגינע, האָב איך זעלטן ווען געזען. זי האָט געאַרבעט אין אַן אונטערנעמונג אַלס בוכהאַלטער. נאָך חייקה׳ען, געדענק איך סאַלען און אסתרן. סאַלע האָט געאַרבעט אַלס קאָסירערין אין דעם קאָסמעטיק־געשעפט פון איר קוזין מיטעלמאַן און געווען דאָס „אויג פון קאָפ" ווי אַ פאַרדינערין. אַ שיינע, נאָר קרענקענדיקע טאָכטער. שטענדיק עלעגאַנט

געקליידט, ווייל איר פאַרדינסט האָט זי לרוב אויסגעגעבן אויף אָנטאָן און געהאַט דערפאַלג אַ דאַנק איר שיין פּנימל. אסתר האָט געאַרבעט אין אַ געשעפט און זיך געפירט אַנדערש. אַ נישט דרייסטע, כמעט אָן אַ געזעלשאַפט און אינטעליגענטער פון די אַנדערע.

זייער סימפּאַטיש זענען געווען די צוויי יונגערע פון עוואַן שוועסטערן — גוטשאַ און הינדע, וואָס האָבן זיך געקליבן צו גיין אויפן וועג פון דער עלטערער שוועסטער, איבעררייסן מיט דער צוריקגעשטאַנענקייט פון דער סביבה און אַנדערש זיך איינאָרדענען דאָס לעבן, זיין פאַרגעשריטן. עוואַ, ווען איך האָב זי באַקענט נאָך מיט איניקע יאָר פריער, האָט געהאַט סימפּאַטיע צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און זיך באַמיט אַרויסצורייסן פון דער משפּחהדיקער סביבה. זי האָט אַ סך געלייענט און פאַרבראַכט אין די לינקע קרייזן. מיר האָבן געהאַט בשותפותדיקע איינשטעלונגען און פאַראינטערעסירונגען, וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט אַ סך צו שמועסן און דיסקוטירן. ווען איך האָב זי צוגעפירט אויף אַ טרעפונג מיט וולאַדעק יאַנקאָווסקי, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז פון זיי וועט גאָרנישט אַרויסקומען. אַזאַ פאַרקאָנספּירירטער ראָמאַן, האָט נישט געקאָנט דויערן אייביק. עוואַ האָט במילא זיך באַקלאָגט אויף זיין הומאָר, ברוגזן זיך און טענות. זי איז נישט געווען בכוח דאָס צו ענדערן, דעריבער איז געוואָרן אַלץ מער לאַנגווייליק. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער פראַגע, האָב איך נישט גענומען קיין וואָרט. איך האָב אויסגעהערט אירע דערציילונגען און מיר האָט באַהערשט אַ געפיל, אַז אפשר איז אַזוי בעסער. איך האָב געהאַט חשק צו דערנענטערן זיך צו איר, ווייל די פריינדלעכע קאָנטאַקטן האָבן זיך פאַרטיפט און פאַרביטן אויף דעם, וואָס מיר האָט עס שטאַרק געפעלט — געפילן פון אַ פרוי. איך האָב אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו איר נענטער, דערשאַצן אירע מעלות. כ'האָב ענדלעך באַמערקט, אַז זי איז אַ שיינע, מיט טיפע, שוואַרצע אויגן, אַזוי אויך די ברעמען און האָר. די נאָז — ווי ביי דער מאַמען. זי האָט מיר אויסגעזען שענער, ווי אירע שיינע שוועסטערן, ווייל דאָס

פנים איז געווען לעבהאַפט, באַוועגלעך, מיט אַ חן, וואָס האָט צוגעצויגן און אינטערעסירט. איך בין געוואָרן אַ ביסל אומרואיק, צוליב דעם געפיל וואָס האָט מיך באַהערשט, אָבער מיט פאַרגעניגן זיך אונטערגעגעבן דעם געפיל, וואָס נאָך דעם געבורט זיינעם, איז עס ווי אַן אַנטפּלעקונג, וועלכע גיט דעם מענטש אַ סך כּוח, ער זאָל ווייטער בויען זיין לעבן. לויט מיינע פּרינציפּן, האָב איך נישט געטראַכט אַנדערש, אַז כ׳וועל נאָר חתונה האָבן מיט אַ פרוי, וואָס איך וועל ליב האָבן.

צו דעם אַלעמען, האָט עווא געזאָרגט וועגן זיך און טראָץ די שווערע, מאַטעריעלע באַדינגונגען, אַפילו — אָרעמקייט, איז זי געווען אָנגעטאָן מיט געשמאַק. זי האָט געהאַט דעם הערלעכן געשמאַק, וועלכער פעלט אַ סך פרויען: זי איז געווען פעיק „פון גאָרנישט" צו שאַפן עפּעס, איבעראַרבעטן, צופּאַסן. איך בין אָפט געקומען צו איר אין די אָוונטן. ווען כ׳האָב זי נישט געזען, האָב איך געפילט אַ פוסטקייט. אין חודש מערץ האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי וועט זיך מער נישט טרעפן מיט יאַנקאָווסקין. זי זעט נישט קיין ציל און זין אין זייערע ווייטערדיקע באַגעגענישן. ער האָט איר אָפט אַריינגעזאָגט, געמאַכט פאַרווורפן און היות זי איז נישט געווען מיט אים אַזוי ווייט אַנגאַזשירט, איז אַלץ געווען דערפאַר, אַז מ׳דאַרף ענדיקן. איך האָב מיט איר נישט גערעדט וועגן דעם און פאַרשטאַנען, אַז איצט וועט שוין נישט זיין קיין שטערונג צו אַנטוויקלען קעגנזייטיקע געפילן.

איך האָב געוווסט, אַז עווא טרעפט זיך מיט מיר גערן און פאַרבעט אָפט צו זיך אַ היים. איך האָב נישט געלייגט קיין אַכט אויף די אומפריינטלעכע בליקן פון די עלטערן, ווי אויף די שטעכווערטלעך פון די שוועסטערן, ווייל אַלע צוזאַמען בין איך נישט געפעלן צוליב מיין וועלט־אַנשויאונג פון אַ באַקאַנטן קאָמוניסט אין שטאָט. אָבער זי האָט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן, נישט געהאַט בדעה צו רעזיגנירן. כ׳האָב זי אַריינגעפירט אין דער געזעלשאַפט פון מיינע חברים: העניעק, אַלעק און נילעק. עווא האָט געהאַט אַ האַרציקע חברטע, דאָס בלאָנדע מיידל אַנדזשע פרידמאַן, מיט

ווענמען זי האָט פאַרברענגט. אַ העכערע פון עוואַן, אַ שיינע, גוט געבויט, וואָס האָט זיך אָפט געפינען אין אונדזער געזעלשאַפט. מיט איר האָט זיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט אַלעק טורקעל־טאָוב. מיר האָבן פאַר העניעקן געפינען אַ חברטע. אַ שיינע, נידע־ריקע בלאָנדינקע, די שוועסטער פון אונדזער אַקטיוויסטין אין דער אָרגאַניזאַציע, העלאַ צוקערקאָפּף.

דעם 18טן אַפּריל (די דאַטע איז מיר גוט געבליבן אין זכרון), האָב איך אָפּגעפירט עוואַן אַ היים. ס׳איז נאָך נישט געווען וואַרעם, ווייל איך דערמאָן זיך, אַז זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַווינטער־מאַנטל און שוואַרצן בערעט. אין דער שמאָלער צירולניטשע גאַס, זענען מיר צוגעקומען צו איר טויער און דאָרט געבליבן שטיין נאָך אַ קורצע צייט, ווייל תמיד איז געבליבן צו זאָגן זיך עפּעס. אויסער דעם, האָט זיך נישט געוואָלט געזעגענען. יענעם אָוונט זענען מיר געשטאַנען נעבן די טרעפּ. געזעגנדיק זיך, האָב איך פעסט געדריקט איר האַנט. מ׳האָט זיך נאָך גאָרנישט געזאָגט, מיר זענען נאָך אַלץ געווען פריינד. איך האָב איצט געקוקט אין אירע אויגן, זיי האָבן מיר אויסגעזען אַנדערש און געזאָגט אַזוי פיל, אַז כ׳האָב אָנגע־בויגן איר קאָפּ צו מיר און געגעבן אַ שטאַרקן קוש. דער ערשטער קוש, נאָך עטלעכע חדשים פון באַגעגענישן, האָט אַוודאי אויס־געדריקט אַלצדינג. מיר האָבן שוין נישט געהאַט וואָס זיך צו זאָגן...

צוזאַרגנס האָב איך זיך געטראָפן מיט דער גאַנצער „יעוורעי־פּאָץ־קאָמפּאַניע״ און זיי האָבן באַוווּנדערט מיין אויסגעצייכנטע שטימונג. מיר איז גוט געווען. איך האָב זיך געפרייט מיט עוואַס צופרידנקייט און געהאַלטן, אַז דעם טאָג וועלן מירביידע גע־דענקען, ווייל ער האָט ווי געחתמעט אונדזערע געפילן. שפּעטער האָט מען זיך געטראָפן יעדן טאָג. איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט קיין אָוונט, מיר זאָלן זיך נישט זען. מ׳האָט נישט גערעדט וועגן די אָנוואַקסנדיקע געפילן, נאָר געשטרעבט צו זיין צוזאַמען. אַז מ׳האָט זיך אַמאָל נישט געזען, איז מען געווען אומרויִק און דערנאָך זיך געקוקט אין די אויגן אָן רייד, מ׳האָט זיך פאַרשטאַנען מיט די בליקן.

איך לערן זיך שניידעריי

די שוואַכע אויסזיכטן צו פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט, האָבן פאַר מיר און דער משפחה אַוועקגעשטעלט די פראַגע: וואָס ווייטער? ווי זעט זיך פאַר מיין צוקונפט? איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז אויף יעדן פאַל, דאַרף מען זיך לערנען אַ פאַך. אַמבעסטן וואָלט געווען — שניידעריי. גוטע שניידערס האָבן פאַרדינט ניט שלעכט, אויב זיי זענען נישט געווען אַזוי לייכטזיניק ווי מיין פאָטער, וועלכער האָט פשוט פאַרשווענדט זיינע פעיקייטן. ווען איך האָב געטראַכט וועגן דעם פאַך, האָב איך זיך געזען אַנדערש ווי דעם טאַטן. זיינע שוואַכקייטן, פאַרלאַנגען און דער לעבנס־וועג, האָבן אויף מיר געווירקט אָפּשטויסנדיק. מיין לעבן, די טעטיקייט אין דער אָרגאַניזאַציע און די אינערלעכע דיסציפּלין — האָבן אויספאָרמירט אַנדערע אייגנשאַפטן. איך בין געווען אַ פּינקטלעכער, תמיד געהאַלטן וואָרט. אפשר וועט איצט קומען די געלעגנהייט צוריק צו שטעלן אויף די פיס דעם געפאַלענעם שניידער־וואַרשטאַט פון פאָטער און ווערן אַ גוט פאַרדינענדיקער פאַכמאַן. איך האָב נישט באַדאַרפט זיך לערנען אַזוי לאַנג, ווי דער רוב יידישע יינגלעך, וואָס האָבן במשך אַ סך צייט זיך באַדאַרפט מאַטערן, ביזן קאָנען „האַלטן די נאָדל אין האַנט"...

נאָך די זומער־פעריען אין יאָר 1937, האָט מען אַ געוויסן טאָג זיך גענומען לערנען שניידעריי.

די אַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן שוואַכער. אין לובלין, ווי אין דער גאַנצער וואָיעוואָדסטווע, האָט געווילדעוועט דער פּאָליטישער טעראָר, וועמענס איניציאַטאָר און פאַנען־טרע־גער איז געווען דער פּראָקוראָר באַריטשקאַ. נאָך אין אָנהייב פון יענעם יאָר, האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון אַרעסטן. לויט אינפאָרמאַציעס, וועלכע האָבן זיך אַרויסבאַקומען אין דרויסן, זענען די מאַסן־אַרעסטן געקומען נאָך די מסירות פון די אַרעס־

טאַנטן אין דער לובלינער תפיסה, דוראַקעוויטש און אַקאַנאַווסקי. מ'האָט דעמאָלט אַרעסטירט פיל קאָמוניסטישע טוערס — פּראַנ־צישעק יוזשוויאַק, אַרענשטיין (שפּעטער — אַרסקי), ווי אויך אַ סך סימפּאַטיקער פון דער באַוועגונג, צי די וואָס האָבן זיך געחברט מיט טוערס, הגם זיי אַליין האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו דער אָרגאַניזאַציע. די צוויי פּראָוואָקאַטאָרן האָבן נישט נאָר „פאַרשיט" ווענען זיי האָבן געקענט, נאָר אויך צוגעשריבן חטאים פאַר די, ווענען די פּאָליציי האָט זיי געהייסן. מיט דעם מיטל האָבן ספּעציעל זיך באַנוצט באַריטשקאָ און קמיעטשיצקי, דער שעף פון דער געהיים־פּאָליציי אין לובלין.

מ'האָט אין גאַנץ פּוילן אָנגעהויבן זוכן די פאַרדעכטיקטע פון לובלין, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן פון שטאָט. איך האָב נאָך אַלץ געלעבט מיט אילוזיעס, אַז „מיך מיינט מען נישט". כ'האָב זיך איינגערעדט, אַזוי ווי דוראַקעוויטש און אַקאַנאַווסקי קענען נישט מיך, וועלן זיי מיך לאָזן צורו. נאָר ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן, איז דאָס געווען אַן אילוזיע.

אין אָקטאָבער 1937, האָט אין לובלינער קרייז־געריכט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס קעגן פערציק באַשולדיקטע אין קאָמו־ניזם, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפינען אויך וואַנדאַ לעוויצקאַ. דער פּראָצעס איז געוואָרן באַרימט אין גאַנץ פּוילן, סיי צוליב דער גרויסע צאָל באַשולדיקטע מיט איין מאָל, ווי אויך צוליב די נעמען פון אָנגעזעענע קאָמוניסטן, פּאָלאַקן און יידן. באַריטשקאָ האָט געמעגט זיין שטאָלץ מיט אַזאַ דערגרייכונג. אין יענער צייט איז אין לובלין כמעט אַלץ געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. די מאַסן־אַרעסטן, אויך פון אומשולדיקע מענטשן, האָט ווי פּאַראַליזשירט די טע־טיקייט פון אַלע לינקע אָרגאַניזאַציעס. פיל זענען אַרויסגעפאָרן, כדי אויסצומיידן דעם אַרעסט.

דער פּראָצעס פון די פערציק האָט געדויערט אַ גאַנצן חודש. די לובלינער צייטונגען האָבן גענוי אינפאָרמירט וועגן פאַרלויף פונעם פּראָצעס. מ'האָט אויסגעהערט אַ סך עדות, צווישן זיי — וואַנדאַ לעוויצקאַס פאָטער, דער שול־קוראַטאָר און געוועזענער

לעגיאָניסט. זייער אויספרעגן און פאָרשן האָט זיך געצויגן לאַנגע שעהן. אויך די רעדע פון פּראָקוראָר באַריטשקאָ האָט געדויערט 16 שעה. ער האָט אָנגעהויבן פון דער געשיכטע פונעם קאַמף מיטן קאָמוניזם און פאַרענדיקט מיטן „מנא תקל ופרסין" (אַלעגאָרישער אויפשריפט אויף דער וואַנט: „גאָט האָט געוואויגן און געמאָסטן דיין קיניגרייך, נאָכגעטראַכט און עס צעבראָכן").

די ריכטער האָבן נישט געקאַרגט קיין יאָרן תפיסה — פון 2 ביז 10 יאָר. דער העלד פון דעם פּראָצעס איז געווען דער אַלטער קאָמוניסטישער טוער פראַנטשישעק יוזשוויאַק, וואָס האָט אין זיין גלענצנדיקער רעדע שאַרף קריטיקירט דעם סאַנאַציע־רעזשים. פאַרשטייט זיך, אַז די האַרבע אורטיילן האָבן די ריכטער באַרעכנט מיט די עדות־דערקלערונגען פון דעם „פּאַרל" דוראַקע־וויטש־אָקאָנאָווסקי און נאָך איינער, מאַקענזאָן, הגם 90 פּראָצענט פון זייערע דערקלערונגען זענען געווען אויסטראַכטענישן, אָדער אונטערגעזאָגט פון דער פּראָקוראַטור און פּאָליציי.

ביזן פּראָצעס, האָב איך נאָך געלעבט מיט די איינדרוקן פון די צוזאַמענטרעפן מיט עוואַ. כ'בין אין ערגעץ נישט געפאָרן, ווייל ס'איז נישט געווען פאַר וואָס. איבעריקנס, ס'האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט עוואַ. אין די אָוונטן בין איך געקומען צו איר און מיר האָבן זיך אָװעקגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר אין זאַקסישן גאָרטן. מיר האָבן נישט גערעדט וועגן צוקונפטיקע פּלענער. אויך די געפילן האָבן נישט געלאָזט ריידן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס ווערט געבוירן, איז שטאַרק, אַז איינער נייטיקט זיך אין צווייטן, אַז מיר האָבן בשותפותדיקע איינשטעלונגען און פאַר־אינטערעסירונגען. טאַקע אַזוי האָב איך אין די יוגנטלעכע חלומות זיך פאַרגעשטעלט ליבע. מיר פלעגן טיילמאָל שפּאַצירן אַ לענגערע צייט און נישט אַרויסריידן, קיין וואָרט. פון צייט צו צייט איר געקוקט אין די אויגן און געזאָגט:

— עוואַ...

— וואָס? — האָט זי געפרעגט.

— גאָרנישט — איז געווען מיין ענטפער.

און ס'איז אויך געשען פֿאַרקערט. איך פרעג „וואָס" און זי ענטפערט „גאָרנישט". אַזאַ איז געווען אונדזער אייניציקער לעק־סיקאָן, וועלכער האָט אויסגעדריקט אונדזער ליבע. ביי אַ שיינעם וועטער, זענען מיר אַוועק צום שווים־באַסיין אויף דער וויעניאַווסקע גאַס און אין די אָוונטן — אין קינאָ, אָדער אויף אַ שפּאַציר. דאַקעגן אין עוואַס היים, ווי דער שטייגער, האָט מען מיך אויפגענומען קאַלט, נאָר כ'האָב זיך צו דעם צוגעוווינט.

אין זכרון איז איינגעקריצט די דאַטע פון 25טן אויגוסט. מיר זענען געזעסן אויף ברעטער, וואָס איבערן גרויסן באַסיין פֿאַר קינדער. ערשט דעמאָלט האָט מען זיך קעגנזייטיק דערקלערט ליבע. מיר זענען געווען גליקלעך. נאָר דער פֿאַרענדיקטער פּראָצעס פון די פערציק און דער אָנזאָג פון באַריטשקאָ, אַז צום קאָמוניזם האָט געמוזט קומען אַ סוף, האָבן צעשטערט אונדזער רו. נאָר וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? אַרויספאָרן פון לובלין און זיך אַרומוואַלגערן אין דער פרעמד ווי אַ „פֿאַרברענטער", איבערלאָזן די משפּחה און עוואַן? ס'איז נישט געווען דערויף קיין חשק און קיין מיטלען.

איך האָב אינטענסיוו געאַרבעט ביים פֿאַר און ס'איז גוט געגאַנגען. איך האָב זיך שנעל אויסגעלערנט מאָדערנע צושניידעריי ביי אַ מייסטער, וואָס איז געקומען פון בעלגיע. זיין מעטאָד האָט געשפּאָרט מאַטעריאַל און איך בין געוואָרן צושניידער. דער פֿאָטער איז דערפון געווען זייער צופרידן, וואָס איך קאָן אים פֿאַרטרעטן. די קליענטינס האָבן צוריק באַקומען צוטרוי, ווייל איך האָב געהאַלטן וואָרט און צו מיר האָבן זיי זיך געוואָנדן מיט זייערע פֿאַרלאַנגען. הגם די פּראָפעסיע האָט ניט אָנטשפּרעכט מיינע נייגונגען, בין איך געווען גליקלעך, ווייל כ'האָב אין דעם געזען אַ מאַטעריעלע באַזע פֿאַר אונדזער צוקונפטיק צוזאַמענלעבן. עוואַ האָט אָנגעהויבן קומען צו אונדז אַ היים און מיינע עלטערן האָבן זיך צו איר שטאַרק צוגעבונדן. מ'האָט זי אויפגענומען מיט פריינדשאַפט.

מיין ערשטע, זעלבשטענדיקע אַרבעט אין שניידעריי, איז גע־ווען — אויפנייען פֿאַר איר אַ שוואַרצן קאָסטיום. זי האָט פון זייערס אַ קופערט אַרויסגענומען אַן אַלטן מלבוש, וועלכן קיינער

האָט שוין נישט געוואָלט אָנטאָן און אים איבערגעאַרבעט אויף אַ שיינעם זשאַקעט. אין דער היים האָבן די שוועסטערן נישט אויפגעהערט מיט זייערע בייסיקע באַמערקונגען אויף וואָס אַדרעס, און ס׳איז נישט געווען מיט וואָס זי מקנא צו זיין. נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט געאַרבעט און זיך אָנגעטאָן פֿאַר איר געלט, האָט מען זי ערגער באַהאַנדלט ווי די אַנדערע שוועסטערן. איר מענטאַליטעט איז געווען אַן אַנדערע, אירע פּראָגרעסיווע אָנשוי־אונגען האָבן אַרויסגערופן אומווילן ביי דער גאַנצער משפּחה, אויסער די יונגע שוועסטערס. מ׳האָט אַפילו נישט אַוועקגעגעבן אירע שיך צום פּאַריכטן און זי האָט זיך אָפּגעפּרוּווירן די פֿינגער פֿון די פֿיס. דערזעענדיק דאָס, בין איך אַוועק צום הער באָט (דער פֿאָטער פֿון סאַלעק באָט, וואָס איז אומגעקומען אין דער רעזיס־טאַנס־באַוועגונג אין פּאַריז), גענומען ביי אים אַן הלוואה און אין שיך־געשעפֿט פֿון ווייסמאַנען געקויפֿט פֿאַר עוואַן אַ פּאָר שיך.

מיט דער פֿאַמיליע באָט האָבן מיך פֿאַרבונדן האַרציקע באַ־ציאונגען. אַ דאַנק סאַלעקן, אַן אַקטיוויסט אין אונדזער אָרגאַני־זאַציע, האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו דערנענטערן זיך צו סימפֿאָנישער מוזיק. ער האָט געשפּילט פֿידל און אָפט אַרויס־געטרעטן אין דער „זשעשעניע״ פֿון די יידישע אַקאַדעמיקער. זיין פֿאָטער האָט זיך באַצויגן צו מיר מיט סימפּאַטיע און ווען כ׳האָב געהאַט פֿינאַנסיעלע דאגות, האָט ער מיר געהאָלפֿן מיט אַן הלוואה. מיין ערשטע הילף פֿאַר עוואַן איז טאַקע געווען — דער קאָסטיום און די שיך. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך וואָלט פֿאַר איר געטאָן אַ סך מער, ווען איך וואָלט דערצו געהאַט די געהעריקע באַדינגונגען.

איך האָב געטרוימט וועגן אַוועקנעמען זי פֿון דער היים, נאָר ס׳איז נאָך געווען צו פֿרי. דערנאָך איז געקומען די ריי אויף אַ ווינטער־מאַנטל. מיר האָבן געקויפֿט אַ גראַנאַטענע סחורה, איך האָב אונטערגעשריבן די וועקסלען, הגם כ׳האָב נאָך נישט געהאַט אויף דעם קיין דעקונג, אָבער דערפֿאַר געהאַט אַ נאָמען און אַ

„מאַרקע״. די סוחרים האָבן מיר געשאָנקען צוטרוי. איך האָב פערזענלעך צוגעהיטן, אַז עווא זאָל האָבן אַ שיינעם מאַנטל — און סוף וואָר, פרייטיק־צו־נאַכטס, האָב איך מיטן לערניינגל איר אָפּגעטראָגן דעם מאַנטל אַ היים.

ווי נאָר כ'בין איבערגעטרעטן די שוועל פון איר שטוב, האָט מיר באַהערשט פרייד און שטאָלץ, וואָס איך בין מסוגל איר אָנצוטאָן אַ פאַרגעניגן און איבערגעבן אַ שיינעם מאַנטל, מיט וועלכן אירע שוועסטערן האָבן זי מקנא געווען.

אין צווישנצייט האָבן אונדז פאַרלאָזט צוויי גוטע חברים — העניעק פרידלענדער און אַלעק טורקעלטאַוב, וואָס זענען אַרויס־געפאָרן קיין פאַריז. העניעקס פאָטער, טראָץ זיין קמצנות, האָט מקריב געווען די 150 זלאָטיס אַ חודש פאַרן זון. די יורי־לערע אין וואַרשע און די קלעפּ, וועלכע מ'האָט באַקומען פון די אַנטי־סעמיטישע סטודענטן, האָבן נישט געגעבן קיין האָפענונגען צו ענדיקן דעם אוניווערסיטעט אין פוילן. אויך אַלעקס פעטער האָט נישט געקאַרגט קיין מיטלען, כדי צו דערמעגלעכן בילדונג פאַרן ברודערס זון. פאַר זייער אַרויספאָר, האָבן מיר אַלע פאַרברענגט אויף אַן אָוונט־ברויט אין רעסטאָראַן פון פאָלאַ בערגזועלס עלטערן אויף לובאַרטאָווקסקע גאַס, ביי דער בריק. דעם פיינעם אָוונט מיטן געשמאַקן עסן, האָבן מיר פאַרברענגט אין אַן אייגענער, היימי־שער חברה: פאָלאַ בערגזועל, מאָטל שערמייסטער, העניעק פריד־לענדער, העלאַ צוקערקאָפּף, אַלעק טורקעלטאַוב, אַנדזשע פריד־מאַן, נילעק הערשענהאָרן, אסתרל געליבטער, עוואַ און איך.

איך בין געבליבן אַליין מיט נילעקן, וואָס פון די אַלע, האָט מיך מיט אים געבונדן אַמווייניקסטן, ווייל נילעק איז נישט געווען קיין קאָמוניסט. זייענדיק אונטער דער השפעה פונעם פאָטער דעם בונדיסט, האָט זיך ביי אים נישט אויסקריסטאַליזירט קיין אייגענע וועלט־אַנשויאונג.

די אַטמאָספער פון פּחד און אומצוטרוי, וועלכע באַריטשקאַ האָט געשאַפן, איז כסדר געוואַקסן. ס'איז נישט אַדורך קיין וואָך אָן אַרעסטן און פּראָצעסן. מ'האָט לובלינער קאָמוניסטישע טוערס

געזוכט איבער גאַנץ פּוילן. אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1938, האָט מען אין וואַרשע אַנטדעקט משה וויינפעלד און וויטאָלד ווודעל און ביידע געבראַכט קיין לובלין. אונדזער אָרגאַניזאַציע איז זיך צעפאַלן. אָנהייב אַפּריל, האָב איך צום לעצטן מאָל געהאַט אַ קאָנטאַקט מיטן קעמערל אויף וויעניאַווע (טשעכיוו), מיט יונגע אַרבעטער פון יענער געגנט.

דער אַרעסט

דעם 20סטן אַפּריל 1938, אַרום 8 פרי, דערהערן מיר אין שטוב אַ שטאַרקן קלאַפּן אין טיר. מיר האָט גלייך אויפגעבליצט אין געדאַנק, אַז דאָס איז פּאָליציי. דריי זענען זיי געווען, בראש מיט דעם ערנסטן פּאָליציי־פונקציאָנאַר פלאָריאַן, אויך אַ געוויינ־לעכער געהיים־אַגענט (וועלכן מיר האָבן גערופן „שפּיצעל") און אַ מונדירטער פּאָליציאַנט. איך האָב נישט געהאַט קיין באַגריף, ווער האָט „פאַרשיט", ד. ה., ווער האָט מיך פאַרמסרט אין דער פּאָליציי, ווייל נאָך דער אָפּגעלאָפענער צייט פונעם פּראָצעס פון די פערציק האָב איך געמיינט, אַז אויב איך בין נישט באַקאַנט אָקאָ־נאַווסקין און דוראַקעוויטשן און פון די אַרעסטירטע חברים האָט זיך קיינער נישט מודה געווען, אַז איך בין זיי באַוווּסט, וועט מיך אויסמיידן אַן אַרעסט. נאָר ווייזט אויס, אַז ס'איז יאָ ווער געווען, וואָס האָט מיך נישט פאַרגעסן.

אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן אַ גענויע רעוויזיע. צום גליק, איז נישט געווען קיין פאַרדעכטיקט מאַטעריאַל. אַפילו לעגאַל דער־שינענע ביכער פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, האָב איך נישט געהאַט אין שטוב. ס'וואָלט געווען אַ לייכטזיניקייט צו האַלטן ביי זיך אַזעלכע ביכער, בעת אין שטאָט הערשט פּאָלי־צייאישער טעראָר און אַנטי־קאָמוניסטישע העצע. פלאָריאַן האָט איבערגעקוקט די געבליבענע ביכער, לענגער געמישט די בלע־טער פון אַוגוסט פאָרעלס „סעקסועלע פּראָבלעמען", געפינען דאָרט אייניקע ערטער, וועלכע איך האָב אונטערגעשטראָכן, באַזונדערס די זאַצן וועגן די סאָציאַלע מקורות פון דער פּראָסטיטוציע.

— אייך געפעלט נישט דער קאַפּיטאַליזם? — פרעגט מיך דער פּאָליציאַנט.

— די אונטערשטרייכונגען זאָגן גאָרנישט, אויסער דעם האָבן דאָס בוך געלייענט אַזוי פיל מענטשן, אַז מיר איז שווער פעסט־

צושטעלן, צי דאָס געשריבענע דאָרט, איז טאַקע פון מיר — ענטפער איך אַ בלייכער און דענערוווירטער.

נאָר מיר איז געווען קלאָר, אַז הער פלאָריאַן איז שוין טיף איבערצייגט אין מיינע פּאָליטישע אָנשויאונגען, הגם דאָס דער־מאָנטע בוך האָט נישט געקאָנט דינען אויפן פּראָצעס ווי אַ זאַכלע־כער באַווייז.

נאָך צוויי שעה זוכן און נישטערן, האָט מען מיך אָפּגעפירט אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אויף דער זשעלאַזנאַ גאַס נומער 5. נאָר אַהין האָט מיך באַגלייט דאָס בילד פון דער פאַרווייינטער מאַמען, פון דעם בלייכן טאַטן און די איבערגעשראָקענע, אַלטע מומע וולאָסטאָוויצער. אַלע מיינע אייניקעדענישן, אַז מיך וועט אויסמיידן אַן אַרעסט — זענען אויסגערונען. די געפאַר וועלכע האָט זיך פון מיר דערווייטערט, ווי כ׳האָב געוואָלט גלויבן, איז איצט געווען אַ ממשותדיקע. בין איך טאַקע געווען פאַרצווייפלט. נאָר אויך דאָס יאָר מיט די שטאַרק אויסגעוואַקסענע געפילן צו עוואַן, די באַ־דערפעניש צו זען זיך מיט איר יעדן טאָג, ריידן און זיך אָנפאַר־טרויען — האָבן מיר באַגלייט אויפן וועג צו דער פּאָליציי.

אין קאָמיסאַריאַט האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַן איזאָ־לירטער קאַמער, וווּ איך האָב פאַרברענגט אויף דער צעמענט־פּאָדלאָגע אַ גאַנצן מעת־לעת. צומאָרגנס האָט מען מיך אַרויס־גערופן אויף אַ פאַרהער, צום באַרימטן פּיאָטר קמיעטשיצקי, וואָס האָט געפּאָרשט אַלע קאָמוניסטן. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, ווער ס׳האָט מיך אויסגעגעבן.

אין יאָר 1936, ווען איך האָב באַדינט איינעם פון די קעמער־לעך פון דער קאָמוניסטישער יוגנט אין לובלין, מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט שׂרה נאָמבערג, איז געווען אַנוועזנד דאָס מיידל שבע לינדערוואורם, וואָס אויסער יענעם צוזאַמענטרעף, האָב איך נישט געהאַט מיט איר קיין שום קאָנטאַקט. וועגן מיין באַדינען דאָס קעמערל, האָט זי איבערגעגעבן איר אויספאָרשער און דאָס איז געווען אַ גענוגנדיקע סיבה מיך צו אַרעסטירן. נאָר אויפן סמך פון איין אינפאָרמאַציע, האָט מען נישט געקאָנט פאַרמשפּטן. אָבער

צו וואָס האָבן געדינט דוראַקעוויטש און אָקאָנאָווסקי, וואָס זענען דעמאָלט נאָך געזעסן אין תפיסה.

איך האָב זיך נישט מודה געווען, בפרט, אַז קיין אַנדערע באַווייזן קעגן מיר זענען נישט געווען. איך האָב זיך יאָ מודה געווען אין מיין אַקטיווער טעטיקייט אינעם פאַרבאַנד פון די יידישע אַקאַדעמיקער, וואָס איז דאָך געווען אַ לעגאַלע אָרגאַניזאַציע, הגם זי איז שוין אַ האַלב יאָר געווען פאַרמאַכט. אָבער פאַר דער פּאָליציי איז עס געווען נאָך אַ באַווייז מיר פאַרצוואַרפן אַנטי־מלוכהשע טעטיקייט אין די ראַמען פון דער קאָמוניסטישער יוגנט, לויט די באַרימטע פּאַראַגראַפן 93 און 97 פון שטראָף־קאָדעקס. פּלוצעם, אינמיטן פאַרהער, באַווייזט זיך דער פּראָקוראָר באַריטשקאָ. ער נעמט מיר דראָען מיט אַ סך יאָרן תפיסה, מיטן פאַרלירן דאָס געזונט, אויב כ׳וועל זיך נישט מודה זיין.

נאָך עטלעכע שעה פאַרשונגען, האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער, וווּ עס זענען געזעסן עטלעכע יוגנטלעכע. צוויי פון זיי האָב איך גלייך דערקענט: ניסענבוים און צוקער. ניסענבוים האָט מיר דערציילט, אַז מ׳האָט אים געשלאָגן בעת דער אויספאָרשונג, אַפילו אַריינגעגאָסן וואַסער אין דער נאָז. איך וויים נישט צוליב וועלכע סיבות, נאָר מיך האָט מען אַפילו נישט אָנגערירט.

נאָכן אָפּזיין אין קאָמיסאַריאַט אַ 50 שעה, האָט מען אונדז, 6 צי 7 פאַרדעכטיקטע, אָפּגעפירט צום אויספאָרשונג־ריכטער, ווו מ׳האָט איבערגעלייענט אונדזערע דערקלערונגען. מיר האָבן זיי אונטערגעשריבן און מ׳פירט אונדז אַוועק אויפן „זאַמעק״, דער היסטאָרישער שלאָס, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תפיסה — אַזוי אין די צאַרישע צייטן, ווי אין דער אומאָפּהענגיקער פוילן.

אין תּפיסה אויפן „זאַמעק"

דער וועג צום לובלינער „שלאָס" („זאַמעק") איז מיר געווען גוט באַקאַנט, און באַזונדערס נאָענט איז ער מיר געוואָרן אין לעצטן יאָר. כּמעט יעדן טאָג בין איך דאָרט פאַרבייגעגאַנגען, אַריינדרייענדיק זיך אינעם שמאָלן צירולניטשע־געסל, דורך וועלכן ס'האָט קוים געקאָנט אַדורכפאָרן אַ פור. דאָרט האָט געוווינט עווא (מיין צוקונפטיקע פרוי). איך האָב געטראַכט: ווער ווייסט, ווי לאַנג מיר וועלן זיך נישט זען. פון צייט צו צייט האָט די פראַגע געעגבערט אין מוח.

מ'האָט אונדז געפירט אין דער תּפיסה־קאַרעטקע. אויפן הויף פון „זאַמעק" האָט מען באַפוילן אויסצושטייגן. מיר זענען געווען זעקס יוגנטלעכע: צוקער, ניסענבוים, קערשענבלאַט (אַ נידעריקער, אין ברילן), צוויי מיידלעך, וואָס זענען מיר געווען באַקאַנט נאָר פון זען און איך. ס'איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. דורך אַ טונקעלן קאָרידאָר, האָט אונדז געפירט אַ וועכטער, געעפנט אַ קליינע, פינצטערע קאַמער און דערקלערט, אַז איצט איז שוין שפּעט, מאָרגן וועט מען דערליידיקן אין דער קאַנצעלאַריע אַלע פאָרמאַליטעטן און „איר וועט דאָ איבערנעכטיקן". די מיידלעך האָט מען אַוועקגעפירט אין דער פרויען־אָפּטיילונג. מ'האָט אונדז נישט געגעבן קיין שעניקעס. נישט אויסגעטאָן, אין די מאַנטלען, האָבן מיר זיך אַוועקגעלייגט אויף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע און מידע איינגעשלאָפן.

אין דער פרי, נאָכן אויסטרונקען די ביטערע תּבואה־קאַווע, ווייל דאָס שוואַרצע תּפיסה־ברויט האָבן מיר נישט געקענט אַראָפּשלינגען, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין דער קאַנצעלאַריע, פאַרשריבן אין די ביכער, אויסגעפולט פאָרמולאַרן, אָפּגעגאָלט די קעפּ, אָנגעטאָן די גראָע קליידונג און מיר זענען אויף אַ 2־וואָכיקער קאַראַנטין איבערגעגאַנגען אין דער באַרימטער, קיילעכי־

קער „באַשטע״, מיט אירע דיקע ווענט. מיט אַמאָל האָב איך זיך געפונען מיט חברים אין אַ רונדיקער, טונקעלער קאַמער מיט אַ בעטאָן-פּאָדלאָגע. אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. דער עלצטער פון דער קאַמער, מיט אַ פּנים פון אַ געבוירענעם באַנדיט, האָט אונדז דערקלערט דעם רעגולאַמין און סדר און דערביי געוואָרנט, אַז אין פאַל מיר וועלן זיך נישט אויפפירן ווי ס׳געהער צו זיין, וועט ער לאָזן אין גאַנג 2 געפלאָכטענע האַנטעכער, וועלכע האָבן אים געדינט ווי אַ שטעקן צו שלאָגן די „פאַרזינדיקטע״.

אין דער קאַראַנטין האָב איך געטראָפן אַ סך יונגעלייט פון לובלין און אומגעגנט, קרבנות פונעם צעווילדעטן טעראָר פון פּראָקוראָר באַריטשקאָ. אין געשפּרעכן מיט זיי, האָבן מיר זיך דערוווּסט, ווי ס׳זעט אויס די לאַגע אין תּפיסה. די „באַשטע״ איז באַשטאַנען פון 3 שטאָק. אויפן העכסטן שטאָק זענען געזעסן די נישט איינגעבראָכענע קאָמוניסטן, דער שטאָב פון דער תּפיסהקאָמונע. אין יאָר 1937 איז די לובלינער תּפיסה געווען אַן אָרט פון בלוטיקע רעפּרעסיעס קעגן די פּאָדערונגען און פּראָטעסטן פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע צוליבן באַגרענעצן זייערע רעכט, ווי די פּרווון זיי גלייכצושטעלן מיט די קרימינעלע פאַרברעכער, מיט טראָגן די תּפיסה-קליידונג. די דאָזיקע רעפּרעסיעס האָבן זיך געענדיקט מיטן אונטערשרייבן לאָיאַליטעט-דעקלאַראַציעס, דורך אַ טייל פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע, אָדער מיטן איבערפירן זיי אויף דער פערטער אָפּטיילונג. אויף דער אויבערשטער באַשטע זענען געבליבן די אַמיינסטן אויסגעהאַלטענע, וואָס זיי האָט גאָרנישט איינגעבראָכן, בעת די גרעסטע טייל איז געזעסן אין דער פערטער און פינפטער אָפּטיילונגען, וואָהין מ׳האָט איבערגעשיקט די כּסדר אַנקומענדיקע מענטשן, באַשולדיקטע אָדער פאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם. די אָנפירונג פון דער קאָמונע האָט געשטרעבט צוריק צו פאַרפעסטיקן זי און געווען צופרידן, וואָס נייע כּוחות האָבן געשטאַרקט די אָפּגעשוואַכטע אָרגאַניזאַציע אויף די דערמאָנטע אָפּטיילונגען.

אויפן צווייטן טאָג, זענען מיר צום ערשטן מאָל אַרויס אויפן תּפיסה־הויף אויף אַ שפּאַציר. אינמיטן פון דעם אָרט, אָפּגעטיילט מיט קוסטעס, זענען געשטאַנען בענק און ס׳האָבן שפּאַצירט עטלעכע אַרעסטאַנטן. צוויי פון זיי האָב איך דערקענט: אַקאַנאָווסקי און דוראַקעוויטש, אַ ווערקצייג אין די הענט פון פּראָקוראָר באַריטשקאָ צו פאַרבריצירן מאַסן־פּראָצעסן קעגן קאָמוניסטן אין לובלין און אומגעגנט. זיי האָבן גענומען שמייכלען צו אונדז איראָניש, אָבסער־ווירנדיק די נייע קרבנות. ס׳איז ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אַז נאָכן באַווייזן זיי פאָטאָגראַפיעס פון פאַרדעכטיקטע, האָבן זיי גלייך פעסטגעשטעלט, אַז די פּערזאָן איז זיי באַקאַנט און אויפן אָרט צוגעטראַכט „זאַכלעכע באַווייזן”: ווען און ווו זיי האָבן אים געזען, וואָס ער האָט געטאָן און ענלעכע פּלוידערייען. איז זיך נישט צו וווּנדערן, אַז נאָכן באַקומען מיין באַשולדיקונג־אַקט, האָב איך ערשט געזען, אַז פון אָנהייב ביזן סוף, איז ער געווען צונויפגעשטעלט פון אויסטראַכטענישן — ווייל פון מיין אמתדיקער טעטיקייט, איז כּמעט גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן. נאָר אויף יענעם שפּאַציר, האָב איך זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון פון דעם אופן פון פאַבריצירן באַשולדיקונגען דורך די הערן באַריטשקאָ און קמיעטשיצקי (שעף פון דער געהיים־פּאָליציי אין לובלין). נאָר אַ שלעכט געפיל האָב איך יאָ געהאַט אויפן דערמאָנטן שפּאַציר, דערזעענדיק די צוויי מוסרים און פּראָוואָקאַטאָרן. נאָך 15 מינוט אויף דער פרישער לופט, האָט מען זיך אומגעקערט אין קאַמער.

די טעג אין קאַראַנטין זענען געווען קאָשמאַרפולע. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ געזעלשאַפט פון גנבים און באַנדיטן, און דער טעראָר מיט וועלכן ס׳האָבן זיך באַנוצט דער קאַמער־עלצטער און די תּפיסה־אַדמיניסטראַציע, זענען געווען אומדערטרעגלעך. מיר האָבן אויסגעקוקט דעם מאָמענט פון אַריבערגיין אין אַ קאַמער פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. מיר האָבן געוווּסט פון דערציילונגען, אַז נאָך דער אַקציע אין תּפיסה אין פאַריקן יאָר, הערשט ווייטער טעראָר און ברוטאַלע שיקאַנעס, וואָס איז געווען נישט נאָר אַ

רעזולטאַט פון דער אַקציע, נאָר אויך אַ בפירושע אָנווייזונג פון פּראָקוראָר באַריטשקאַ צו דער תּפיסה־אַדמיניסטראַציע.

מיר האָבן געהאַט נישט איין געלעגנהייט צו דערקענען דעם אַספּיראַנט רענקאָוועק, וועמענס נאָמען די אַרעסטאַנטן האָבן אַרויסגערעדט מיט שרעק, כּעס, שׂנאה — נאָך אין דער תּקופה פון אונדזער געפינען זיך אין דער קאַראַנטין. איין מאָל, פאַרן מיטאָג, האָבן מיר דערהערט אַ באַפעל פונעם וועכטער אויף דער אָפּטיילונג: „אַכטונג!‟ אין אייניקע סעקונדן האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען. ס׳איז אַריין געקומען דער שוין דערמאָנטער אַספּיראַנט. אַלע האָבן אים דערקענט, מיר האָבן וועגן אים געוווּסט פון פריערדיקע שילדערונגען. אַ מאָגערער, מיט בלאָנד־וואָנסעס, מיטעלער וווּקס. די אויגן האָבן ביי אים געגלאָנצט מיט פאַרביסנקייט. די שמאָלע ליפּן — צונויפגעפּרעסט. ער האָט אַ געשריי געטאָן: „נו, ווער פון אייך וויל אין דער קאַמונע? ווער איז קעמפּעריש‟? קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. מיר דערהערן אַ באַפעל: „פּאַלן‟! מיר ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. רענ־קאָוועק לויפט אַרום אונדז, קאָפּעט, שלאָגט מיטן בינטל שליסלען, ווי ס׳האָט זיך געלאָזט. איך האָב באַקומען עטלעכע קאָפּע מיטן פוס, אַנדערע — מיטן שליסל איבערן קאָפּ. און דאָס אַלץ באַגלייט מיט געשרייען, זידלערייען, מיאוסע רייד און באַליידיקונגען אויפן אַדרעס פון קאָמוניזם און קאָמוניסטן.

נאָך דעם ווי דער אַספּיראַנט רענקאָוועק האָט פאַרלאָזט די קאַמער, האָט מען אונדז באַפוילן זיך אויפצושטעלן. צום ערשטן מאָל האָבן מיר דערפילט דעם טעם פונעם בעסטיאַלישן איזדע־קעווען זיך אויפן לובלינער „זאַמעק‟, פון וועלכן מיר האָבן אַזוי פיל זיך אָנגעהערט.

ענדלעך זענען פאַריבער די 2 וואָכן און מ׳האָט אונדז אַריבער־געפירט אין דער אָפּטיילונג. איך, צוקער און ניסענבוים, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן אין דער זעלבער צייט, געפינען זיך שוין אין דער 24סטער קאַמער, אויף דער 4טער אָפּטיילונג. הינטער

אונדז פֿאַרמאַכן זיך דאָפּלטע טירן. אַ געלעכטער, אַ טומל. פּרישע קרבנות זענען געקומען. די קאַמער איז געווען באַשטימט פֿאַר 12—16 אַרעסטאַנטן, נאָר דאָרט האָבן זיך געפֿינען 25-30. אויך נישט קיין סך אָרט, אָבער מערער ליכט ווי אויף דער „באַשטע". גרעסערע פֿענצטער. דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט קיין סך מענטשן פֿון דער קאַמער געקענט פּערזענלעך, צי פֿון מיין טעטי־קייט מיט זיי. אין דער קאַמער איז געזעסן מיכאַל שישקאָ, פֿון דער לינקער גרופּע פֿון טור (די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּ.פּ.ס. — פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), וועלכע האָט מיט־געאַרבעט מיט די קאָמוניסטן; שלמה שטאָקפֿיש (היינט אין חיפה), ניוניעק גורפֿינקעל. די אַנדערע האָב איך געקענט פֿונעם זען און וועגן אייניקע האָב איך געוווּסט, אַז זיי זענען קאָמוניסטן.

אין תּפֿיסה זענען דעמאָלט געווען פֿאַרשפּאַרט אויך אַזעלכע, וואָס זענען געוואָרן אַרעסטירט צוליב אידענטישע פֿאַמיליע־נעמען. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט די פּאָליציי געזוכט דאָס 20־יאָריקע ייִנגל מאָרגנשטערן, וואָס איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון לובלין — און אויף זיין אָרט האָט מען איינגעזעצט דעם עלטערן ברודער, אַ סוחר, וואָס האָט נישט געהאַט דעם קלענסטן שייכות צו דער באַוועגונג. מ'האָט געזוכט משה וויינפּעלד און איינגעזעצט דעם מינדעריאָריקן ברודער הערש. די מאַסן־אַרעסטן פֿון פּראָקוראָר באַריטשקאָ האָבן ניט געשוינט די שולדיקע און אומשולדיקע. דער עיקר — וואָס מערער פֿאַרשפּאַרן הינטער די קראַטן, פֿאַרפֿאָלגן די פֿאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם. דער מעטאָד איז געווען אַ פּשוטער: אַ פּאָטאָגראַ־פֿיע, געוויזן אַקאָנאָוסקין און דוראַקעוויטשן, ווי אויך דער באַשול־דיקונג־מאַטעריאַל (דער אמתדיקער, אָדער פֿאַבריצירטער), זענען שוין געווען מאַסגעבנד, כּדי צו באַקומען אַן אורטייל.

אויפֿן „זאַמעק" איז דעמאָלט געזעסן דער ברודער פֿון העניעק גאָלדבלאַט, פֿישל, וואָס האָט נאָך מיט יאָרן פֿריער אונטערגעשריבן אַ דעקלאַראַציע, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פֿון קאָמו־ניסטישער טעטיקייט. אויך די ברידער האָקען, צוויי יונגע בחורים, וואָס האָבן נישט אַנגעהויבן צו וויסן וואָס מיינט קאָמוניזם. דער

ברודער פון שלמה שטאָקפיש, דוד (איצט באַקאַנטער רעדאַקטאָר און זשורנאַליסט אין ישראל, לאַנגיאָריקער פּאַרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס איז געווען באַקאַנט אין לובלין מיט זיין אַקטיווער טעטיקייט ביי די לינקע פועלי־ציון), איז אַרעס־טירט געוואָרן אין יאָר 1938. מ׳האָט אויך אים ניט געשוינט. ס׳איז גענוג געווען דער בלויזער נאָמען שטאָקפיש, מ׳זאָל אים שטעלן פאַרן געריכט. נאָר די מערהייט אין דער קאַמער, איז געווען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג און אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע.

אין יענער תקופה איז אויך געווען אַרעסטירט מיין קוזינע הדסה האַלצהעקער (אומגעקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד) און דער מיט פאַרגרעסערט די צאָל אַרעסטאַנטן פון מיין משפחה. די זאָרג פון מיינע עלטערן, איז אויך געוואָרן די זאָרג פון מיין מומע האַלצ־העקער.

מ׳האָט מיר באַשטימט אַן אָרט ווו צו שלאָפן אין קאַמער. ס׳איז געוואָרן טונקל. אויף די בענק האָט מען אויסגעלייגט לייטערלעך, און אויף זיי — שעניקעס. צוליב דער ענגשאַפט, האָט מען זיך נישט געקענט לייגן אויפן רוקן, איז מען געשלאָפן אויף דער זייט. איבערדרייען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, אָן דער הסכמה פונעם שכן, איז געווען זייער שווער. נאָר מ׳האָט זיך צוגעוווינט און ווי ס׳איז נישט איבערגעקומען די נאַכט.

פאַר יעדן אַרעסטאַנט אין קאַמער, איז געווען באַשטימט אַ פונקציע. איך האָב געוואַשן די מענאַשקעס נאָכן עסן. כ׳האָב זיך אָבער געפילט שלעכט. די איבערראַשונג צוליבן אַרעסט, איז נאָך נישט פאַריבער. כ׳האָב זיך נישט געקענט מוחל זיין, אַז איין וואָרט, אַרויסגערעדט צו שבע לינדערוורם, האָט מיר צוגענומען די פריי־הייט. ווען נישט זי, וואָלט די פּאָליציי, נישט האָבנדיק קיין אַנדערע באַווייזן, מיך נישט אַרעסטירט. ס׳איז אָבער געווען אַ נישט לאָגיש דענקען, צוליב מיין איצטיקער לאַגע. גראָד אין דער צייט, ווען אונדזערע געפילן זענען געוואָרן רייף און ס׳האָבן זיך גענומען

צייכנענע פּערספּעקטיוון פּאַר אַ בשותּפותדיק צוזאַמענלעבן מיט עוואַן — האָט זיך אַלץ איבערגעריסן. איך האָב נישט געוווּסט, און נישט געקענט וויסן, ווי לאַנג וועט אויסקומען צו זיצן און צי וועט אַ לאַנגע צעשיידונג נישט גורם זיין צו פאַרלירן עוואַן. דער געדאַנק האָט דערפירט צו פינצטערע מחשבות. אָבער דער אַרעסט אין די באַדינגונגען, איז דאָך געווען אומפאַרמיידלעך. נאָר אויך אַן ארויספּאַר, אַן אַנטלויפן, האָט נישט אַלע געראַטעוועט. מ׳האָט זיי אַנטדעקט ערגעץ אַנדערש. און פאַר מיר איז עס געווען אומ־מעגלעך.

איך האָב זיך באַמיט משלים צו זיין מיטן גורל, וועלכן כ׳האָב געטיילט מיט אַלע חברים. דער טעראָר און רדיפות האָט אַרומ־גענומען אויך די יוגנט פון טור, די אַנהענגערס פון איינהייט־פראָנט און פון זייערע רייען האָבן אַ סך זיך געפינען אין תּפיסה, אין דער שכנותדיקער קאַמער 22, אויף דער פּערטער אָפּטיילונג: יוזעף קוויעטשינסקי, פעליקס באַראַנאָווסקי, טשעסלאַוו סטירניק, וולאַדיסלאַוו יאַנקאָווסקי, סטאַניסלאַוו קשיקאַלאַ און אַנדערע.

מ׳האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו דער געענדערטער לאַגע. איך האָב נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן עוואַן. מיינע עלטערן האָבן זיך באַמיט מיר צו העלפן מיט מיטאָגן פון דער פריי און אַנגעשריבן וועגן דעם אַ געהעריקע ביטע. מ׳האָט מיך אַרויס־גערופן צום דאָקטער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם אַמט פון תּפיסה־דאָקטער פאַרנעמט מיין אַלטער שול־דאָקטער פון גימנאַזיע, מאַלטשעווסקי. ער האָט זיך ניט שטאַרק געוווּנדערט, דערזעענדיק מיך אין אַזעלכע אומשטענדן. נאָך אויף דער שול־באַנק בין איך געווען אַ „פאַרברעכער״ און ער האָט אַוודאי געוווּסט וועגן דעם. פון דער בקשה צו באַקומען מיטאָגן פון דער היים — איז גאָרנישט געוואָרן. נאָר די עלטערן האָבן געמאַכט ווייטערדיקע באַמיאונגען דורך דעם תּפיסה־פעלדשער, וועלכער האָט אָפּט פאַרטראָטן דעם דאָקטער.

די ערשטע זעאונג האָב איך געהאַט מיטן פאָטער, נאָכן אָפּזיצן אַ חודש אויפן „זאַמעק״. געזען האָט מען זיך דורך צוויי דראָט־

נעצן, צווישן וועלכע ס'איז אַרומגעגאַנגען אַ וועכטער. איך האָב באַמערקט, אַז דער פאָטער האָט זיך פאַרעלטערט. ער האָט דאָך ליב געהאַט זיין איינציקן זון — און דאָ אַזאַ געשיכטע: דער בן־יחיד אין תּפיסה. ער האָט מיר דערציילט וועגן די באַמיאונגען צו באַזאָרגן פאַר מיר מיטאָגן און אַן אַדוואָקאַט. ער האָט אָפּגע־רעדט מיטן אַדוואָקאַט ד״ר מאַרעק אַלטען, אַ באַוווסטער לובלי־נער יוריסט, וועמען איך האָב פּערזענלעך געקענט.

דעם באַשולדיקונג־אַקט האָב איך דערהאַלטן נאָך אַ 2 חדשים. ס'איז שוין געווען זומער, די טעג — זייער הייסע. אין קאַמער איז שווער געווען צו אָטעמען. אין צווישנצייט האָב איך, ווי אַן אַרעסטאַנט פאַרן פּראָצעס, צוריק באַקומען מיין ציווילע קליידונג. מיר זענען אַרומגעגאַנגען אין די העמדער. אויך דאָס אָפענע פענצטער האָט נישט געהאָלפן. מיר זענען געווען אין קאַמער צו פיל מענטשן. מ'האָט זיך באַנעצט מיט קאַלט וואַסער, אויב מיר האָבן דאָס געהאַט גענוג, ווייל נישט יעדער וועכטער אויף דער אָפּטיילונג האָט געגעבן וואַסער, וויפל מיר האָבן געוואָלט.

אָנהייב יוני 1938, האָט אין אונדזער 24סטער קאַמער זיך באַוויזן דער מיר גוט באַקאַנטער משה וויינפעלד. מ'האָט אים אַרעסטירט אין וואַרשע מיט 2 חדשים פריער און אויפן פאַרלאַנג פון פּראָקוראָר באַריטשקאָ, איז וויינפעלד געבערענגט געוואָרן קיין לובלין. זיין פליכטוואָטן קאָפּ, האָב איך מיט עטלעכע טעג צוריק באַמערקט אויף די טרעפּ, וועלכע האָבן געפירט צו דער באַשטע. אין אונדזער לובלינער באַוועגונג, איז משה וויינפעלד געווען אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט. מיט זיין אַריינקום אין קאַמער, האָט די מאָראַלישע לאַגע זיך פאַרבעסערט. ס'האָט זיך געהאַנדלט אין שטילער מאַכן די מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט וועלכן ס'איז שייכות מיט דער פּאַרטיי. זיי זענען צופעליק אַריינגעפאַלן אין תּפיסה, געוואָלט דאָ געבן דעם טאָן, אָנוואַרפן זייער ווילן און האַנדלונג, וועלכע אַנטשפּרעכן נישט דער עטיק און כּבוד פון מענטשן מיט אַ קאָמוניסטישער וועלט־אַנשויאונג. געווען אַזאַ גרופּע, ווי בראָנעס, די ברידער האַקען, פישל גאָלדבלאַט און נאָך

עטלעכע, וואָס איך געדענק נישט זייערע נעמען. מיט אונדזער הילף, האָט וויינפעלד, שטופּנוויץ, געענדערט דאָס פּנים פונעם קאָלעקטיוו. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך לערנען.

אין יוני האָב איך באַקומען דעם באַשולדיקונג־אַקט, וועלכער האָט אַרומגענומען פיר פּערזאָן: איך, צוקער און צוויי מיידלער. אויסער די דערקלערונג פון שבע לינדערוורם און מיין מודה זיין זיך אין דער טעטיקייט אינעם לעגאַלן, יידישן אַקאַדעמיקער־פאַר־באַנד, האָט דער באַשולדיקונג־אַקט נישט אַנטהאַלטן קיין אמתדיק וואָרט. דאָס איבעריקע האָבן אויסגעטראַכט אָקאַנאַווסקי, דוראָ־קעוויטש און מאַקענזאַן, מיט וועמען איך האָב נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקטן. כ'בין אָבער געשטאַנען בראש פון דעם פּראָצעס און דערפאַר האָט מיר געדראָט אַ הויכער אורטייל, וואָס האָט מיך שטאַרק באַזאָרגט. איך האָב פאַרלוירן די האָפענונג וועגן אַ שנעלן פאַרלאָזן די תּפיסה — און דאָס האָט געמיינט... עוואַס אַוועקגיין. די חברים האָבן זיך באַמיט מיך צו טרייסטן. וויינפעלד האָט מיר געזאָגט, אַז אויך אים דראָט ווינציקסטנס 10 יאָר תּפיסה — און זיין מיידל געפינט זיך אויף דער פריי. ביידע האָבן מיר געהאַט זייערע בילדער אויף דער צווייטער זייט פון שפּיגעלער, וועלכע מ'האָט אונדז אַריינגעשיקט אין תּפיסה. איך האָב געהאַט אַ שיינע פּראָפיל־פאָטאָגראַפיע פון עוואַן און פון צייט־צו־צייט געוואָרפן אויף דעם אַ בליק. איך בין נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געלאָזן זיין מיידל אויף דער פריי און די בשותפותדיקע זיפצן, האָבן צוגעגעבן אַ סך מוט. נאָר די אַלע סענטימענטאַלע ענייִנים האָבן זיך געפונען ערגעצוו אויפן ראַנד פון דעם, וואָס האָט פּאַסירט אין תּפיסה.

אויף אונדזער פערטער אָפּטיילונג האָבן אָפּט דיזשורירט די וועכטער קאָזאַק און דאָמבראָווסקי. די צוויי, און באַזונדערס דאָמב־ראָווסקי, זענען געווען סאַדיסטן און „דערגאַנגען די יאָרן", ווי נאָר זיי האָבן געקענט. אַז דאָמבראָווסקין איז עפּעס־וואָס נישט געפעלן געוואָרן אין קאָמער (און תּמיד האָט מען געקענט געפינען, ווי צ.ב., אַז די צונויפגעלייגטע „קאָסטקע" פון די שעניקעס איז

נישט אַזוי גלייך, צי אַן איבערבלייב פון שטויב אויפן פינגער, מיט וועלכן מ'האָט אַ וויש געטאָן איבערן פענצטער, צי טיש) — האָט ער באַפוילן זיך אויסצושטעלן אין 2 רייען און מ'האָט געמוזט שטיין אויסגעצויגן אַ 2־3 שעה. אויב ער האָט וועמען באַמערקט, אַז ער שטייט נישט גלייך, „אויף אַכטונג", האָט ער אים אַרויס־גענומען אויפן קאָרידאָר און געשלאָגן מיט דעם גומענעם שטעקן. דאָס איז געווען אַ גאַנץ אַפּטע דערשיינונג, וועלכע האָט אונדז געמאַטערט פיזיש און מאָראַליש.

אין דער אָוביקאַציע האָט מען אונדז אַרויסגעלאָזט 2 מאָל אין טאָג. ביי דער געלעגנהייט, האָט מען אַנגענומען וואַסער אין די עמערס און זיי געבערענגט אין קאַמער. אין די הייסע טעג, ווען מיר האָבן זיך געגייטיקט אין מער וואַסער, האָט דער וועכטער קאָזאַק נישט דערלויבט צו ברענגען. צו אונדזער גליק, האָבן די וועכטערס זיך אָפט געטוישט און אַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ מער מענטשלעכער וועכטער, וואָס האָט דערמעגלעכט צו באַזאָרגן זיך מיט עטלעכע עמערס וואַסער, נישט באַשטראָפט מיט אָפּעלן און געלאָזט כאַפּן דעם אָטעם.

די לאַגע אין קאַמער האָט אויף אַזוי פיל זיך פאַרבעסערט, אַז מ'האָט שוין געמעגט זיך פאַרלאָזן אויף די אַרעסטאַנטן. ס'איז געווען אַ פאַל מיט דער קאַווע. מ'האָט זי צו אונדז געבערענגט אויפן דעק פונעם קעסל, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך זי צו טרינקען. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס געטראַנק, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ קאָלעקטיווער בונט. דער וועכטער פון דער אָפּטיילונג האָט גלייך טעלעפאָנירט צום אַספּיראַנט רענקאַ־וועק. ס'האָט זיך דערהערט אַ באַפעל „באַטשנאַשטש" ! („אַכ־טונג" !). מיר דערהערן אויפן קאָרידאָר שנעלע טריט. דער צערייצ־טער רענקאָוועק איז דורכגעגאַנגען צווישןביידע רייען און דער־לאַנגט קלעפּ אויף רעכטס און לינקס. ווייזט אויס, אַז וויינפעלדס גלאַטער קאָפּ האָט געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט, ווייל ער האָט אַמיינסטן באַקומען געשלאָגן.

— איך וועל אייך ווייזן ! איר וועט פוילן אין תפיסה. קיין

לעבעדיקע וועט איר פון דאַנען נישט אַרויסגיין — און ענלעכע עפּיטעטן מיט זידלערייען האָט ער געלאָזט הערן.

מ'האָט אָנגעהויבן אַריינלאָזן וואַסער אין קאַמער, געהייסן אַלע „פּאַלן" און „אויפשטיין" — אַ סך מאָל, ביזן פאַרלירן די כּוחות. דערנאָך האָט מען געמוזט אַלץ אויפרוימען, ברענגען אין אָרדענונג זיך און די קאַמער.

רענקאָוועק האָט טאַקע געפּייניקט, געשלאָגן, נאָר דער „מוח" פונעם „זאַמעק" איז געווען דער פּשאַדאָווניק סאָכאַצקי. אַ דורכ־געטריבענער פונקציאָנאַר, וואָס האָט אַלץ געטאָן שטילערהייט, נאָר קאָנסעקווענט. ער האָט דיספּאָנירט מיט אַ נעץ פון אינפאָר־מאַטאָרן און באַמיט זיך צו דערגיין, וואָס קומט פאָר אין די קאַמערן. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אונדז איז עס געווען פאַר אים שווער, כּדי זיך פון עפּעס צו דערוויסן, ווייל צווישן פּאָליטישע אַרעסטירטע, זענען געווען זעלטענע פאַלן, הגם ס'האָט טיילמאָל פּאַסירט אויך אַזעלכעס. בפּרט, אַז צווישן זיי האָבן זיך געפינען צופעליקע מענטשן מיט אַ צווייפלהאַפטער מאָראַל. סאָכאַצקי האָט איבערגעפירט געוויסע אַרעסטאַנטן פון קאַמער צו קאַמער, צו־נויפגעמישט, ווידער צעטיילט, כּדי אַריינצופירן אַ דעזאָרגאַניזאַציע אין אונדזערע רייען.

ס'איז פאַריבער דער ערשטער זומער אין טורמע. איך האָב געהאַט דעם ערשטן צוזאַמענטרעף מיט מיין פאַרטיידיקער, אַד־וואָקאַט אַלטען. ער האָט געזאָגט, אַז מיין ענין איז נישט אַזאַ גוטער, ווייל איך געפין זיך בראש פון די באַשולדיקטע, וואָס דראָט תּמיד מיט אַ גרעסערן אורטייל. ער האָט מיר פאָרגעלייגט זיך מודה צו זיין, מיט וועלכן איך האָב נישט מסכּים געווען. די באַשול־דיקונג האָט זיך געשטיצט אויף מאַטעריאַלן, ביז דער העלפט פון יאָר 1936, ווייל אַלע עדות פון דער באַשולדיקונג זענען דערנאָך געוואָרן אַרעסטירט — און דאָס קאָן דינען דער פאַרטיידיקונג ווי אַן אַרגומענט פון איבעררייסן פון יענער צייט די טעטיקייט. וואָס שייך דער פריערדיקער תּקופה, האָבן אַלע פּראָצעסן, אָנהייבנדיק פונעם „פּראָצעס פון די 40" (און דאָס איז, אייגנטלעך, זיין

המשך), געברענגט מיט זיך תּפיסה־אורטיילן. פאַרשטייט זיך, אַז אַ גרויסע ראָל האָט געשפּילט דער ריכטער־קאָמפּלעט. ס'זענען געווען ריכטער ליבעראַלע און ריכטער־פאַשיסטן, וואָס האָבן אַרויס־געטראָגן האַרבע אורטיילן. נאָר דאָס איז שוין געווען אַ מזל־זאַך.

סוף זומער האָב איך געהאַט אַ זעאונג מיט עוואַן. ס'איז זיך שווער פאַרצושטעלן, וואָס באַטייט פאַר אַן אַרעסטאַנט אַ זעאונג מיט אַ נאָענטן מענטש, וואָס קומט פון דער פריי. ווען דער וועכטער האָט אויסגערופן מיין נאָמען מיטן צוגאָב „נאַ ווידזעניע" („אויף אַ זעאונג"), האָט מיך באַהערשט אַ געפיל פון אומווילן, באַזאַמען מיט אַן איבערראַשונג. מ'האָט מיך ווידער אַרויסגענומען פון דער גלייכגעוויכט, נאָר אַן אויפטרייסלונג אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן, צו וועלכן מ'האָט זיך צוגעוווינט און מע וויל נישט צעשטערן. אין טורמע ווערט דער מענטש עמפּינדלעך, מיט שאַרפע, פּסיכישע רע־אַקציעס פון טרייב־כּוחות, וואָס אויף דער פריי האָבן זיי נישט קיין באַדייטונג. טריט אויפן קאָרידאָר, דער קלאַנג פון שליסלען, יעטוועדע עפענען די טיר, רופט אַרויס אומרו, מורא, אַז עפּעס וועט געשען, אפשר ערגער ווי ס'איז איצט. קאָן זיין, אַז מ'וועט דיך איבערפירן אין אַן אַנדערער קאַמער — און דאָ איז שוין דער אַרעסטאַנט צוגעוווינט. איך האָב נישט געוווּסט, אַז עוואַ וועט קומען, הגם די עלטערן האָבן מיר אָנגעזאָגט, אַז אויף איינער פון די נאָענטסטע זעאונגען וועט זי קומען. איך בין צוגעגאַנגען צו דער דראָט־נעץ. מיך האָט פאַרשפּאַרט פון געררירטקייט. כ'האָב נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט...

עוואַ איז געווען אָפּגעברענט פון דער זומערדיקער זון, שיין פאַרקעמט, מיט לאָקן אַרום דעם קאָפּ, אין אַ העל־בלוי זיידן קלייד. איך האָב אָנגעהויבן ריידן, ווי נישט צו דער זאַך. מיין פאַרלאַנג איז געווען, אַז די זעאונג זאָל זיך ענדיקן וואָס שנעלער, כ'זאָל זיך מער נישט מאַטערן. זי האָט מיך געטרייסט, אַז נאָך היי־יאָר וועט זיין דער פּראָצעס און ס'איז דאָ אַ האָפענונג. זי האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איך מעג אינגאַנצן רעכענען אויף איר. די צייט איז געלאָפן, איצט האָב איך געוואָלט, אַז ס'זאָל דויערן לענגער,

געגוג זיך אָנקוקן. ליידער — ס׳הערט זיך אַ באַפעל: „אַ סוף צו דער זעאונג״!

אין קאַמער האָב איך אַ לענגערע צייט נישט געקאָנט זיך באַרואיקן, נישט געוווּסט וואָס מיט מיר קומט פאָר. געגומען מיט עפּעס זיך באַשעפטיקן, כּדי זיך איינצושטילן.

איך האָב אין קאַמער געגעבן לעקציעס, געלערנט די חברים פּויליש און געאָגראַפיע. אַנשטאָט פּאַפּיר, וואָס איז געווען פאַר־באָטן צו האַלטן ביי זיך, ווייל מ׳האָט אויף דעם געקענט איבערשיקן „גריפּסן״ (קאָנספּיראַטיווע תּפיסה־בריוו), האָבן מיר באַקומען קליינע טאָוולען מיט קרייד. שטופנווייז האָט מען איינגעפירט לעק־ציעס וועגן מאַרקסיזם, פּאָליטישע עקאָנאָמיע. באַגדאַנאָוו און אַראַגאָן (וועגן אימפּעריאַליזם) זענען מיר געווען גוט באַקאַנט. איך האָב פיל מאָל שטודירט די ביכער און מיט זיי זיך באַשעפ־טיקט, אַז כ׳האָב זיך געקענט דערלויבן צו געבן די לעקציעס פון זכּרון. אויסער דעם, האָב איך אַ סך געלייענט אין טורמע. דער עיקר — די שיינע ליטעראַטור. געלייענט אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט באַקומען פון דער תּפיסה־ביבליאָטעק: באַלזאַק, הוגאָ, ראָמען ראָלאַן, גאַלסוואָרטי, לאָנדאָן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער ביבליאָטעק האָט מען מיט געענדערטע טאָוולען אַריינ־געשמוגלט דאָס בוך פון דזשעק לאָנדאָן „דער אייזערנער פּוסטריט״, וואָס איז אין פּוילן געווען פאַרבאָטן. און פון דער מאַרקסיסטי־שער ליטעראַטור — לענינס „מלוכה און רעוואָלוציע״, וואָס האָט ביי אונדז אַרויסגערופן גרויס פרייד, נאָך דעם ווי מיר האָבן עס אַריינבאַקומען אין תּפיסה אויף אַן ענלעכן אופן. ענדלעך וועלן מיר האָבן אַ כרעסטאָמאַטיע, פון וועלכער די חברים וועלן עפּעס לערנען. מיר האָבן פלייסיק גענומען שטודירן קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל.

איך האָב געהאַט אין דער היים דאָס בוך פון פּראָפ׳ נאָוואַ־קאָווסקי „געאָגראַפיע ווי אַ לערע״, איינגעקויפט פאַר אַ פאַר־העלטנישמעסיק גרויסער סומע פון 40 זלאָטיס, אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „טשאַסקאַ, עווערט און מיכאַלסקי״, אין די ראַמען פון

דעם ציקל „אַלגעמיינע געאָגראַפיע". פּראָפ' נאָוואָקאָווסקי איז געווען אַ מאַרקסיסט. איך האָב אָנגעשריבן צו די עלטערן, זיי זאָלן מיר צושיקן דאָס בוך אין תּפיסה — און איך האָב עס באַקו־מען. די אַדמיניסטראַציע האָט זיך נישט אָריענטירט, אַז מיר האָבן ערשטקלאַסיקן מאַטעריאַל צו שטודירן מאַרקסיזם. צו די לעקציעס זענען צוגעשטאַנען אַלע, אויך די, וואָס נאָכן אַריינקומען אין תּפיסה, האָבן זיי זיך אָפּגעגרענעצט פונעם קאָמוניזם.

אויסער די דערמאָנטע באַשעפטיקונגען, האָבן מיר איינגע־אָרדנט אין קאָמער שפּאַצירן. ממש שפּאַצירן, ווייל מ'האָט דאָך אויך געמוזט זיין אין באַוועגונג. שפּאַצירן פון 3 אָדער 4, פון דער פענצטער־וואַנט ביז דער קראַטן־טיר, מיט פעסטע טריט, די הענט פאַרלייגט אונטן, כּדי זיך קעגנזייטיק ניט שטערן. דער טאָג איז געוואָרן אויסגעפולט מיט לערנען, שפּילערייען, דיסקוסיעס, שפּאַצירן, לייענען. מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו דעם אופן פון לעבן, משלים געווען מיט דער אויפגעצוווּנגענער לאַגע.

דער פּראָצעס

דער האַרבסט איז פאַריבער. מיין פאַרטיידיקער האָט מיר צו וויסן געגעבן וועגן טערמין פון פּראָצעס — דעם 19טן דעצעמ־בער 1938. דער ריכטער־קאָמפּלעט, נישט צום ערגסטן, אונטערן פאָרזיץ פון ריכטער יעשאַנאָווסקי, באַקאַנט פון זיינע ליבעראַלע אַנשויאונגען און מילדערע אורטיילן.

איך געדענק נישט גענוי, ווען כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל זייט דעם אַרעסט פאַרלאָזט די תּפיסה־מויערן. איך האָב באַדאַרפט אַרויסטרעטן אַלס עדות אויפן פּראָצעס קעגן וויטאָלד ווודעל און אַזוי ווי די תּפיסה־קאַרעטקע איז געווען פאַרנומען ערגעץ אַנדערש, האָט מען אונדז געפירט צופוס, געשמידט אין קייטן, אונטער אַ וואַך. פונעם זאַמעק ביזן געריכט־זאַל, איז געווען אַ לאַנגער וועג, וועל־כער האָט געפירט דורך דער הויפּט־גאַס — קראָקעווער פאָר־שטאָט. מיינע עלטערן און עווא האָבן געוווּסט וועגן דעם און איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט זיי אַלע צו זען אין גאַס.

עווא, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן קאָסטיום, איז געגאַנגען אויפן טראָטואַר. איך האָב אָפּט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, כּדי זי צו זען. נאָך דער געשעעניש, האָבן מיר זיך ערשט געזען אויף מיין פּראָ־צעס. מיט עטלעכע טעג פריער, האָט אַדוו׳ אַלטען מיר געמאָלדן, אַז פאָרזיצער פון געריכט וועט זיין נישט יעשאַנאָווסקי, נאָר טשער־ניאַק, אַ באַקאַנטער אין שטאָט פאַשיסט, אַן אָפּענער שונא פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון די קאָמוניסטן, וואָס האָט געהאַט אַ סאַטיספאַקציע אַרויסצוטראָגן גרויסע אורטיילן. איצט האָט מיין גורל באַדאַרפט זיין אַן אַנדערער. מיר פיר (איך, צוקער און די צוויי מיידלעך) זענען געפאָרן אין געריכט, אין אַ זייער שלעכטער שטימונג.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן צו דער צייט, מיטן איבער־לייענען דעם באַשולדיקונג־אַקט. קיינער פון אונדז האָט זיך ניט

מודה געווען אין די באַשולדיקונגען. דערנאָך האָבן עדות געזאָגט: אָקאָנאָווסקי, דוראַקעוויטש, מאַקענזאָן און שבע לינדערוורם. די עדות האָבן נישט נאָר איבערגעחזרט אַלץ וואָס איז געווען פאַר־שריבן אינעם באַשולדיקונג־אַקט, נאָר צוגעגעבן נאָך פּרטים און זיי באַפאַרבט. אָבער אַלץ צוזאַמען זענען געווען שקרים, אויסער שבע לינדערוורמס דערקלערונג, אַז אין יאָר 1936 האָב איך באַדינט אַ קעמערל פון ק.ז.מ.פ. („קאָמוניסטיטשני זוויאָנזעק מלאָ־דזשעזשי פּאָלסקעי" — „קאָמוניסטישער פאַרבאַנד פון דער פּוי־לישער יוגנט"). דאָס וואָס איך האָב פאַקטיש געטאָן אין דער באַוועגונג אין די יאָרן 1932—1936, האָט קיינער פון זיי נישט געקענט עפּעס זאָגן, ווייל זיי האָבן זיך מיט מיר ניט געטראָפן און נישט געהאַט דעם קלענסטן באַגריף פון מיין טעטיקייט. נאָך די עדות־דערקלערונגען פון די פיר און דער קורצער רעפּעראַט פונעם שעף פון דער דעפענסיווע (געהיים־פּאָליציי) קמיעטשיצקי — זע־נען געווען געענדיקט פאַרן געריכט.

די עלטערן זענען געזעסן אין זאַל, אויך עווא. נאָך אַ קורצן איבעררייס פון די געריכט־פאַרהאַנדלונגען, האָט מען איבערגע־לייענט דעם אורטייל: איך בין פאַרמשפּט געוואָרן אויף 6 יאָר תּפיסה, צוקער — 4 יאָר, די צוויי מיידלעך — צו 2 יאָר.

„6 יאָר, אַזוי פיל"! — האָט מיר געעקבערט אין מוח. כ'בין געווען בלאַס ווי די וואַנט, אויף וואָס מיר האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט די חברים, ווען מיר זענען אַריין אין דער קאַרעטקע, וועלכע האָט אונדז באַדאַרפט צוריק אָפּפירן אויפן „זאַמעק". וואָס אַן אמת, האָב איך נישט געגלויבט, אַז מיר וועט אויסקומען אַזוי לאַנג צו זיצן, נאָך דער אורטייל איז אורטייל. ווער ווייסט, צי ס'וועט זיין אַ ענדערונג, אפשר אַן אַמנעסטיע. אַזוי האָט מען מיך געט־רייסט אין דער קאַמער. די איינציקע האָפענונג איז איצט — די אַפּעלאַציע.

די ערשטע טעג נאָכן אורטייל, זענען געווען פאַרצווייפלטע. מ'האָט פאַר יעדן פרייז באַדאַרפט אַרויסגיין פון אַזאַ צושטאַנד — און דווקא זיך האַרטעווען מיטן געדאַנק וועגן דער צוקונפט. איך

האָב זיך מערער איבערגעגעבן די באַשעפטיקונגען אין קאַמער, דער לערע און זיך באַמיט אומצוקערן צום נאָרמאַלן צושטאַנד פון אַ מענטש, וואָס מוז אין די באַדינגונגען צורו לאָזן די אַלע קאָמפּלעקסן און פילבאַרקייט. נאָר דאָס האָט נישט געהאָלפן. דאַקעגן די הילף פון די חברים, די וואַרעמקייט וועלכע זיי האָבן מיר אַרויסגעוויזן — זענען שטאַרק צונוץ געקומען. איבעריקנס, ס'האָט זיך נישט געהאַנדלט נאָר אין מיר. ענלעכע צייטן, אין גרעסערן צי אין קלענערן פאַרנעם, האָבן אַדורכגעמאַכט אַנדערע חברים און אויך געגאַסן פון קעגנזייטיקער, מאָראַלישער הילף. דער גייסט פון אונדזער קאָלעקטיוו, זיין וועלט-אַנשויאונג האָבן געהאַט אַ גינסטיקע השפּעה אויף אַלעמען.

נאָכן פּראָצעס, האָט דער אַדוואָקאַט אָנגעזאָגט אַן אַפּעלאַציע. די עלטערן האָבן באַשלאָסן צו שטעלן נאָר אַן אַדוואָקאַט. איצט האָט מען באַדאַרפט געדולדיק וואַרטן ביז דער אַפּעלאַציע. די באַדינגונגען אין דער תּפיסה-קאַמער, וואָס שייך עסן, זענען געווען אויסגעהאַלטן, ווייל אַ באַדייטנדיקע צאָל אַרעסטירטע, צווישן זיי — אויך איך, האָבן מיט דער דערלויבעניש פונעם תּפיסה-דאָקטער באַקומען פון דער היים מיטאָגן (כּל-זמן דער געריכט-אורטייל איז נישט געווען קיין ענטגילטיקער) און אַ דאַנק דעם האָבן אַלע אין דער קאַמער געגאַסן פון אַ צוגאָבלעכער באַשפּייזונג.

ווינטער האָט מען צונויפגעמישט צוויי קאַמערן — די 24סטע און 22סטע, אין איין גרעסערער קאַמער, דוכט זיך — נומער 19, ווי מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אַן אַנדערער גרופּע אַרעסטאַנטן פון לובלין און אומגעגנט — יידן און פּאָלאַקן. איצט זענען מיר געווען צוזאַמען אַ 50 אַרעסטאַנטן, וואָס האָט ניט איינמאָל גע-שאַפן אַן אומדערטרעגלעכע לאַגע.

דאָ האָב איך באַקענט נייע מענטשן, אויך פּויערים פון לובלי-נער קאַנט, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. מיר האָבן אַ סך געשמועסט וועגן דער גרויסער כוואַליע אַרעסטן אין די לעצטע יאָרן און תּמיד איז געקומען אויפן געדאַנק דאָס געהיימניספולע געשטאַלט, וועמען מ'האָט פאַרדעכטיקט אין

פראָוואָקאַטאָרישע מעשׂים — „מיכאַל", אַ יונגער קרייז־טוער („אָקרענגאָוויעץ") פון ראַיאָן־קאָמיטעט. מיט אים האָב איך נישט איינמאָל זיך געטראָפן. וועגן אים האָט מיר דערציילט פיינזילבער, נאָך מיין אַרעסט. איצט, נאָך אַ קאָנפראָנטאַציע מיט אַנדערע חברים איז געוואָרן קלאָר, אַז טאַקע דער דאָזיקער „מיכאַל" איז געווען דער הויפּט־כּוח, וואָס האָט דערפירט צו די אַלע אַרעסטן.

דאָס זיצן אין אַ תּפיסה־קאַמער מיט נאָך פופציק אַרעסטאַנטן, האָט זיך געענדיקט נאָך עטלעכע וואָכן. דער תּפיסה־אויפזעער סאָבאַצקי איז געווען וואַכזאַם און באַשלאָסן, אַז מ'דאַרף אונדז ווידער פונאַנדערטיילן. פּאָר אַ סך חברים איז דער געריכט־אורטייל אַריין אין קראַפט און די וואָס האָבן באַקומען מער ווי 3 יאָר תּפיסה, האָט מען אַרויסגעפירט אין די שטראָף־תּפיסה׳ס ראַוויטש, טאַרנע און אַנדערע. אָט געפין איך זיך ווידער אין אַ קלענערער קאַמער, דוכט זיך — די 24סטע. דער וואָס האָט נישט איבערגעטרעטן די שוועל פון אַ תּפיסה, איז שווער צו פאַרשטיין, וואָס מיינט פאַר אַן אַרעסטאַנט דאָס איבערוואַרפן פון איין אָרט צום צווייטן, פון איין קאַמער אין דער אַנדערער. אַ נייע אויפרודערונג, צי אויפרעגונג, אָדער דאָס געזעגענען זיך מיט חברים, מיט וועלכע עס בינדן דיך אַ סך פעדים — און מיט אַמאָל אַ נייע אַטמאָספער, אַנדערע מענטשן, און די מחשבה: צי וועט נישט זיין ערגער? ווייל אַן אַרעסטאַנט געוווינט זיך צו צום טאָג־טעגלעכן און ער וויל שוין נישט מ'זאָל אים שטערן אָדער ענדערן.

דער מעטאָד פון אָפטע ענדערונגען, מיטן איבערוואַרפן פון איין קאַמער אין דער צווייטער און „איבערמישן" די מענטשן, איז אַ גלענצנדיק מיטל אַרויסצושטויסן דעם אַרעסטאַנט פון זיין פּסיכישער גלייכגעוויכט, וועלכע איז דערגרייכט געוואָרן מיט גרויס שוועריקייטן. אָבער דער תּפיסה־אַדמיניסטראַציע דינט דאָס ווי אַ קאַמפּס־מיטל קעגן די פּאָליטישע אַרעסטירטע. נאָר דעם אמת געזאָגט, האָט עס קיין סך נישט געהאָלפן. ווייל באַלד נאָך אַזאַ איבערפירונג, האָבן זיך אָרגאַניזירט און איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט די שכנים דורך קלעפּ אין דער וואַנט, צי מיט איבערלאָזן

„גריפסן" אין דעם בשותפותדיקן קלאָזעט, אָדער אַריינוואַרפן זיי דורכן פענצטער בעתן שפּאַציר. מ'האָט אויך אויסגענוצט די זעאונ־גען און געזוכט אַנדערע וועגן און מיטלען, כּדי אָנצוגיין מיט דער טעטיקייט פון דער קאָמונע (ווי מ'האָט באַצייכנט דעם גאַנצן קאָלעקטיוו פּאָליטישע אַרעסטירטע).

אָבער אויך די תּפיסה־אַדמיניסטראַציע האָט נישט רעזיגנירט און זיך באַנוצט מיט פּראָוואָקאַציעס און מסירות, באַזונדערס מיט די ניי־געקומענע אַרעסטאַנטן, ווען זיי האָבן פאַרגעלייגט צו־זאַמענאַרבעטן און געניסן פון פאַרלייכטערונגען. נאָכן פונאַנדער־טיילן די 19טע קאַמער, האָב איך איבערגעלעבט אַזאַ פאַל: אַ געוויסן טאָג עפנט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך אַ נייער „פּאַציענט" — אַ יונגער בחור מיט רויטע באַקן און שמאָלע, אומרואיקע אויגן. ער האָט געהייסן גאָלדבערג און פאַרן געריכט איז ער געשטאַנען פון דער פריי, נאָר פאַרמשפּט געוואָרן אויף 4 יאָר. ער האָט נישט גערעדט קיין סך, מיט קיינעמען ניט איינ־געשטעלט קיין פאַרבינדונג. אין דער קאַמער איז דאָך געפירט געוואָרן אַ געוויסע טעטיקייט. מ'האָט זיך אַליין געלערנט און געגעבן לעקציעס אַנדערע. מיר האָבן איינגעאָרדנט שמועסן און דיסקו־סיעס אויף פּאָליטישע און סאָציאַלע טעמעס.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, האָט זיך פּלוצום באַוויזן סאַ־כאַצקי און איינציקע פון אונדז באַפוילן צונויפנעמען די זאַכן. מ'האָט אונדז אָפּגעפירט אויף דער „באַשטע", ווו ס'האָט געהערשט אַ גרויסע ענגשאַפט און די באַדינגונגען זענען געווען פיל ערגערע ווי אין דער קאַמער אויף דער אָפּטיילונג. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן אַ וואָסער אַרבעט עס רעדט זיך, ווייל ביז איצט האָט מען בעת די אָפּטע זוכונגען אין קאַמער נישט געפונען פאַרדעכטיקטס. בדרך כּלל, האָט געהערשט רו. מיר האָבן גע־פאָדערט צוריק איבערפירן פון דער באַשטע אין דער קאַמער — און די קאָמונע האָט דאָס אויסגעפועלט. מיט אונדז איז אַפילו מיטגעגאַנגען עזריאל האַכבוים, באַקאַנטער קאָמוניסטישער טוער אין לובלין, וואָס האָט געשטאַמט פון קראַסניסטאַוו. ער איז געווען

קראַנק און די באַדינגונגען אויף דער „באַשטע״ האָבן נאָר פאַרער־גערט זיין געזונט־צושטאַנד. ס׳איז אָבער געווען קלאָר, אַז ווער פון אונדזער קאַמער האָט איבערגעגעבן דער תּפיסה־מאַכט וועגן דער פּאָליטישער טעטיקייט וואָס פירט זיך און אויף דעם סמך האָט מען אַ טייל פון די אַרעסטאַנטן איבערגעשיקט אויף דער באַשטע. אַזוי ווי נאָך עטלעכע וואָכן איז פאָרגעקומען די אַפּעלאַציע פון גאָלדבערגן און מ׳האָט אים פאַרקלענערט די שטראָף אויף אַ העלפט — נאָר 2 יאָר, און די איבערגעבליבענע עטלעכע חדשים זענען געוואָרן פאַרהאַנגען — איז ער צומאָרגנס אַרויס אויף דער פריי. איצט איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס האָט ער, גאָלדבערג, אויסגעזאָגט סודות פון אונדזער קאַמער.

צום גליק, זענען אַזעלכע פאַלן געווען זייער זעלטן.

די אַפּעלאַציע

איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער אַפּעלאַציע, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן אין חודש מאַי, 1939. איך האָב נישט געהאַט קיין אילוזיעס, אַז מ׳וועט מיך באַפרייען, נאָר געהאָפט, אַז מ׳וועט אַראָפּנעמען עטלעכע יאָר פונעם אורטייל אין דער ערשטער אינסטאַנץ. איך האָב זיך געוואַנדן צום געריכט מיט אַ ביטע, מ׳זאָל מיר דערלויבן בייצוזיין די אַפּעלאַציע־פאַרהאַנדלונגען. דאָס זעלבע האָבן געטאָן מיינע חברים פונעם פּראָצעס.

ענדלעך האָט מען זיך דערוואַרט דעם טאָג. מיר האָבן באַדאַרפט פאַרטיידיקן צוויי אַדוואָקאַטן. אויסער דעם באַקאַנטן לובלינער אַדוואָקאַט ד״ר מאַרעק אַלטען, איז אויך אַנגאַזשירט געוואָרן דער באַוווסטער מנהיג פון „בונד״, אַדוואָקאַט הענריק ערליך. מיינע עלטערן, מיט זייערע שטענדיקע דאגות פרנסה, זענען נישט געווען מסוגל צו באַזאָרגן מיך מיט אַזאַ פאַרטיידיקונג. געהאָלפן דערצו האָבן חברים אין פּאַריז. העניעק פרידלענדער האָט דאָרט אָרגאַניזירט אַ געלט־זאַמלונג און איבערגעשיקט די סומע צו עוואַן קיין לובלין.

די געריכט־פאַרהאַנדלונג איז געווען אַ קורצע. מ׳האָט דורכגעלייענט די מאָטיוון פון ערשטן אורטייל, די פאַרטיידיקערס האָבן געזאָגט וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק — און מ׳האָט מיר אַראָפּגענומען אַ העלפט פון פריערדיקן אורטייל: אַנטשטאָט 6 יאָר — נאָר 3 יאָר. אויך מיינע עלטערן און עוואַ האָבן בייגעוווינט די אַפּעלאַציע. ס׳איז געווען אַ שיינער טאָג פון חודש מאַי. פון געריכט האָט מען אונדז צופוס צוריק געפירט אין תּפיסה דורך די קראָקעווער פאָרשטאָט, גראָדזקע — ביזן „זאַמעק״. אוודאי איז מיר דעמאָלט געווען אַ סך גרינגער, דאָך זענען געבליבן אַ 2 יאָר צו זיין פאַרשפּאַרט אין תּפיסה. אָבער — נאָך אַלץ ווייט פון אַ 6־יאָריקן אורטייל. פאַר די חברים אין קאַמער, איז דער אורטייל

נישט געווען קיין איבערראַשונג. זיי האָבן געגלויבט, אַז מ'וועט אַראָפּנעמען אַ העלפּט — סיי צוליב דעם עלטער מיינעם און צוליבן מאַנגל אין ממשותדיקע באַווייזן בנוגע מיין קאָמוניסטישער טעטיקייט פון האַרבסט 1936, אויף וועלכע די פּאַרטיידיקונג האָט זיך געשטיצט.

נאָך אַ 6 וואָכן, האָט מען ווידער צעטיילט די קאַמערן און אָט געפינען איך זיך אין דער גרויסער 19טער קאַמער, נאָר אין אַן אַנדערן צוזאַמענשטעל. בעת די ערשטע תקופה, אין וועלכער כ'בין דאָרט געווען, האָט אַרומגענומען אַרעסטאַנטן פאַר זייער פּראָצעס, און אויך די פון דער 22סטער און 24סטער קאַמערן, וועמענס אורטיילן זענען נאָך נישט אַריין אין קראַפט — זענען איצט אַלע שוין געווען נאָך דער אַפּעלאַציע און מיט גילטיקע אורטיילן. אָנהייב זומער, האָט מען די וואָס האָבן באַקומען איבער 3 יאָר און זייערע אורטיילן זענען אַריין אין קראַפט, אַוועקגעפירט קיין ראַוויטש און טאַרנע: יאַנקאָווסקי, גורפינקעל, שיפּמאַן, ווודעל, קוויעטשינסקי, באַראַנאָווסקי און אַנדערע.

זומער 1939, האָבן פון דער גרופּע אַרעסטאַנטן אין דער 19טער קאַמער, געפעלט די חברים פון טור, אויסער קשיקאַלאַן. וויינפעלד האָט זיך געפינען אויף דער „באַשטע" און זיין ברודער הערש איז נאָכן פּראָצעס געוואָרן באַפרייט. אין יענער צייט, זענען אויפן לובלינער „זאַמעק" געזעסן פיל פּויערים פון לובלינער געגנט, מיט נישט קיין הויכע אורטיילן, ווייל פאַר יעדער קלייניקייט האָט די פּאָליציי, באַזונדערס אין לובאַרטאָווער קאַנט, געשלאָגן און פאַרפירט פּראָצעסן קעגן פאַרדעכטיקטע איינוווינערס אין די דערפער — און די געריכטן האָבן אַרויסגעטראָגן אורטיילן, הגם נישט קיין גרויסע, ווייל ווי אַזוי האָבן זיי געקענט בטל מאַכן די באַשולדיקונגען פון דער פּאָליציי? ס'איז דאָך געגאַנגען אין אָנשרעקן און טעראָריזירן די באַפעלקערונג פון די דערפער.

איך האָב שוין געשריבן וועגן די שוועריקייטן און ממש קאָשמאַרפולן לעבן אין אַזאַ גרויסער קאַמער. אַלע תּפיסה־אומ־באַקוועמלעכקייטן ווערן פיל שטאַרקער אויף אַזאַ אָרט און ביי

אַזעלכע באַדינגונגען. די וואָס זייער אורטייל איז שוין אַריין אין קראַפט, האָט מען ביי זיי צוגענומען די רעכט צו באַקומען מיטאָגן פון דרויסן און מ'האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט די 400 גראַם ברויט און מיט דער וואַסערדיקער זופּ פונעם תפיסה־קעסל, כּמעט אָן אַ קאַרטאָפל. די פּעקלעך וועלכע מ'האָט באַקומען פון דרויסן, זענען נישט געווען גענוג — סיי צוליב דער באַגרענעצטער וואָג, סיי צוליב דעם, וואָס נישט אַלע האָבן זיי באַקומען. אָבער דאָס וואָס מ'האָט אַריינגעשיקט, איז געוואָרן פאַרטיילט צווישן אַלע.

די היצן אין זומער 1939, האָבן באַשווערט אונדזער לעבן. אויך די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע אין יענער תקופה, האָט פאַרויסגעזען בייזע אַנטוויקלונגען. די באַציאונגען צווישן פּוילן און דייטשלאַנד האָבן זיך כּסדר פאַרערגערט. אין די סאַנאַציע־צייטונגען, וועלכע מיר האָבן באַקומען, האָט מען געלייענט אַרטיקלען וועלכע האָבן באַרואיקט און אויך דערציילט וועגן דעם כּוח, אייניקייט און גרייטקייט פון פּוילישן פאָלק — רייד, וועלכע זאָגן אָן אַ מיליטערישן קאָנפליקט. נאָר הינטער די תפיסה־מויערן, האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געפילט די אָנקומענדיקע געפאַר פון אַ וועלט־מלחמה, מיט אירע טראַגישע פאָלגן פאַר פעלקער און לענדער, און גאָר באַזונדערס — פאַר אונדזער פאָלק. די פּוילישע רעגירונג האָט דאָך דעמאָלט געבויט אויף איר בונד מיט היטלער־דייטשלאַנד. די הערשער אין וואַרשע האָבן זיך אַוודאי ניט פאַרגעשטעלט, אַז היטלער, ווען לויט זיינע פּלענער, זיך באַגיין אָן אַזאַ פּאַרטנער ווי פּוילן, וועלכע איז געווען גרייט אים צו העלפן אין זיין מאַרש אויף מזרח.

פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער שטעלונג איז געווען אַ קלאָרע. יעדער אַנטי־פּוילישן אַרויסטריט פון דעם דייטשישן שכן, האָבן מיר פאַראורטיילט. די געפאַר פון דער פאַשיסטישער אַגרעסיע האָט באַדראָט אַלע פעלקער, נישט נאָר פּוילן. מיר זענען געווען גענוג וואַכזאַם לגבי דער פראַגע. אין פאַל פון אַ באַוואָפנטן קאָנ־פליקט, זענען מיר אַלע געווען איינגעשטעלט צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. נאָר פאַר דער דעמאָלטדיקער סאַנאַציע־רעגירונג, זענען

מיר, די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, געווען ערגער פון די דייטשישע פאַשיסטן.

ווי דער שטייגער אין אַזאַ שפּאַנענדיקער תקופה, האָט מען גערעדט וועגן אַן אַמנעסטיע. צוליב די אָפענע דראָאונגען פון היטלערן אויפן אַדרעס פון פוילן, האָבן מיר געהאַלטן, אַז קאָמוניסטן דאַרפן זיין די ערשטע צו ווערן אַמנעסטירט און אַריינטרעטן אין דער אַרמיי. דערנאָך האָט מען געשמועסט, אַז די אַמנעסטיע וועט זיין אַ באַגרענעצטע, נאָר לגבי די קרימינעלע פאַרברעכער. מיר האָבן דעמאָלט געלעבט מיט פאַרשידענע קלאַנגען, וועלכע האָבן קורסירט אויף דער טעמע. ס'איז אַוועק דער חודש יולי, נאָר די היצן האָבן נישט אויפגעהערט. מיר האָבן זיך געשטיקט אין דער גרויסער קאַמער. וועלכע האָט געמעגט אַריין נעמען נאָר אַ 25—30 אַרעסטאַנטן, בעת מיר זענען דאָרט געווען 60.

אין יענער צייט האָט מען אין לובלינער „זאַמעק" געברענגט אַ גרופּע קאָמוניסטן פון קרעמעניץ, מערב אוקראַינע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפינען אוקראַינער, פּאָלאַקן, יידן. מיר האָבן זיי געזען דורך די פענצטער בעתן שפּאַציר. זיי האָבן אימפּאָנירט מיט זייער אויסזען: פעסט געבויטע, הויכע און אויף די פנימער — פאַרביסנקייט און אַנטשלאָסנקייט. זיי האָבן שפּאַצירט מיט אַ פעסטן טריט. אַ באַזונדערן איינדרוק האָט געמאַכט איינער פון זיי — אַ הויכוווקסיקער, מיט אַ בערדל אַלאַ לענין און אויסגעזען ווי אַ באַדייטנדיקער טוער. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער הייסט נאָוואַק און האָט אַדורכגעמאַכט אַלע פּיין און יסורים, וועלכע מ'האָט אָנגעווענדט אין די תפיסות אין לוצק, ראָוונע און אַנדערע ערטער, וואָס האָבן געשמט מיט זייער ברוטאַלער באַהאַנדלונג פון די אַרעסטאַנטן.

מיט 2 וואָכן שפּעטער, האָט מען ווידער פונאַנדערגעטיילט די אַרעסטאַנטן פון די קאַמערן — און איך בין אין דער 22סטער קאַמער, צוזאַמען מיט די חברים פון קרעמעניץ. די קרעמעניצער זענען געווען זייער קעמפעריש געשטימט און מיט זייער אויפירונג משפּיע געווען אויף דער אַטמאָספער אין דער גאַנצער, 4טער אָפּ־

טיילונג. דער אַספּיראַנט רענקאָוועק האָט פאַרלאָזט. דער נייער אַספּיראַנט האָט שוין נישט געשלאָגן, נאָר געשריגן און געדראָט. האָט מען זיך דערלויבט אויף מער דרייסטע אַקציעס און פאָדערונגען פון דער אַדמיניסטראַציע. די פאַרוואַלטונג פון דער קאָמונע האָט באַהערשט די לאַגע אין דער לובלינער תפיסה און ס׳איז שוין נישט געווען קיין מורא, אַז עס וועט זיך ווער אַרויסדרייען פון דער דיסציפּלין פון גאַנצן קאָלעקטיוו.

פון די קרעמעניצער חברים, איז מיר באַזונדערס פאַרבליבן אין זכרון פרידמאַן, מאַטשאַן און טראָסטאַניעצקי. דער צוזאַמענשטעל פון דער איצטיקער קאַמער איז געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי די פריערדיקע „קאָמפּלעטן״. בלויז יחידים זענען געבליבן פון פריער. מ׳האָט כּסדר געברענגט נייע מענטשן. ווי נאָר מען האָט זיך צו ביסלעך צוגעוווינט צו די נייע, נעמט מען זיי אַוועק און מע ברענגט אַנדערע. ביי אַזאַ לאַגע האָט מען ניט תּמיד זיך געפילט גוט אין דער קאַמער.

נאָר אין דרויסן האָבן די געשעענישן געיאָגט איינע די אַנדערע. ס׳האָבן נישט אויפגעהערט די דייטשישע פאָדערונגען לגבי דעם דאַנציקער קאָרידאָר. די אַטמאָספער פון דער פריי האָבן מיר אויך געפילט אין די באַציאונגען פון דער אַדמיניסטראַציע. דער אומרו איז געוואַקסן. די וועכטער זענען שוין נישט געווען אַזוי זיכער ביי זיך און די אַספּיראַנטן האָבן זיך מער נישט באַנוצט מיט דער פויסט. אין דער נאַכט פון 31סטן אויגוסט אויף דעם 1טן סעפּטעמבער, איז די דייטשישע אַרמיי אַריינגעדרינגען קיין פּוילן פון דריי זייטן. וועגן דעם האָבן מיר זיך דערוווּסט פון אונדזערע וועכטער. אַלע קאָמוניסטן האָבן אָנגעשריבן ביטעס וועגן אָננעמען זיי אין דער אַרמיי, ווייל זיי ווילן פאַרטיידיקן דאָס לאַנד קעגן דער היטלעריש אינוואַזיע. מיט די ווענדונגען האָבן מיר אויסגעדריקט אונדזער צוגאַנג צו דער פראַגע פון אומאָפּהענגיקייט און פּאַטריאָטישער גרייטקייט צו קעמפן מיטן דייטשישן אַגרעסאָר. טראָץ די פאַרפאָלגונגען און צרות, וועלכע מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין פונעם סאַנאַציע־רעזשים, האָט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן די באַד־

ראַטע פוילן. דער ענטפער האָט נישט פאַרזוימט צו קומען. צומאָרגנס האָט זיך באַוויזן דער אַספּיראַנט מיט אַ דערקלערונג, אַז פון 2טן סעפּטעמבער, נעמט מען ביי אונדז צו די רעכט פון זעאונגען, פּעקלעך און קאָרעספּאָנדענץ. און בנוגע אונדזערע בקשות צו מאָביליזירן זיך אין דער אַרמיי, האָט מען זיך צו זיי באַצויגן מיט חוזק און שפּאָט.

הייסט עס, אַז די אַדמיניסטראַציע האָט גאָר באַשלאָסן צו פאַרשאַרפן דעם רעזשים לגבי די פּאָליטישע אַרעסטירטע און צו־נעמען אַלע ביז איצטיקע רעכט. נאָר מער: אויף אונדזער שאַרפער רעאַגירונג און פּראָטעסטן, האָט מען באַשטראָפט מיט אַ האַרטן געלעגער, ד. ה. צוגענומען די שטרוי־זעק וואָס האָבן געדינט פאַר מאַטעראַצן און אויף אַ וואָך צייט אויך צוגענומען די מיטאָגן. זענען מיר געשלאָפן אויף די בלויזע לייטערלעך און דערפון האָבן שטאַרק וויי געטאָן די ביינער. פאַר אונדז, די פּאָליטישע אַרעסטירטע, האָט נישט עקזיסטירט קיין אַמנעסטיע, נישט קיין מיליטער־דינסט. דאַקעגן די קרימינעלע פאַרברעכערס, האָבן זיך שוין געגרייט צו פאַרלאָזן די תפיסה.

געוועז צווישן אונדז נאָך אַ „פּאָליטישער אַרעסטירטער", דוד בורשטין, פון פאַך אַ פריזירער, וואָס צוליב זיין דעפאָרמירטן פנים, איז ער געווען באַקאַנט מיטן צונאָמען „דאָס בעקל". ער האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָר אין לובלין האָט דאָך אין יענע יאָרן געוועלטיקט דער פּראָ־קוראָר באַריטשקאָ, וואָס האָט פאַרשפּאַרט אין תפיסה אומשול־דיקע מענטשן. די אַדמיניסטראַציע האָט געהאַט צו אים צוטרוי און באַשטימט, אַז ער זאָל זיין דער פריזירער פון די אַרעסטאַנטן. דאָס האָט אים דערמעגלעכט צו באַזוכן די קאַמערן. ער האָט געקענט איבערפירן ידיעות פון איין קאַמער אין דער אַנדערער, באַזונדערס צווישן די פּאָליטישע, נאָר ער האָט נישט געוואָגט אַזעלכעס צו טאָן. ער האָט אויך נישט געברענגט קיין שאָדן. אין יענע טעג פון שפּאַנונג און נערוועזיטעט, האָט „דאָס בעקל" נישט איינמאָל זיך פאַרקלאָגט, אַז ער באַדויערט, וואָס ער איז

נישט קיין קרימינעלער פאַרברעכער, ווייל איצט וואָלט ער געהאַט אַ שאַנס באַפרייט צו ווערן — און נישט דאָ ווערן באַגראָבן.

די איזאָלאַציע אַרום אונדז איז געוואָרן שטאַרקער. מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס קומט פאָר אויף דער פריי. איינצלנע, נישט זיכערע ידיעות, זענען צו אונדז דערגאַנגען מיט גרויסע שוועריקייטן. מיר האָבן נאָר געוווּסט, אַז די דייטשישע אַרמיי גייט שנעל פאָרויס, אַז די רעגירונג איז אַנטלאָפן פון וואַרשע און זיך באַזעצט אין האָטעל „וויקטאָריאַ" אין לובלין. מיר זענען געווען פאַרצווייפלט. ס'טייטש, זיי ווילן אונדז האַלטן פאַרשפאַרט, ביז מיר וועלן אַריינפאַלן אין די היטלעריסטישע לאַפּעס, בעת מיר האָבן אויפריכטיק געוואָלט זיך אַנגאַזשירן צום קאַמף מיטן שׂונא.

דער 9טער סעפּטעמבער 1939

שבת, דעם 9טן סעפּטעמבער 1939, הערן מיר פון צייט צו צייט אין תפיסה, דעם געראַוש פון דייטשישע עראָפּלאַנען. יעדן שבת, פלעגט „דאָס בעקל״ קומען אונדז ראַזירן אין דער קאַמער. איך האָב געהאַט אַן אייגענע בריטווע, וועלכע דער וועכטער פלעגט מיר איבערגעבן נאָר צום ראַזירן זיך. אַט זיץ איך ביים טיש און ראַזיר זיך, פּלוצום דערהערט מען אַ שטאַרקן קנאַל און אויפרייס, וואָס האָט דערוועקט אַ געפיל, אַז דער „זאַמעק״ טרייסלט זיך. געמיינט האָט מען, אַז איצט קומט אונדזער סוף. נאָר אין אַלגעמיין, האָט מען זיך פאַרהאַלטן רואיק. די אויפרייסן האָבן נישט אויפגעהערט, ממש איינער נאָכן צווייטן. דאָס הייסט, אַז די דייטשישע אַוויאַציע אַטאַקירט די שטאָט מיט אַ סך עראָפּלאַנען און באָמבעס. דורך די פענצטער האָבן מיר געזען קנוילן רויך און זייער נאָענט געהערט אויפרייסן. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מ׳האָט טאַקע באָמבאַרדירט אַ טייל פון דער אַלטער שטאָט.

נאָכן אָפּראַזירן זיך, האָבן זיך אָנגעהויבן די קאָמענטאַרן. איז דאָס דער אָנהייב פון סוף? און וואָס וועט זיין מיט אונדז? ווי אַזוי זיך אַרויסבאַקומען פון דער שטייג? די שטימונג איז געווען אַ דערדריקטע. ס׳האָט נישט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק, אַז די אַדמי־ניסטראַציע האָט בדעה אונדז איבערצולאָזן פאַר די דייטשן, וואָס היינט־מאָרגן וועלן זיי פאַרנעמען די שטאָט. מ׳האָט כמעט זיך נישט צוגעריירט צום מיטאָג־עסן. נאָכן אָונט־ברויט, אַרום 6 אָוונט, האָבן פון די קאַמערן זיך דערהערט געשרייען: „וואָלנאָשטש!״ „וואָלנאָשטש!״ („פרייהייט! פרייהייט!״) און אַ געקלאַפּעריי אין די טירן און אין די קראַטן. מיר האָבן נאָכגעטאָן דעםביישפּיל פון אַנדערע און צוגעשטאַנען צו די שרייערס און קלאַפּערס. נאָר קיינער האָט נישט געענטפערט. אַלע אַרעסטאַנטן האָבן אָבער גע־

וואָלט זיך אַרויסבאַקומען אויף דער פריי. מ׳האָט נישט געוואָלט זיין אַ קרבן פון די היטלעריסטישע הענקערס. נאָר פון דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע האָט מען קיינעמען נישט געזען און נישט געהערט. האָבן מיר מיט די שווערע בענק גענומען ברעכן די טיר־קראַטן און מ׳איז אַרויס אויפן קאָרידאָר. מ׳זעט נישט קיין וועכטער. זיי זענען אַוודאי אַנטלאָפן און אונדז איבערגעלאָזט, וואָס מיינט — אויסגעליפערט דער דייטשישער אַרמיי, זאָלן זיי זיך מיט אונדז צערעכענען. דער תפיסה־נאַטשאַלניק מיט די אַספּיראַנטן און וועכטערס האָבן באַוויזן זייער אמתדיקן פּרצוף. נישט געהאַלטן פּאַר נייטיק, מיט זייער אַוועקגיין, צו עפענען די טירן און טויערן פון „זאַמעק״, אַז אויך מיר זאָלן פון דאָרט אַוועק.

אַ גרויסער טייל אַרעסטאַנטן האָט זיך געלאָזט צום מאַגאַזין, ווו ס׳האָבן זיך געפינען זייערע ציווילע קליידער, ווייל די מער־הייט איז דאָך נישט געווען פון לובלין. איך האָב דאָך געהאַט זייער נאָענט צו דער וווינונג פון מיין ליבער עוואַן און בין אַוועק אַהין, ווו כ׳האָב געטראָפן איר גאַנצע משפחה. ס׳איז שווער צו באַשרייבן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין יענעם מאָמענט. מ׳איז דאָך געווען אַזוי איבערראַשט און איבערגענומען פון די באָמבאַרדי־רונגען און שׂריפות מיטן רויך, ווי פון דעם רויטן הימל איבער דער שטאָט.

יעדער מינוט האָט מען דערוואַרט דעם אַריינמאַרש פון דייט־שישע סאָלדאַטן. די געשעפטן זענען געוואָרן אויסגעליידיקט. ס׳איז שווער געווען עפּעס צו קויפן. איך האָב זיך נישט געקענט פרייען מיט די מיר נאָענטע מענטשן. מ׳האָט געהייסן אַנטלויפן, באַזונדערס די יוגנט, שוין אָפּגערעדט פון די קאָמוניסטן.

מיינע עלטערן האָבן פאַרלאָזט זייער וווינונג און אַוועק צו דער מומע האָלצהעקער אויף לובאַרטאָווסקע 21. איך האָב דאָרט געט־ראָפן די שטאַרק פאַרוויינטע טאַטע־מאַמע. פרייד און פאַרצווייפלונג. נאָר מ׳דאַרף אַנטלויפן. איך בין יענע נאַכט כמעט ניט געשלאָפן. אין דער פרי האָבן איך מיט עטלעכע חברים זיך גע־לאָזט אין וועג אַריין, אויף מזרח, אין דער ריכטונג פון קאָוועל.

ס׳איז געווען אַ הייסער סעפּטעמבער־טאָג. די וועגן און שאָ־סייען זענען פול מיט פּליטים. ווו אַהין גיין און צו וועמען — האָט מען נישט געוווסט. און אויב מיר דערווייטערן זיך פון לובלין אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטער, ווער שוין קומען די רעטונג? בשעת מעשׂה פאַרגנבעט זיך אַ מחשבה, אַז אויב אומקומען, טאָ פאַר וואָס נישט צוזאַמען מיט די נאָענטע מענטשן? אָט דער געדאַנק האָט טאַקע געשטויסן זיך אומצוקערן פון וועג און אין אָוונט איז מען ווידער אין דער היים. איך האָב געוואָלט זיך אָנפרייען מיט דער משפּחה, מיט עוואַן, פאַרברענגען מיט זיי אַלע אַ געוויסע צייט.

אין שטאָט איז שוין נישט געווען קיין שום מאַכט. אַלץ איז זיך צעלאָפן. מענטשן האָבן געלעבט פון די צוגעגרייטע זאַפּאַסן. די ווױנונג אויף דער קאַללאַנטאַיאַ גאַס האָבן די עלטערן איבער־געלאָזט, אויס מורא, אַז זי וועט ווערן באָמבאַרדירט צוליב דער נאָענטקייט צו דער הויפּט־פּאָסט. האָבן זיי מיט דער מומע וולאַס־טאָוויצער זיך איבערגעטראָגן צו דער מומע האַלצהעקער. מיר אַלע האָבן געוואָרט אין דער דירה אויפן אַריינקום פון די דייטשן — נאָר זיי זענען נישט געקומען.

דעם 23סטן סעפּטעמבער 1939, איז די רויטע אַרמיי אַריבער די פּוילישע גרענעץ אויף מזרח און זיך דערנענטערט צום טייך בוג. מיר האָבן שוין געוווסט וועגן נישט אַגרעסיע־אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און ראַטן־פאַרבאַנד און ביי זיי איז אָוודאי געווען אָפּגערעדט, ביז וואַנען ביידע אַרמייען וועלן דערגיין. מ׳האָט געשמועסט, אַז די רויטע אַרמיי וועט דערגיין ביז דער ווייסל און לובלין וועט בלייבן אונטער סאָוויעטישער הערשאַפט.

דעם 18טן סעפּטעמבער 1939, האָבן אויף די לובלינער גאַסן זיך באַוויזן דייטשישע פּאַטראָלן. ס׳איז געווען 5 פאַרטאָג, ווען מיר האָבן דורכן פענצטער פון דער מומע האַלצהעקערס ווױנונג אַרויסגעקוקט פון דריטן שטאָק אויפן גאַס, וועלכע איז נאָך געווען ליידיק. אָט באַווייזן זיך צוויי דייטשישע זעלנער. דערנאָך — נאָך און נאָך. זיי האָבן באַזוכט די שטובן און פון דאָרט אַרויסגעטריבן די מענער, וואָס האָט זיי באַדאַרפט פאַרזיכערן אַן אומגעשטערטן

איבערנעמען די שטאָט. אויך איך האָב זיך געפינען צווישן די פאַר־האַלטענע. מ׳האָט אונדז געיאָגט אין דער ריכטונג פון די קאַשאַרן פון 8טן פולק. דאָרט האָט מען אונדז באַפוילן זיך אויסצוזעצן אויפן גראָז, אָדער אַריינגיין אין די באַראַקן, וועלכע מ׳האָט אַרומ־געשטעלט מיט מאַשינגעווער. אַזוי האָט מען אונדז געהאַלטן 2 מעת־לעת און דערנאָך אַנגעהויבן ביסלעכווייז צו באַפרייען. איך בין אַוועק אַ היים אויף דער קאַללאַנטאַיאַ גאַס, אין אונדזער דירה.

נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן, האָט שוין נישט געהאַט קיין זין צו לאָזן די וווינונג אַ ליידיקע. דאָרט האָבן די עלטערן, וווּ איך פאַרברענגט די לעצטע טעג אין לובלין. דאָס איז געשען פון 20סטן ביזן 29סטן סעפּטעמבער. די רויטע אַרמיי איז שוין געווען נאָענט פון טייך בוג. מ׳האָט געגלויבט, אַז די ידיעות וועגן דער דעמאַרקאַציע־ליניע ביי דער ווייסל, וועלן זיך באַשטעטיקן. אין לובלין האָבן זיך טאַקע באַוויזן עטלעכע אויטאָס מיט אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים דענקמאָל פון דער לובלינער אוניע, אַנטקעגן דער הויפּט־פּאָסט. שטילערהייט האָט זיך געשאַפן אַ בירגער־מיליץ, פאַרשטייט זיך, בראש מיט די קאָמוניסטן. אַ וואָסער גליק וואָלט דאָס געווען, ווען אַנשטאָט די ברוינע פאַשיסטן, זאָל אין שטאָט איינגעפירט ווערן די ראַטן־מאַכט. די שטימונג האָט זיך ביי אַלעמען פאַרבעסערט. נאָר אין די ערשטע טעג, איז אַלץ ביי אונדז קאַליע געוואָרן, צוליב אַ פּאַרפאַל מיט עוואַס פאָטער. ער איז געשטאַנען אין דער ריי נאָך צוקער און אַ דייטשישער זעלנער האָט אויף אים געשאָסן און פאַרוווּנדעט. מ׳האָט אים אָפּגעפירט אין שאַריטעקס־שפּיטאָל. ער האָט זיך גענייטיקט אין אַ בלוט־טראַנספוזיע. דאָס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל פון דער היטלעריסטישער ברוטאַלקייט לגבי אונד־זער משפחה.

דעם 29סטן סעפּטעמבער, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אָפיציעלער קאָמוניקאַט וועגן אַ צעטיילטער פוילן צווישן דייטש־לאַנד און ראַטן־פאַרבאַנד און די גרענעץ צווישן ביידע וועט זיין נישט די ווייסל, נאָר דער טייך בוג. לובלין בלייבט אונטער דער

דייטשישער אָקופּאַציע. יענעם טאָג בין איך אַרויס אין גאַס שפּאַצירן מיט עוואַן. די שטאָט האָט געהאַט פון וואָס צו ריידן. די שטימונג האָט זיך געענדערט, גרויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג זענען געוואָרן פאַרצווייפלט און רעזיגנירט. און גאַנץ באַזונדערס — די יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט שוין געוווּסט וועגן די היטלע־ריסטישע רציחות און שיקאַנעס אין דייטשלאַנד גופא און אין אַנדערע לענדער. אַלע האָבן פאַרגעפילט שווערע, ביטערע צייטן, אָבער קיינעמען איז נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז דער אומגליק וועט דערגיין צו אַזאַ פאַרנעם. אויך אַ טייל פון דער פּוילישער אינטעליגענץ איז געווען דערשראָקן. געפרייט האָבן זיך נאָר די ענדעקעס און די אָנ״ר־לייט (נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער לאַגער), וועמען ס׳איז געווען נענטער צום האַרצן די פאַשיסטישע דייטשלאַנד, ווי די באָלשעוויסטישע רוסלאַנד. אָבער מיר האָבן באַדאַרפט דעצידירן, ווייל ווי אַ ייד און קאָמוניסט, וואָלט איך אַוודאי געווען פון די ערשטע קרבנות. מיר איז אָבער נישט איינגעפאַלן צו פאַרלאָזן די שטאָט אָן עוואַן. וועגן די עלטערן, האָט נישט געקענט זיין קיין רייד זיי מיטצונעמען. מעגלעך, ווען מ׳וואָלט דעמאָלט געוווּסט מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן, וואָלט מען ניט אַוועקגעשטעלט אַזוי פיל פּרעגצייכנס. מענטשן האָבן זיך געריכט אויף אומגליקן, אָבער נישט אויף קיין מאַסן־אויסראָטונג.

מיר פאַרלאָזן לובלין

צומאָרגנס נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם קאָמוניקאַט, האָט מען אין דער היים דעצידירט, אַז איך מיט עוואַן זאָלן פאַרלאָזן לובלין. מ׳טאָר נישט מער אָפּשלעפּן אין דער פראַגע. ס׳האָבן קורסירט פאַרשידענע קלאַנגען, אַז ס׳איז שווער אַריבער צו קומען אויף יענער זייט, די דייטשן נעמען אַלץ צו. בכלל, איז דאָס אַ ריזי־קאַלישע אונטערנעמונג צו לאָזן זיך אין אַזאַ אומבאַקאַנטן וועג. מיר האָבן געגלויבט די אַלע קלאַנגען, אָבער זיך געלאָזט אין וועג אַריין, נאָר גאָרנישט גענומען מיט זיך. דעם 30סטן סעפּטעמבער האָבן מיר, נאָך 20 טעג פון זיין צוזאַמען, זיך געזעגנט מיט די עלטערן. ווידער טרערן און פאַרצווייפלונג פון דער מאַמען, וועלכע איך האָב געזען צום לעצטן מאָל. דאַקעגן עווא האָט נישט געהאַט קיין באַזונדערע שוועריקייטן, ווען זי האָט דערקלערט, אַז זי פאַר־לאָזט אַלץ און גייט מיט מיר אויף מזרח. אין אַזאַ סיטואַציע, האָבן אירע עלטערן זיך ניט געקענט אַנטקעגנשטעלן. מעגלעך, אַז ביי זיך האָט מען געטראַכט, אפשר איז גוט אַזוי, וואָס זי אַנטלויפט פון דער געפאַר. מ׳האָט טאַקע נישט געוווסט וואָס דערוואַרט ביי די רוסן. דערפאַר אָבער איז מען געווען זיכער, אַז ביים דייטש וועט מען כּסדר זיין אויסגעשטעלט אויף צרות און געפאַרן.

מיין מאַמע האָט נאָר געבעטן עוואַן, זי זאָל מיט מיר שטעלן אַ חופּה. איר פאָטער איז נאָך געלעגן אין שפּיטאָל. מיר האָבןביידע פאַרלאָזט די שטאָט, אין דער ריכטונג פון פּיאַסעטשנאַ. ביי די לובלינער ראָגאַטקעס האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף דייטשישע פּאַטרולן. אונדזער פאַרמעגן איז געווען דאָס וואָס מיר האָבן געטראָגן אויף זיך. ערשט שפּעטער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מיר האָבן געטאָן אַ נאַרישקייט, ווייל מ׳האָט געקענט מיטנעמען געוויסע זאַכן. מיר האָבן געזען, ווי די דייטשן קוקן נישט אַפילו אויף די, וואָס האָבן געשלעפּט מיט זיך אַ באַגאַזש. דעמאָלט

זענען נאָך נישט געווען קיין שום באַגרענעצונגען. דאַקעגן האָבן מיר אויפן וועג געטראָפן מענטשן, וואָס האָבן זיך געאײַלט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — קיין לובלין. דאָס זענען געווען די, וואָס האָבן פאַרלאָזט די שטאָט אין די ערשטע טעג נאָכן מלחמה־אויסברוך, אָדער נאָכן אַרײַנמאַרש פון דער דײַטשישער אַרמיי. אײנעם פון זיי האָב איך דערקענט, דאָס איז געווען דער אַרביטור־רענט פון דער סטאַשיצאַ־גימנאַזיע, וואָס האָט געלערנט אין אַ קלאַס העכער פון מיר, דער ברודער פון יורעק ראַכוואַלד, אַ באַ־קאַנטער אַנטיסעמיט, אַ מיטגליד פון דער אָנ״ר. אויך ער האָט מיך דערקענט און בײדע האָבן זיך געשטעלט אידענטישע פראַגן:

— וואוהין גײסטו?

— איך אַנטלויף פון די דײַטשן און גײ אויף מזרח, קיין רוסלאַנד — איז געווען מײַן ענטפער.

— און איך — האָט ער מיר געזאָגט — אַנטלויף פון די באָלשעוויקעס צו די דײַטשן.

פאַר מיר איז אָבער דער אויסוואַל געווען אָן וועלכן ס׳איז ספק. דער אָנ״ריסט איז געלאָפן צו די דײַטשן, דער קאָמוניסט — צו די באָלשעוויקעס. נאָכן אַדורכגײן די דײַטשישע פּאַטרולן, איז דער וועג געווען פרײַ. די סאָוויעטישע אַרמיי איז געשטאַנען נישט ווײַט, זיי זענען שוין געהאַט אַריבער די ליניע פון טײַך בוג און נאָכן הסכם, זיך געמוזט צוריקציען. אונדז האָט אָפּגעטײלט פון זיי אַ מרחק פון איבער 20 קילאָמעטער. פאַרנאַכט האָבן מיר באַמערקט סאָוויעטישע טאַנקען און זעלנער. זיי האָבן אונדז פרײַנטלעך אויפ־גענומען, געוווּסט, אַז מיר אַנטלויפן פון די דײַטשן.

אין פּיאַסעטשנע האָבן מיר זיך אַנגעטראָפן אויף אַ מאַסע מענטשן, פּליטים ווי מיר. איבערהויפּט קאָמוניסטן, וואָס האָבן די ערשטע פאַרלאָזט לובלין. אונדז איז געלונגען אַרײַנצופאָרן אויף אַ לאַסט־אויטאָ קיין כעלעם, ווו ס׳האָט געוווינט מײַן קוזינע פעלאַ מיטן מאַן. נאָר אויך זיי זענען שוין אַנטלאָפן אויף מזרח. מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין כעלעם און באַשלאָסן צו וואַנדערן ווײַטער — קיין לודמיר, ווו מיר האָבן געהאַט נאָענטע מענטשן.

דאָרט האָט פּיל יאָרן געוווינט אונדזער שכן ווייבערג מיט זיין משפּחה, ביי וועמען איך האָב איינמאָל אַפּילו פאַרברענגט מיינע זומער־פעריען. פון בעלעם קיין הרוביעשוו זענען מיר געפאָרן אויף אַ פורל און דעם צווייטן טאָג קומט מען אָן קיין לודמיר.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין אונדזער לעבן. אַ תקופה פון נע־ונד און צרות, וועלכע מ'האָט איבערגעלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד במשך 5 יאָר. איך האָב נישט פאַרגעפילט, אַז די דאָזיקע מלחמה וועט אונדז ברענגען אַזוי פיל קרבנות און אומגליקן, אַז כ'וועל מער נישט זען טאַטע־מאַמע און די משפּחה, אַפילו נישט וויסן ווו זייערע קברים געפינען זיך, כּדי קאָנען דאָרט אַוועקלייגן אַ בינטל בלומען...

עוואַ און נאַטעק אַקערמאַן, ... ו, אין 1956

נאָכוואָרט

די זכרונות האָב איך געשריבן אין וואַרשע, אין די זעכציקער יאָרן. איך האָב געטראַכט צו דערציילן אויך וועגן אונדזער לעבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, פֿון האַרבסט 1939 ביז סוף 1944 — אָבער דערפֿון רעזיגנירט. וועגן דער תּקופֿה וועל איך איבערגעבן בקיצור:

נאָכן אַנטלויפֿן פֿון לובלין אין סעפּטעמבער 1939, בין איך אָנגעקומען אין מערב ווייסרוסלאַנד, ווו נאָכן פֿאַרענדיקן אַ לערער־קורס, האָב איך געאַרבעט אַלס לערער אין סקידעל, לאַכאַוויטש און באַראַנאָוויטש. מיטן אויסברוך פֿון דער דייטשיש־סאָוויעטישער מלחמה, זענען מיר מיט 2 טעג שפּעטער, דעם 24סטן יוני 1941, אַנטלאָפֿן פֿונעם זיך דערנענטערנדיקן פֿראָנט. עוואָן איז געלונגען זיך אַרויפֿצובאַקומען אויף אַ מיליטערישן לאַסט־אויטאָ, פֿול מיט אַנטלויפֿנדיקע סאָוויעטישע אָפֿיצירן. איך, מיט אַ באַוואָפֿנטער גרופּע, זענען אַוועק אויף מזרח. מיין פֿאָטער, וואָס איז געווען מיט אונדז צוזאַמען און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַוועקצופֿאָרן מיטן וועלכן ס׳איז טראַנספּאָרט־מיטל, איז געבליבן אויפֿן אָרט און אומגעקומען.

נאָך דעם ווי מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַ צוויי צענדליק קילאָמעטער, זענען מיר באַשאָסן געוואָרן פֿון דער דייטשישער אַרטילעריע און די גרופּע איז זיך צעלאָפֿן אין פֿאַרשידענע זייטן. איך בין געבליבן אַליין. נאָך 6 וואָכן וואַנדערן צופֿוס — אַ דערשעפּטער, הונגעריקער און קראַנקער, בין איך דערגאַנגען צו דער באַן־סטאַציע רעזשעוו, סמאָלענסקער געגנט און מיט אַן עשעלאָן עוואַקואירטע אָנגעקומען אויפֿן צפֿונדיקן אוראַל, ווו ס׳האָט זיך כּמעט געענדיקט די באַן־ליניע. דאָרט בין איך שוין געבליבן ביזן סוף פֿון יאָר 1944 און געאַרבעט אויף אַ לערער־פּאָסטן אין אַ גימנאַזיע.

פֿאַר דער גאַנצער צייט, האָב איך נישט אויפֿגעהערט צו זוכן

עוואַן, נאָר אַ דאַנק אַ גליקלעכן צופאַל, איז מיר געלונגען זי אַפּצוגעפינען. מיט די עוואַקואירטע פון קאַווקאַז קיין אוראַל, איז געווען דער לובלינער ייִד חיים גרינפעלד, וועמען איך האָב געטראָפן אויפן מאַרק אין אוסאַלי. ער האָט מיר דערציילט, אַז דורכפאָרנדיק די סטאַציע אַריס, האָט ער באַגעגנט דעם לובלינער ייִד שפּיראָ, וואָס האָט געזען עוואַ ראָזנבלום אין לענגער־אוגאַל, קאַזאַכסטאַן. זי האָט דאָרט געאַרבעט אין „זאַגאָטזערנאָ”. אין פעברואַר 1943 איז עוואַ געקומען צו מיר. פאַר דער צייט פון זיין לערער אין אַ שול, האָב איך אויך באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם דייטשן פאַקולטעט אויפן אוניווערסיטעט אין סווערדלאָווסק.

אין האַרבסט 1944, האָבן מיר פאַרלאָזט אוראַל און געוווינט אויף אוקראַינע. מיך האָט מען מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי און מיט איר בין איך סוף 1944 אָנגעקומען קיין לובלין. די איינציק לעבן געבליבענע לובלינער ייִדן, וועלכע איך האָב געט־ראָפן אין שטאָט, זענען געווען: אלי שטאָקמאַן און יוסף לעווענ־בוים. אין פעברואַר 1945, האָט מען מיך געשיקט קיין וואַרשע אויף פּאַרטייאישער אַרבעט. איך האָב געלעבט מיט דער אילוזיע, אַז די פאָלקס־דעמאָקראַטישע פּוילן, וועט נאָך אַזאַ שוידערלעכער טראַגעדיע, שאַפן נייע לעבנס־פאָרמען, אָן ראַסן־האַס, אָן שאָווי־ניזם, אָן דיסקרימינאַציע — לויט אונדזערע טרוימען אין די יוגנט־יאָרן. איך האָב געאַרבעט אַלס פּעדאַגאָג און לעקטאָר. דער קעל־צער פּאָגראָם אין 1946 האָט אונדז אויפגעטרייסלט, אָבער מיר זענען געבליבן אין פּוילן.

מיין וועלט־אַנשויאונג האָט באַקומען אַ שטאַרקן שאָק אין יאָר 1952/53, נאָכן דאָקטוירים־בלבול אין מאָסקווע — אַ פינצטער, אַנטיסעמיטיש קאַפּיטל אין דער תקופה פון סטאַלינען. דערנאָך איז געקומען דאָס יאָר 1956, מיט דער אַנטי־ייִדישער העצע אין פּוילן, בראש פון וועלכע עס זענען געשטאַנען אָנפירנדיקע קאָ־מוניסטן. דעמאָלט איז ווידער באַפאַלן אַ מחשבה אַרויסצופאָרן, נאָר מ׳איז דאָך געבליבן אין פּוילן. אַ מענטש קלויבט תמיד עפּעס אויס, וויכטיקס אָדער נישט וויכטיקס — נאָר צום באַדויערן,

באַקומט זיך דאָס שלעכטע. ווידער געהאַט די אילוזיע, אַז גאָמול־קאַס צוריקקער צו דער מאַכט, וועט פֿאַרבעסערן די לאַגע. נאָך עטלעכע יאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך דער גלויבן איז געווען אילוזאָריש. שוין אָפּגערעדט פֿון די כּסדרדיקע פּראָבלע־מען, אַז אויף אַזאַ אָרט מעג יאָ אַרבעטן אַ ייִד, אויף אַ צווייט אָרט — נישט. אַ סברה, אַז דאָס פּראָבלעם וועט ביי זיי שטענדיק עקזיס־טירן. ווייל אין יעדער קריטישער סיטואַציע, איז באַקוועם צו פֿאַרוואַנדלען דעם ייִד אין דעם כּפּרה־הינדל.

אין די צייטן פֿון סטאַלינען, זענען ייִדן געווען סטאַליניסטן; אין גאָמולקאַס צייטן — רעוויזיאָניסטן; אין די יאָרן 1968/69 — ציוניסטן. די אַנטיסעמיטישע וואַקכאַנאַליע פֿון דער פּ.ז.פּ.ר. (פּוי־לישע פֿאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי) אין יענע יאָרן האָט אונדז איבערצייגט, אַז מ׳דאַרף פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָס האָט אַזוי שטיפֿמוטעריש זיך באַצויגן צו אירע ייִדישע בירגער. (דער אָנגע־זעענער פּוילישער געלערנטער און סאָציאָלאָג, פּראָפֿ׳ אָסאָווסקי האָט אַנומלט געזאָגט, אַז „אַ פֿאָטערלאַנד איז דאָס לאַנד, וואָס האָסט עס ליב, אָבער ס׳האָט אויך דיך ליב״). אין פֿאַל מיט די ייִדן אין פּוילן, איז נישט געווען קיין קעגנזייטיקייט.

הגם מיר לעבן שוין אין שוועדן איבער 20 יאָר און שאַצן אָפּ פּאָזיטיוו דאָס היגע לעבן, טראַכטן מיר אָפֿט וועגן ישׂראל און די געפֿילן פֿאַר דער ייִדישער מדינה באַגלייטן אונדז תּמיד. באַזונדיק דאָס לאַנד, פֿילן מיר זיך גוט, די מענטשן זענען אונדז נאָענט, נאָר איצט איז שוין שווער עפּעס צו ענדערן.

די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ענדערונגען אין דער פֿריערדי־קער, „נאַציאָנאַליסטישער״ אייראָפּע האָבן ווידער אַמאָל אַרויס־געררופֿן, ווי דער שטייגער ביי יעדן סאָציאַל־פּאָליטישן קריזיס, דעם אויפֿוואַכנדיקן אַנטיסעמיטיזם און באַוויזן, צום וויפֿלטן מאָל, ווי ס׳איז נייטיק אַן אייגן לאַנד. געמיינט — ישׂראל, וואָס ביי יעדער סיטואַציע, האַלט זי אָפֿן אירע טויערן און איז גרייט צו ראַטעווען די באַדראָטע ייִדן.

שטאָקהאָלם, אַפּריל 1990